# שמואל א

ויהי איש אחד מן־הרמתים צופים מהר אפרים ושמו א
אלקנה בן־ירחם בן־אליהוא בן־תחו בן־צוף אפרתי׃
ולו שתי נשים שם אחת חנה ושם השנית פננה ויהי ב
לפננה ילדים ולחנה אין ילדים׃ ועלה האיש ההוא מעירו ג
מימים ימימה להשתחות ולזבח ליהוה צבאות בשלה
ושם שני בני־עלי חפני ופנחס כהנים ליהוה׃ ויהי היום ד
ויזבח אלקנה ונתן לפננה אשתו ולכל־בניה ובנותיה מנות׃
ולחנה יתן מנה אחת אפים כי את־חנה אהב ויהוה סגר ה
רחמה׃ וכעסתה צרתה גם־כעס בעבור הרעמה כי־ ו
סגר יהוה בעד רחמה׃ וכן יעשה שנה בשנה מדי ז
עלתה בבית יהוה כן תכעסנה ותבכה ולא תאכל׃
ויאמר לה אלקנה אישה חנה למה תבכי ולמה לא ח
תאכלי ולמה ירע לבבך הלוא אנכי טוב לך מעשרה
בנים׃ ותקם חנה אחרי אכלה בשלה ואחרי שתה ט
ועלי הכהן ישב על־הכסא על־מזוזת היכל יהוה׃ והיא י
מרת נפש ותתפלל על־יהוה ובכה תבכה׃ ותדר נדר יא
ותאמר יהוה צבאות אם־ראה תראה ׀ בעני אמתך
וזכרתני ולא־תשכח את־אמתך ונתתה לאמתך זרע
אנשים ונתתיו ליהוה כל־ימי חייו ומורה לא־יעלה על־
ראשו׃ והיה כי הרבתה להתפלל לפני יהוה ועלי שמר יב
את־פיה׃ וחנה היא מדברת על־לבה רק שפתיה נעות יג

---

א׳ הפטורה ליום ראשון של ראש השנה   ג׳ ר׳ דגושה   ט׳ כצ״ל יא״ס״א הת׳ בקמץ

**א** 1 עס איז געווען אַ מאַן פון רָמָתַיִם־צופים, פון דעם געבערג פון אפרים, וואָס זיין נאָמען איז געווען אֶלקָנָה, דער זון פון ירוחָם, דעם זון פון אֱליהוא, דעם זון פון תוחו, דעם זון פון צופן, אַן אפרַיִמער. 2 און ער האָט געהאַט צוויי ווייבער: דער נאָמען פון איינער איז געווען חַנה, און דער נאָמען פון דער צווייטער פנינה; און פנינה האָט געהאַט קינדער, און חַנה האָט קיין קינדער ניט געהאַט. 3 און יענער מאַן פלעגט פון יאָר צו יאָר אַרויפגיין פון זיין שטאָט, זיך צו בוקן און צו שלאַכטן צו גאָט פון צבָאות אין שילו. און עֵלִיס צוויי זין, חָפני און פינחס, זיינען דאָרטן געווען כהנים צו גאָט. 4 און ווי עס איז געווען דער טאָג, און אֶלקָנָה האָט געשלאַכט, אַזוי פלעגט ער געבן זיין ווייב פנינהן און אַלע אירע זין און אירע טעכטער חלקים. 5 אָבער חַנהן פלעגט ער געבן אַ טאָפּעלן חלק, וואָרום חַנהן האָט ער ליב געהאַט, נאָר גאָט האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט. 6 און די אַנדער ווייב האָט נאָך זי ערגערן געערגערט, כדי זי צו דערצערענען, ווייל גאָט האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט. 7 און ווי ער פלעגט אַזוי טאָן יאָר אין יאָר, ווען זי איז אַרויפגעגאַנגען אין הויז פון גאָט, אַזוי פלעגט יענע זי ערגערן; און זי האָט געוויינט, און פלעגט ניט עסן. 8 האָט אֶלקָנָה איר מאַן געזאָגט צו איר: חַנה, פאַרוואָס וויינסטו? און פאַרוואָס עסטו ניט? און פאַרוואָס איז דיין האַרץ פאַראומערט? בין איך דיר ניט בעסער פון צען קינדער?

9 איז חַנה אויפגעשטאַנען נאָכן עסן אין שילו און נאָכן טרינקען—און עֵלי דער כהן איז געזעסן אויף אַ שטול ביי דעם ביישטידל פון גאָטס טעמפּל—10 און ווי זי איז געווען אין אַ ביטער געמיט, אַזוי האָט זי מתפלל געווען צו גאָט, און האָט שטאַרק געוויינט. 11 און זי האָט אַ נדר געטאָן, און האָט געזאָגט: גאָט פון צבָאות, אויב זען וועסטו זען די פּיין פון דיין דינסט, און וועסט דאַכטן אָן מיר, און ניט פאַרגעסן אָן דיין דינסט, און וועסט שענקען דיין דינסט אַ קינד אַ זָכר, וועל איך אים אָפּגעבן צו גאָט אויף אַלע טעג פון זיין לעבן, און אַ שערמעסער וועט ניט אַרויפקומען אויף זיין קאָפּ.

13 און עס איז געווען, ווי זי האָט לאַנג מתפלל געווען פאַר גאָט, אַזוי האָט עֵלי אויפגעפּאַסט איר מויל. 13 וואָרום חַנה, זי האָט גערעדט אין איר האַרצן; בלויז אירע ליפּן האָבן זיך געשאָקלט, אָבער איר קול האָט

זיך ניט געהערט; און עלי האָט זי גערעכנט פֿאַר אַ
שיכורער. 14 האָט עלי געזאָגט צו איר: ביז װאַנען װעסטו
זײַן שיכור? טו אָפּ דײַן װײַן פֿון זיך. 15 האָט חנה געענט־
פֿערט און האָט געזאָגט: נײַן, מײַן האַר, אַ פֿרױ מיט אַ
שװער געמיט בין איך, און װײַן און שטאַרק געטראַנק האָב
איך ניט געטרונקען, נײַערט איך האָב אױסגעגאָסן מײַן
זעל פֿאַר גאָט. 16 זאָלסט ניט האַלטן דײַן דינסט פֿאַר אַ
נידערטרעכטיקער פֿרױ, װאָרום פֿון מײַן גרױס קלאַג און
מײַן ערגערניש האָב איך גערעדט ביז אַהער. 17 האָט זיך
אָפּגערופֿן עלי און האָט געזאָגט: גײ לשלום, און דער גאָט
פֿון ישׂראל זאָל שענקען דײַן בקשה װאָס דו האָסט גע־
בעטן פֿון אים. 18 האָט זי געזאָגט: זאָל דײַן דינסט געפֿינען
לײַטזעליקײט אין דײַנע אױגן.

און די פֿרױ איז געגאַנגען אױף איר װעג, און זי האָט
געגעסן, און האָט געקריגן אַן אַנדער פּנים. 19 און אין דער
פֿרי האָבן זײ זיך געפֿעדערט, און זײ האָבן זיך געבוקט
פֿאַר גאָט, און האָבן זיך אומגעקערט, און זײַנען געקומען
אין זײער הױז קײן רָמָה. און אֶלקָנָה האָט דערקענט זײַן
װײַב חנהן; און גאָט האָט אָן איר געדאַכט. 20 און עס
איז געװען נאָכן אומדרײ פֿון די טעג, האָט חנה אױסגע־
טראָגן און האָט געבאָרן אַ זון; און זי האָט גערופֿן זײַן
נאָמען שמואל, װײַל: „פֿון גאָט האָב איך אים אױס־
געבעטן".

21 און דער מאַן אֶלקָנָה מיט זײַן גאַנצן הױזגעזינט איז
אַרױפֿגעגאַנגען צו שלאַכטן פֿאַר גאָט דאָס שלאַכטאָפּפֿער
פֿון יאָר, און זײַן נדר. 22 אָבער חנה איז ניט אַרױפֿגע־
גאַנגען, װאָרום זי האָט געזאָגט צו איר מאַן: ביז דער ייִנגל װעט אָנטװײנט װערן; דענסמאָל װעל איך אים ברענגען,
און ער װעט זיך װײַזן פֿאַר גאָט, און װעט דאָרטן בלײַבן אױף שטענדיק. 23 האָט אֶלקָנָה איר מאַן געזאָגט צו איר: טו
װאָס איז גוט אין דײַנע אױגן; בלײַב ביז דו װעסט אים אָנטװײנען. זאָל נאָר גאָט מקיים זײַן זײַן װאָרט. איז די פֿרױ גע־
בליבן; און זי האָט געזױגן איר קינד ביז זי האָט אים אָנטװײנט.

24 און אַז זי האָט אים אָנטװײנט, האָט זי אים אַרױפֿגעבראַכט מיט זיך, מיט דרײַ אָקסן, און אײן אֵיפָה מעל, און
אַ לאָגל װײַן; און זי האָט אים געבראַכט אין הױז פֿון גאָט אין שילה, און דער ייִנגל איז געװען יונג. 25 און זײ האָבן גע־
שאָכטן דעם אָקס, און האָבן געבראַכט דעם ייִנגל צו עֵלין. 26 און זי האָט געזאָגט: איך בעט דיך, מײַן האַר, אַזױ װי
דײַן זעל לעבט, מײַן האַר, איך בין די פֿרױ װאָס איז דאָ געשטאַנען לעבן דיר, מתפּלל צו זײַן צו גאָט. 27 אױף דעם־
דאָזיקן ייִנגל האָב איך מתפּלל געװען, און גאָט האָט מיר געשאָנקען מײַן בקשה װאָס איך האָב געבעטן[א] פֿון אים. 28 און
אױך איך האָב אים געליִען[א] צו גאָט; אַלע טעג װאָס ער לעבט, איז ער געליִען צו גאָט. און ער האָט זיך דאָרטן גע־
בוקט צו גאָט.

## ב

1 און חנה האָט מתפּלל געװען, און האָט געזאָגט:
מײַן האַרץ איז לוסטיק דורך גאָט,

[א] װאָרטשפּיל: שְׁאֵלָתִי–הִשְׁאִלְתִּהוּ.

יד וְקוֹלָהּ לֹא יִשָּׁמֵעַ וַיַּחְשְׁבֶהָ עֵלִי לְשִׁכֹּרָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ
טו עֵלִי עַד־מָתַי תִּשְׁתַּכָּרִין הָסִירִי אֶת־יֵינֵךְ מֵעָלָיִךְ׃ וַתַּעַן
חַנָּה וַתֹּאמֶר לֹא אֲדֹנִי אִשָּׁה קְשַׁת־רוּחַ אָנֹכִי וְיַיִן וְשֵׁכָר
טז לֹא שָׁתִיתִי וָאֶשְׁפֹּךְ אֶת־נַפְשִׁי לִפְנֵי יְהוָה׃ אַל־תִּתֵּן אֶת־
אֲמָתְךָ לִפְנֵי בַּת־בְּלִיָּעַל כִּי מֵרֹב שִׂיחִי וְכַעְסִי דִּבַּרְתִּי
יז עַד־הֵנָּה׃ וַיַּעַן עֵלִי וַיֹּאמֶר לְכִי לְשָׁלוֹם וֵאלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
יח יִתֵּן אֶת־שֵׁלָתֵךְ אֲשֶׁר שָׁאַלְתְּ מֵעִמּוֹ׃ וַתֹּאמֶר תִּמְצָא
שִׁפְחָתְךָ חֵן בְּעֵינֶיךָ וַתֵּלֶךְ הָאִשָּׁה לְדַרְכָּהּ וַתֹּאכַל וּפָנֶיהָ
יט לֹא־הָיוּ־לָהּ עוֹד׃ וַיַּשְׁכִּמוּ בַבֹּקֶר וַיִּשְׁתַּחֲווּ לִפְנֵי יְהוָה
וַיָּשֻׁבוּ וַיָּבֹאוּ אֶל־בֵּיתָם הָרָמָתָה וַיֵּדַע אֶלְקָנָה אֶת־חַנָּה
כ אִשְׁתּוֹ וַיִּזְכְּרֶהָ יְהוָה׃ וַיְהִי לִתְקֻפוֹת הַיָּמִים וַתַּהַר חַנָּה
וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ שְׁמוּאֵל כִּי מֵיְהוָה שְׁאִלְתִּיו׃
כא וַיַּעַל הָאִישׁ אֶלְקָנָה וְכָל־בֵּיתוֹ לִזְבֹּחַ לַיהוָה אֶת־זֶבַח הַיָּמִים
כב וְאֶת־נִדְרוֹ׃ וְחַנָּה לֹא עָלָתָה כִּי־אָמְרָה לְאִישָׁהּ עַד־יִגָּמֵל
הַנַּעַר וַהֲבִאֹתִיו וְנִרְאָה אֶת־פְּנֵי יְהוָה וְיָשַׁב שָׁם עַד־עוֹלָם׃
כג וַיֹּאמֶר לָהּ אֶלְקָנָה אִישָׁהּ עֲשִׂי הַטּוֹב בְּעֵינַיִךְ שְׁבִי עַד־גָּמְלֵךְ
אֹתוֹ אַךְ יָקֵם יְהוָה אֶת־דְּבָרוֹ וַתֵּשֶׁב הָאִשָּׁה וַתֵּינֶק אֶת־
כד בְּנָהּ עַד־גָמְלָהּ אֹתוֹ׃ וַתַּעֲלֵהוּ עִמָּהּ כַּאֲשֶׁר גְּמָלַתּוּ בְּפָרִים
שְׁלֹשָׁה וְאֵיפָה אַחַת קֶמַח וְנֵבֶל יַיִן וַתְּבִאֵהוּ בֵית־יְהוָה
כה שִׁלוֹ וְהַנַּעַר נָעַר׃ וַיִּשְׁחֲטוּ אֶת־הַפָּר וַיָּבִאוּ אֶת־הַנַּעַר אֶל־
כו עֵלִי׃ וַתֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי חֵי נַפְשְׁךָ אֲדֹנִי אֲנִי הָאִשָּׁה הַנִּצֶּבֶת
כז עִמְּכָה בָּזֶה לְהִתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה׃ אֶל־הַנַּעַר הַזֶּה הִתְפַּלָּלְתִּי
כח וַיִּתֵּן יְהוָה לִי אֶת־שְׁאֵלָתִי אֲשֶׁר שָׁאַלְתִּי מֵעִמּוֹ׃ וְגַם אָנֹכִי
הִשְׁאִלְתִּהוּ לַיהוָה כָּל־הַיָּמִים אֲשֶׁר הָיָה הוּא שָׁאוּל לַיהוָה
וַיִּשְׁתַּחוּ שָׁם לַיהוָה׃

ב

א וַתִּתְפַּלֵּל חַנָּה וַתֹּאמַר עָלַץ לִבִּי בַּיהוָה רָמָה קַרְנִי

א, י' חסר א

בַּיהוָה רָחַב פִּי עַל־אוֹיְבַי כִּי שָׂמַחְתִּי בִּישׁוּעָתֶךָ׃ אֵין ב
קָדוֹשׁ כַּיהוָה כִּי־אֵין בִּלְתֶּךָ וְאֵין צוּר כֵּאלֹהֵינוּ׃ אַל־ ג
תַּרְבּוּ תְדַבְּרוּ גְּבֹהָה גְבֹהָה יֵצֵא עָתָק מִפִּיכֶם כִּי אֵל
דֵּעוֹת יְהוָה וְלֹא נִתְכְּנוּ עֲלִלוֹת׃ קֶשֶׁת גִּבֹּרִים חַתִּים ד
וְנִכְשָׁלִים אָזְרוּ חָיִל׃ שְׂבֵעִים בַּלֶּחֶם נִשְׂכָּרוּ וּרְעֵבִים ה
חָדֵלּוּ עַד־עֲקָרָה יָלְדָה שִׁבְעָה וְרַבַּת בָּנִים אֻמְלָלָה׃
יְהוָה מֵמִית וּמְחַיֶּה מוֹרִיד שְׁאוֹל וַיָּעַל׃ יְהוָה מוֹרִישׁ ו ז
וּמַעֲשִׁיר מַשְׁפִּיל אַף־מְרוֹמֵם׃ מֵקִים מֵעָפָר דָּל מֵאַשְׁפֹּת ח
יָרִים אֶבְיוֹן לְהוֹשִׁיב עִם־נְדִיבִים וְכִסֵּא כָבוֹד יַנְחִלֵם
כִּי לַיהוָה מְצֻקֵי אֶרֶץ וַיָּשֶׁת עֲלֵיהֶם תֵּבֵל׃ רַגְלֵי חֲסִידָו ט
יִשְׁמֹר וּרְשָׁעִים בַּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ כִּי־לֹא בְכֹחַ יִגְבַּר־אִישׁ׃
יְהוָה יֵחַתּוּ מְרִיבָו עָלָו בַּשָּׁמַיִם יַרְעֵם יְהוָה יָדִין אַפְסֵי־ י
אָרֶץ וְיִתֶּן־עֹז לְמַלְכּוֹ וְיָרֵם קֶרֶן מְשִׁיחוֹ׃ * וַיֵּלֶךְ אֶלְקָנָה יא
הָרָמָתָה עַל־בֵּיתוֹ וְהַנַּעַר הָיָה מְשָׁרֵת אֶת־יְהוָה אֶת־פְּנֵי
עֵלִי הַכֹּהֵן׃ וּבְנֵי עֵלִי בְּנֵי בְלִיָּעַל לֹא יָדְעוּ אֶת־יְהוָה׃ יב
וּמִשְׁפַּט הַכֹּהֲנִים אֶת־הָעָם כָּל־אִישׁ זֹבֵחַ זֶבַח וּבָא נַעַר יג
הַכֹּהֵן כְּבַשֵּׁל הַבָּשָׂר וְהַמַּזְלֵג שְׁלֹשׁ הַשִּׁנַּיִם בְּיָדוֹ׃ וְהִכָּה יד
בַכִּיּוֹר אוֹ בַדּוּד אוֹ בַקַּלַּחַת אוֹ בַפָּרוּר כֹּל אֲשֶׁר יַעֲלֶה
הַמַּזְלֵג יִקַּח הַכֹּהֵן בּוֹ כָּכָה יַעֲשׂוּ לְכָל־יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים
שָׁם בְּשִׁלֹה׃ גַּם בְּטֶרֶם יַקְטִרוּן אֶת־הַחֵלֶב וּבָא ׀ נַעַר טו
הַכֹּהֵן וְאָמַר לָאִישׁ הַזֹּבֵחַ תְּנָה בָשָׂר לִצְלוֹת לַכֹּהֵן וְלֹא־
יִקַּח מִמְּךָ בָּשָׂר מְבֻשָּׁל כִּי אִם־חָי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו הָאִישׁ טז
קַטֵּר יַקְטִירוּן כַּיּוֹם הַחֵלֶב וְקַח־לְךָ כַּאֲשֶׁר תְּאַוֶּה נַפְשֶׁךָ
וְאָמַר ׀ לוֹ כִּי עַתָּה תִתֵּן וְאִם־לֹא לָקַחְתִּי בְחָזְקָה׃ וַתְּהִי יז
חַטַּאת הַנְּעָרִים גְּדוֹלָה מְאֹד אֶת־פְּנֵי יְהוָה כִּי נִאֲצוּ
הָאֲנָשִׁים אֵת מִנְחַת יְהוָה׃ וּשְׁמוּאֵל מְשָׁרֵת אֶת־פְּנֵי יח
יְהוָה נַעַר חָגוּר אֵפוֹד בָּד׃ וּמְעִיל קָטֹן תַּעֲשֶׂה־לּוֹ אִמּוֹ יט

ג׳ ולו ק׳ ה׳ הקמץ בז״ק ל׳ דגושה ט׳ חסידיו ק
י׳ מריביו קרי עליו ק ע״כ טז׳ לא ק

מיין האָרן איז דערהויבן דורך גאָט;
מיין מויל איז ברייט אַקעגן מיינע פיינט,
וואָרום איך פריי זיך מיט דיין הילף.
2 ניטאָ אַ הייליקער ווי יהוה,
וואָרום חוץ דיר איז ניטאָ;
און ניטאָ אַ פעלז ווי אונדזער גאָט.
3 ניט מערן זאָלט איר הויכהאָפערדיקע רייד,
ניט אַרויס זאָל פאַרשייטס פון אייער מויל,
וואָרום אַ גאָט פון וויסן איז יהוה,
און פון אים ווערן מעשים געוויגן.
4 דער בויגן פון גיבורים ווערט צעבראָכן,
און געשטרויכלטע גורטן אָן קראַפט.
5 זאַטע פאַרדינגען זיך אום ברויט,
און הונגעריקע רוען אָפ;
בעת די עקרה געבערט זיבן,
ווערט די רייכע אין קינדער פאַרוועלקט.
6 גאָט טייט און מאַכט לעבעדיק,
ער מאַכט נידערן אין גרוב און ברענגט אויף.
7 גאָט מאַכט אָרים און מאַכט רייך,
ער דערנידערט און דערהייבט.
8 ער ריכט אויף פון שטויב דעם אָרימאַן,
פון מיסט הייבט ער אויף דעם אביון,
זיי צו זעצן מיט פירשטן,
און אַ טראָן פון כבוד מאַכט ער זיי אַרבן;
וואָרום גאָטס זיינען די גרונטפעסטן פון דער ערד,
און ער האָט אויף זיי די וועלט געשטעלט.
9 די פיס פון זיינע פרומע באַהיט ער,
און רשעים ווערן אין חושך פאַרשניטן;
וואָרום ניט מיט כּוח איז אַ מענטש שטאַרק.
10 די וואָס קריגן אויף גאָט ווערן צעבראָכן;
ער דונערט אין הימל אויף זיי;
גאָט משפט די עקן פון דער ערד,
און גיט מאַכט צו זיין מלך,
און דערהייבט דעם האָרן פון זיין געזאַלבטן.

11 און אֶלקָנָה איז אַוועק קיין רָמָה צו זיין הויז. און דער ייִנגל האָט געדינט גאָט לעבן עֵלי דעם כֹּהן.

12 און עֵליס זין זיינען געווען נידערטרעכטיקע יונגען, זיי האָבן ניט געוואָלט וויסן פון גאָט. 13 און דער שטייגער פון די כֹּהנים מיטן פאָלק איז געווען: ווער נאָר עמיצער עס האָט געשלאַכט אַ שלאַכטאָפּפער, אַזוי פלעגט קומען דעם כֹּהנס יונג, ווי מע האָט געקאָכט דאָס פלייש, מיטן דרייצייניקן גאָפל אין זיין האַנט, 14 און פלעגט אַריינשטעכן אין בעקן אָדער אין פאַן אָדער אין קעסל אָדער אין טאָפּ; וואָס נאָר דער גאָפל האָט אַרויפגעבראַכט, האָט דער כֹּהן צוגענומען דערמיט. אַזוי פלעגן זיי טאָן צו גאַנץ ישראל וואָס זיינען געקומען אַהין קיין שילו. 15 נאָך איידער מען האָט געדעמפט דאָס פעטס, פלעגט קומען דעם כֹּהנס יונג, און זאָגן צו דעם מאַן וואָס האָט געשלאַכט: גיב פלייש צום בראָטן פאַרן כֹּהן, וואָרום ער וויל ניט נעמען פון דיר געקאָכט פלייש, נייערט רוי. 16 און אַז דער מאַן האָט צו אים געזאָגט: דעמפן זאָל מען אַקאָרשט דעמפן דאָס פעטס, און נעם דיר ווי דיין האַרץ געלוסט, אַזוי פלעגט ער זאָגן: ניין, דווקא איצט מוזטו געבן, אַניט נעם איך מיט געוואַלט. 17 און די זינד פון די יונגען איז געווען זייער גרויס פאַר גאָט, וואָרום די מענטשן האָבן מבזה געווען דעם קרבן פון גאָט.

18 און שמואל איז געווען אַ דינער פאַר גאָט, אַ ייִנגל אָנגעגורט אין אַ לייַנענעם אֵפוֹד. 19 און אַ קליין מאַנטעלע פלעגט

אים זיין מוטער מאַכן, און אים אַרויפברענגען פון יאָר צו יאָר, ווען זי איז אַרויפגעקומען מיט איר מאַן צו שלאַכטן דאָס שלאַכטאָפּפער פון יאָר. [20] און עלי פלעגט בענטשן אֶלקָנָהן און זיין ווייב, און זאָגן: זאָל דיר גאָט באַשערן זאָמען פון דערדאָזיקער ווייב פאַר דער אַנטלייאונג וואָס איז אַנטליען געוואָרן צו גאָט. און זיי פלעגן גיין אַהיים. [21] האָט אויך גאָט געדאַכט אָן חַנהן, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און זי האָט געבאָרן דריי זין און צוויי טעכטער. און דער יינגל שמואל איז אויפגעוואַקסן ביי גאָט.

[22] און עלי איז געווען זייער אַלט; און ער האָט געהערט אַלץ וואָס זיינע זין טוען צו גאַנץ ישׂראל, און אַז זיי ליגן מיט די ווייבער וואָס זאַמלען זיך איין ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד. [23] און ער האָט צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס טוט איר אַזעלכע זאַכן? וואָרום איך הער אַייערע שלעכטע מעשׂים פון דעמדאָזיקן גאַנצן פאָלק. [24] ניט, זין מיינע; וואָרום ניט גוט איז די הערונג וואָס איך הער דאָס פאָלק פון גאָט פאַרשפרייטן. [25] אַז אַ מענטש זינדיקט קעגן אַ מענטשן, שטעלט זיך איין פאַר אים בית־דין, אָבער אַז אַ מענטש זינדיקט קעגן גאָט, ווער וועט פאַר אים בעטן? אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט צו דעם קול פון זייער פאָטער; וואָרום גאָט האָט זיי געוואָלט טייטן.

[26] און דער יינגל שמואל איז געוואָרן אַלץ גרעסער, און מער ווילגעפעליק אי ביי גאָט אי ביי לייטן.

וְהֶעֱלְתָה לוֹ מִיָּמִים ׀ יָמִימָה בַּעֲלוֹתָהּ אֶת־אִישָׁהּ לִזְבֹּחַ
כ אֶת־זֶבַח הַיָּמִים׃ וּבֵרַךְ עֵלִי אֶת־אֶלְקָנָה וְאֶת־אִשְׁתּוֹ
וְאָמַר יָשֵׂם יְהוָה לְךָ זֶרַע מִן־הָאִשָּׁה הַזֹּאת תַּחַת הַשְּׁאֵלָה
כא אֲשֶׁר שָׁאַל לַיהוָה וְהָלְכוּ לִמְקֹמוֹ׃ כִּי־פָקַד יְהוָה אֶת־
חַנָּה וַתַּהַר וַתֵּלֶד שְׁלֹשָׁה־בָנִים וּשְׁתֵּי בָנוֹת וַיִּגְדַּל הַנַּעַר
כב שְׁמוּאֵל עִם־יְהוָה׃ וְעֵלִי זָקֵן מְאֹד וְשָׁמַע אֵת כָּל־
אֲשֶׁר יַעֲשׂוּן בָּנָיו לְכָל־יִשְׂרָאֵל וְאֵת אֲשֶׁר־יִשְׁכְּבֻן אֶת־
כג הַנָּשִׁים הַצֹּבְאוֹת פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם לָמָּה
תַעֲשׂוּן כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁמֵעַ אֶת־דִּבְרֵיכֶם
כד רָעִים מֵאֵת כָּל־הָעָם אֵלֶּה׃ אַל בָּנָי כִּי לוֹא־טוֹבָה
כה הַשְּׁמֻעָה אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁמֵעַ מַעֲבִרִים עַם־יְהוָה׃ אִם־יֶחֱטָא
אִישׁ לְאִישׁ וּפִלְלוֹ אֱלֹהִים וְאִם לַיהוָה יֶחֱטָא־אִישׁ מִי
יִתְפַּלֶּל־לוֹ וְלֹא יִשְׁמְעוּ לְקוֹל אֲבִיהֶם כִּי־חָפֵץ יְהוָה
כו לַהֲמִיתָם׃ וְהַנַּעַר שְׁמוּאֵל הֹלֵךְ וְגָדֵל וָטוֹב גַּם עִם־יְהוָה
כז וְגַם עִם־אֲנָשִׁים׃ וַיָּבֹא אִישׁ־אֱלֹהִים אֶל־עֵלִי וַיֹּאמֶר
אֵלָיו כֹּה אָמַר יְהוָה הֲנִגְלֹה נִגְלֵיתִי אֶל־בֵּית אָבִיךָ בִּהְיוֹתָם
כח בְּמִצְרַיִם לְבֵית פַּרְעֹה׃ וּבָחֹר אֹתוֹ מִכָּל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל
לִי לְכֹהֵן לַעֲלוֹת עַל־מִזְבְּחִי לְהַקְטִיר קְטֹרֶת לָשֵׂאת אֵפוֹד
כט לְפָנָי וָאֶתְּנָה לְבֵית אָבִיךָ אֶת־כָּל־אִשֵּׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ לָמָּה
תִבְעֲטוּ בְּזִבְחִי וּבְמִנְחָתִי אֲשֶׁר צִוִּיתִי מָעוֹן וַתְּכַבֵּד אֶת־בָּנֶיךָ
מִמֶּנִּי לְהַבְרִיאֲכֶם מֵרֵאשִׁית כָּל־מִנְחַת יִשְׂרָאֵל לְעַמִּי׃
ל לָכֵן נְאֻם־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר אָמַרְתִּי בֵּיתְךָ וּבֵית
אָבִיךָ יִתְהַלְּכוּ לְפָנַי עַד־עוֹלָם וְעַתָּה נְאֻם־יְהוָה חָלִילָה לִּי
לא כִּי־מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד וּבֹזַי יֵקָלּוּ׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים וְגָדַעְתִּי אֶת־
לב זְרֹעֲךָ וְאֶת־זְרֹעַ בֵּית אָבִיךָ מִהְיוֹת זָקֵן בְּבֵיתֶךָ׃ וְהִבַּטְתָּ צַר
מָעוֹן בְּכֹל אֲשֶׁר־יֵיטִיב אֶת־יִשְׂרָאֵל וְלֹא־יִהְיֶה זָקֵן בְּבֵיתְךָ
לג כָּל־הַיָּמִים׃ וְאִישׁ לֹא־אַכְרִית לְךָ מֵעִם מִזְבְּחִי לְכַלּוֹת אֶת־
עֵינֶיךָ וְלַאֲדִיב אֶת־נַפְשֶׁךָ וְכָל־מַרְבִּית בֵּיתְךָ יָמוּתוּ אֲנָשִׁים׃

[27] און אַ געטלעכער מאַן איז געקומען צו עֵלין, און האָט צו אים געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איך האָב דאָך אַנטפּלעקן זיך אַנטפּלעקט צו דיין פאָטערס הויז בעת זיי זיינען געווען אין מִצרַיִם אונטער דעם הויז פון פַּרעהן, [28] און אים אויסדערוויילט פון אַלע שבטים פון ישׂראל פאַר אַ כֹּהן צו מיר, אַרויפצוגיין אויף מיין מזבח, צו רייכערן ווייריך, צו טראָגן אַן אֵפוד פאַר מיר; און איך האָב געגעבן דיין פאָטערס הויז פון אַלע פייעראָפּפער פון די קינדער פון ישׂראל. [29] פאַרוואָס טרעט איר אויף מיין שלאַכטאָפּפער און אויף מיין שפּייז־אָפּפער וואָס איך האָב באַפוילן אין מיין וווינונג, און האַלטסט דיינע זין אין מער כּבוד ווי מיך, כּדי אַייך צו שטאָפּן מיטן בעסטן פון יעטוועדער קרבן פון ישׂראל מיין פאָלק? [30] דרום זאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל: זאָגן האָב איך געוועסט געזאָגט: דיין הויז און דיין פאָטערס הויז וועלן אומגיין פאַר מיר אויף אייביק; אָבער אַצונד, זאָגט גאָט, פאַרמיטן זאָל עס זיין פון מיר; וואָרום די וואָס גיבן מיר כּבוד, וועל איך געבן כּבוד, און די וואָס פאַראַכטן מיך, וועלן גרינגגעשאַצט ווערן. [31] זע, טעג קומען, און איך וועל אָפּהאַקן דיין אָרעם און דעם אָרעם פון דיין פאָטערס הויז, אַז אַ זקן וועט ניט זיין אין דיין הויז. [32] און וועסט קוקן ווי אַ שׂונא פון מיין וווינונג אויף איטלעכן וואָס וועט גוטס טאָן ישׂראל; און אַ זקן וועט קיין־מאָל ניט זיין אין דיין הויז. [33] און ניט איטלעכן פון דיר וועל איך פאַרשניידן פון לעבן מיין מזבח, כּדי צו מאַכן אויסגיין דיינע אויגן און פאַרשמאַכטן דיין זעל; און אַלע אויפגעוואַקסענע אין דיין הויז וועלן שטאַרבן יונגלייט.

לד וְזֶה־לְּךָ הָאוֹת אֲשֶׁר יָבֹא אֶל־שְׁנֵי בָנֶיךָ אֶל־חָפְנִי וּפִינְחָס
לה בְּיוֹם אֶחָד יָמוּתוּ שְׁנֵיהֶם׃ וַהֲקִימֹתִי לִי כֹּהֵן נֶאֱמָן כַּאֲשֶׁר
בִּלְבָבִי וּבְנַפְשִׁי יַעֲשֶׂה וּבָנִיתִי לוֹ בַּיִת נֶאֱמָן וְהִתְהַלֵּךְ לִפְנֵי־
לו מְשִׁיחִי כָּל־הַיָּמִים׃ וְהָיָה כָּל־הַנּוֹתָר בְּבֵיתְךָ יָבוֹא
לְהִשְׁתַּחֲוֺת לוֹ לַאֲגוֹרַת כֶּסֶף וְכִכַּר־לָחֶם וְאָמַר סְפָחֵנִי נָא
אֶל־אַחַת הַכְּהֻנּוֹת לֶאֱכֹל פַּת־לָחֶם׃

ג

א וְהַנַּעַר שְׁמוּאֵל מְשָׁרֵת אֶת־יְהוָה לִפְנֵי עֵלִי וּדְבַר יְהוָה
ב הָיָה יָקָר בַּיָּמִים הָהֵם אֵין חָזוֹן נִפְרָץ׃ וַיְהִי בַּיּוֹם הַהוּא
וְעֵלִי שֹׁכֵב בִּמְקוֹמוֹ וְעֵינָו הֵחֵלּוּ כֵהוֹת לֹא יוּכַל לִרְאוֹת׃
ג וְנֵר אֱלֹהִים טֶרֶם יִכְבֶּה וּשְׁמוּאֵל שֹׁכֵב בְּהֵיכַל יְהוָה
ד אֲשֶׁר־שָׁם אֲרוֹן אֱלֹהִים׃ וַיִּקְרָא יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל וַיֹּאמֶר
ה הִנֵּנִי׃ וַיָּרָץ אֶל־עֵלִי וַיֹּאמֶר הִנְנִי כִּי־קָרָאתָ לִּי וַיֹּאמֶר
ו לֹא־קָרָאתִי שׁוּב שְׁכָב וַיֵּלֶךְ וַיִּשְׁכָּב׃ וַיֹּסֶף יְהוָה קְרֹא
עוֹד שְׁמוּאֵל וַיָּקָם שְׁמוּאֵל וַיֵּלֶךְ אֶל־עֵלִי וַיֹּאמֶר הִנְנִי כִּי
ז קָרָאתָ לִי וַיֹּאמֶר לֹא־קָרָאתִי בְנִי שׁוּב שְׁכָב׃ וּשְׁמוּאֵל
ח טֶרֶם יָדַע אֶת־יְהוָה וְטֶרֶם יִגָּלֶה אֵלָיו דְּבַר־יְהוָה׃ וַיֹּסֶף
יְהוָה קְרֹא־שְׁמוּאֵל בַּשְּׁלִשִׁית וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ אֶל־עֵלִי וַיֹּאמֶר
ט הִנְנִי כִּי קָרָאתָ לִי וַיָּבֶן עֵלִי כִּי יְהוָה קֹרֵא לַנָּעַר׃ וַיֹּאמֶר
עֵלִי לִשְׁמוּאֵל לֵךְ שְׁכָב וְהָיָה אִם־יִקְרָא אֵלֶיךָ וְאָמַרְתָּ
דַּבֵּר יְהוָה כִּי שֹׁמֵעַ עַבְדֶּךָ וַיֵּלֶךְ שְׁמוּאֵל וַיִּשְׁכַּב בִּמְקוֹמוֹ׃
י וַיָּבֹא יְהוָה וַיִּתְיַצַּב וַיִּקְרָא כְפַעַם־בְּפַעַם שְׁמוּאֵל ׀ שְׁמוּאֵל
יא וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל דַּבֵּר כִּי שֹׁמֵעַ עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל הִנֵּה אָנֹכִי עֹשֶׂה דָבָר בְּיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
יב כָּל־שֹׁמְעוֹ תְּצִלֶּינָה שְׁתֵּי אָזְנָיו׃ בַּיּוֹם הַהוּא אָקִים אֶל־
יג עֵלִי אֵת כָּל־אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי אֶל־בֵּיתוֹ הָחֵל וְכַלֵּה׃ וְהִגַּדְתִּי
לוֹ כִּי־שֹׁפֵט אֲנִי אֶת־בֵּיתוֹ עַד־עוֹלָם בַּעֲוֺן אֲשֶׁר־יָדַע כִּי־

ג, ב׳ ועינו קרי

[34] און דאָס וועט דיר זיין דער צייכן: וואָס וועט קומען אויף דיינע צוויי זין, אויף חפני און פינחסן—אין איין טאָג וועלן זיי ביידע שטאַרבן. [35] און איך וועל מיר אויפשטעלן אַ געטרייען כהן וואָס וועט טאָן אַזוי ווי אין מיין האַרצן און אין מיין זעל; און איך וועל אים אויפבויען אַ זיכער הויז, און ער וועט אומגיין פאַר מיין געזאַלבטן אַלע טעג. [36] און עס וועט זיין, איטלעכער וואָס בלייבט איבער אין דיין הויז, וועט קומען זיך בוקן צו אים אום אַ זילבערשטיק און אַ לעבל ברויט, און וועט זאָגן: נעם מיך צו, איך בעט דיך, צו איינער פון די כהונות, צו עסן אַ שטיקל ברויט.

ג [1] און דער ייִנגל שמואל האָט געדינט גאָט לעבן עֵלין; און גאָטס וואָרט איז געווען זעלטן אין יענע טעג, קיין אָפטע זעאונג איז ניט געווען. [2] און עס איז געווען אין יענע טעג, ווען עֵלי איז געלעגן אויף זיין אָרט—און זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן טונקל ווערן; ער האָט ניט געקענט זען— [3] און דאָס ליכט פון גאָט איז נאָך ניט געווען אויסגעגאַנגען, און שמואל איז געלעגן אין טעמפּל פון גאָט, וואָס דאָרטן איז געווען דער אָרון פון גאָט, [4] האָט גאָט גערופן צו שמואלן; האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך. [5] און ער איז צוגעלאָפן צו עֵלין, און האָט געזאָגט: דאָ בין איך; האָסט דאָך מיך גערופן. האָט ער געזאָגט: איך האָב ניט גערופן; לייג זיך צוריק. איז ער געגאַנגען און האָט זיך געלייגט.

[6] האָט גאָט ווידער גערופן שמואלן, און שמואל איז אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו עֵלין, און האָט געזאָגט: דאָ בין איך; האָסט דאָך מיך גערופן. האָט ער געזאָגט: איך האָב ניט גערופן, מיין זון; לייג זיך צוריק.

[7] און שמואל האָט נאָך ניט געקענט גאָט, און דאָס וואָרט פון גאָט האָט זיך נאָך ניט געהאַט אַנטפּלעקט צו אים.

[8] האָט גאָט ווידער גערופן שמואלן צום דריטן מאָל. און ער איז אויפגעשטאַנען, און איז צוגעגאַנגען צו עֵלין, און האָט געזאָגט: דאָ בין איך; האָסט דאָך מיך גערופן. האָט עֵלי פאַרשטאַנען אַז גאָט רופט דעם ייִנגל. [9] און עֵלי האָט געזאָגט צו שמואלן: גיי לייג זיך; און עס וועט זיין, אַז מע וועט רופן צו דיר, זאָלסטו זאָגן: רעד, גאָט, וואָרום דיין קנעכט הערט.

איז שמואל געגאַנגען און האָט זיך געלייגט אויף זיין אָרט. [10] און גאָט איז געקומען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט, און האָט גערופן אַזוי ווי די פריערדיקע מאָל: שמואל! שמואל! האָט שמואל געזאָגט: רעד, וואָרום דיין קנעכט הערט.

[11] האָט גאָט געזאָגט צו שמואלן: זע, איך טו אַ זאַך אין ישׂראל, אַז איטלעכער וואָס הערט עס, וועלן קלינגען זיינע ביידע אויערן. [12] אין יענעם טאָג וועל איך מקיים זיין אויף עֵלין אַלץ וואָס איך האָב גערעדט וועגן זיין הויז, פון אָנהייב ביזן סוף. [13] וואָרום איך האָב אים אָנגעזאָגט אַז איך פאַרמשפּט זיין הויז אויף אייביק, פאַר דער זינד, וואָס ער האָט געוווּסט אַז

זיינע זין ברענגען אַ קללה אויף זיך, און האָט זיי ניט געוועהרט. [14] און דרום האָב איך געשוואָרן אויף עֵלִיס הויז: אויב די זינד פון עֵלִיס הויז וועט פאַרגעבן ווערן דורך שלאַכטאָפּפער אָדער דורך שפּייזאָפּפער אויף אייביק!

[15] און שמואל איז געלעגן ביז אין דער פרי, און ער האָט געעפנט די טירן פון גאָטס הויז. און שמואל האָט מורא געהאַט צו דערציילן די זעאונג צו עֵלִין. [16] האָט עֵלִי גערופן שמואלן, און האָט געזאָגט: שמואל מיין זון! האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך. [17] האָט ער געזאָגט: וואָס איז די זאַך וואָס ער האָט צו דיר גערעדט? זאָלסט ניט פאַרלייקענען פון מיר, איך בעט דיך. זאָל דיר גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער, אויב דו וועסט פון מיר פאַרלייקענען אַ וואָרט פון אַלע ווערטער וואָס גאָט האָט צו דיר גערעדט. [18] האָט שמואל אים דערציילט אַלע ווערטער, און ניט פאַרלייקנט פון אים. און ער האָט געזאָגט: ער איז יהוה; וואָס איז גוט אין זיינע אויגן, זאָל ער טאָן.

[19] און שמואל איז געוואַקסן, און גאָט איז געווען מיט אים, און ער האָט פון אַלע זיינע ווערטער ניט געלאָזט פאַלן צו דער ערד. [20] און גאַנץ ישראל פון דָן און ביז באֵר־שֶׁבַע האָט געוווּסט אַז שמואל איז באַגלויבט געוואָרן פאַר אַ נביא פון גאָט. [21] און גאָט האָט זיך ווידער באַוויזן אין שילוֹ; וואָרום גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו שמואלן אין שילוֹ דורך דעם וואָרט פון גאָט.

יד מְקַלְלִים לָהֶם בָּנָיו וְלֹא כִהָה בָּם׃ וְלָכֵן נִשְׁבַּעְתִּי לְבֵית עֵלִי
טו אִם־יִתְכַּפֵּר עֲוֺן בֵּית־עֵלִי בְּזֶבַח וּבְמִנְחָה עַד־עוֹלָם׃ וַיִּשְׁכַּב
שְׁמוּאֵל עַד־הַבֹּקֶר וַיִּפְתַּח אֶת־דַּלְתוֹת בֵּית־יְהוָה וּשְׁמוּאֵל
טז יָרֵא מֵהַגִּיד אֶת־הַמַּרְאָה אֶל־עֵלִי׃ וַיִּקְרָא עֵלִי אֶת־שְׁמוּאֵל
יז וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל בְּנִי וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי׃ וַיֹּאמֶר מָה הַדָּבָר אֲשֶׁר
דִּבֶּר אֵלֶיךָ אַל־נָא תְכַחֵד מִמֶּנִּי כֹּה יַעֲשֶׂה־לְּךָ אֱלֹהִים וְכֹה
יוֹסִיף אִם־תְּכַחֵד מִמֶּנִּי דָּבָר מִכָּל־הַדָּבָר אֲשֶׁר־דִּבֶּר
יח אֵלֶיךָ׃ וַיַּגֶּד־לוֹ שְׁמוּאֵל אֶת־כָּל־הַדְּבָרִים וְלֹא כִחֵד מִמֶּנּוּ
יט וַיֹּאמַר יְהוָה הוּא הַטּוֹב בְּעֵינָו יַעֲשֶׂה׃ וַיִּגְדַּל שְׁמוּאֵל וַיהוָה
כ הָיָה עִמּוֹ וְלֹא־הִפִּיל מִכָּל־דְּבָרָיו אָרְצָה׃ וַיֵּדַע כָּל־יִשְׂרָאֵל
מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שָׁבַע כִּי־נֶאֱמָן שְׁמוּאֵל לְנָבִיא לַיהוָה׃
כא וַיֹּסֶף יְהוָה לְהֵרָאֹה בְשִׁלֹה כִּי־נִגְלָה יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל
בְּשִׁלוֹ בִּדְבַר יְהוָה׃

ד

א וַיְהִי דְבַר־שְׁמוּאֵל לְכָל־יִשְׂרָאֵל וַיֵּצֵא יִשְׂרָאֵל לִקְרַאת
פְּלִשְׁתִּים לַמִּלְחָמָה וַיַּחֲנוּ עַל־הָאֶבֶן הָעֵזֶר וּפְלִשְׁתִּים
ב חָנוּ בַאֲפֵק׃ וַיַּעַרְכוּ פְלִשְׁתִּים לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל וַתִּטֹּשׁ
הַמִּלְחָמָה וַיִּנָּגֶף יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי פְלִשְׁתִּים וַיַּכּוּ בַמַּעֲרָכָה
ג בַּשָּׂדֶה כְּאַרְבַּעַת אֲלָפִים אִישׁ׃ וַיָּבֹא הָעָם אֶל־הַמַּחֲנֶה
וַיֹּאמְרוּ זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל לָמָּה נְגָפָנוּ יְהוָה הַיּוֹם לִפְנֵי
פְלִשְׁתִּים נִקְחָה אֵלֵינוּ מִשִּׁלֹה אֶת־אֲרוֹן בְּרִית יְהוָה וְיָבֹא
ד בְקִרְבֵּנוּ וְיֹשִׁעֵנוּ מִכַּף אֹיְבֵינוּ׃ וַיִּשְׁלַח הָעָם שִׁלֹה וַיִּשְׂאוּ
מִשָּׁם אֵת אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה צְבָאוֹת יֹשֵׁב הַכְּרֻבִים וְשָׁם
שְׁנֵי בְנֵי־עֵלִי עִם־אֲרוֹן בְּרִית הָאֱלֹהִים חָפְנִי וּפִינְחָס׃
ה וַיְהִי כְּבוֹא אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה אֶל־הַמַּחֲנֶה וַיָּרִעוּ כָל־
ו יִשְׂרָאֵל תְּרוּעָה גְדוֹלָה וַתֵּהֹם הָאָרֶץ׃ וַיִּשְׁמְעוּ פְלִשְׁתִּים
אֶת־קוֹל הַתְּרוּעָה וַיֹּאמְרוּ מֶה קוֹל הַתְּרוּעָה הַגְּדוֹלָה

ג,טז׳ ס״א אל   יח׳ בעיניו ק

ד [1] און דאָס וואָרט פון שמואלן איז אַרויס צו גאַנץ ישראל.

און ישראל איז אַרויסגעגאַנגען אויף מלחמה אַקעגן די פלשתים, און זיי האָבן געלאַגערט ביי אֶבֶן־עֶזֶר, און די פלשתים האָבן געלאַגערט אין אֲפֵק. [2] און די פלשתים האָבן זיך אויסגעשטעלט אַקעגן ישראל, און די מלחמה האָט זיך פאַרשפּרייט, און ישראל איז געשלאָגן געוואָרן פאַר די פלשתים; און זיי האָבן געטייט אין דער שלאַכט אויפן פעלד אַרום פיר טויזנט מאַן. [3] און אַז דאָס פאָלק איז צוריקגעקומען אין לאַגער, האָבן די עלטסטע פון ישראל געזאָגט: פאַרוואָס האָט אונדז היינט גאָט געשלאָגן פאַר די פלשתים? לאָמיר אַריבערנעמען צו אונדז פון שילוֹ דעם אָרון פון גאָטס בונד, כדי ער זאָל קומען צווישן אונדז, און אונדז העלפן פון דער האַנט פון אונדזערע פיינט.

[4] האָט דאָס פאָלק געשיקט קיין שילוֹ, און זיי האָבן אַריבערגעטראָגן פון דאָרטן דעם אָרון פון דעם בונד פון גאָט פון צבָאוֹת וואָס זיצט איבער די כרובים; און דאָרטן זיינען געווען עֵלִיס צוויי זין ביי דעם אָרון פון גאָטס בונד, חָפני און פינחס. [5] און עס איז געווען, ווי דער אָרון פון גאָטס בונד איז אָנגעקומען אין לאַגער, אַזוי האָבן גאַנץ ישראל געשאַלט אַ גרויסע שאַלונג, אַז די ערד איז פאַרהילכט געוואָרן. [6] און די פלשתים האָבן געהערט דעם קָול פון דער שאַלונג, און זיי האָבן געזאָגט: וואָס איז דער קָול פון דער־דאָזיקער גרויסער שאַלונג

הַזֹּ֖את בְּמַחֲנֵ֣ה הָעִבְרִ֑ים וַיֵּ֣דְע֔וּ כִּ֚י אֲר֣וֹן יְהוָ֔ה בָּ֖א אֶל־
הַֽמַּחֲנֶֽה׃ וַיִּֽרְאוּ֙ הַפְּלִשְׁתִּ֔ים כִּ֣י אָֽמְר֔וּ בָּ֥א אֱלֹהִ֖ים אֶל־ ז
הַֽמַּחֲנֶ֑ה וַיֹּֽאמְרוּ֙ א֣וֹי לָ֔נוּ כִּ֣י לֹ֥א הָיְתָ֛ה כָּזֹ֖את אֶתְמ֥וֹל
שִׁלְשֹֽׁם׃ א֣וֹי לָ֔נוּ מִ֣י יַצִּילֵ֔נוּ מִיַּ֛ד הָאֱלֹהִ֥ים הָאַדִּירִ֖ים ח
הָאֵ֑לֶּה אֵ֣לֶּה הֵ֤ם הָֽאֱלֹהִים֙ הַמַּכִּ֣ים אֶת־מִצְרַ֔יִם בְּכָל־מַכָּ֖ה
בַּמִּדְבָּֽר׃ הִֽתְחַזְּק֞וּ וִהְי֤וּ לַאֲנָשִׁים֙ פְּלִשְׁתִּ֔ים פֶּ֚ן תַּעַבְד֣וּ ט
לָֽעִבְרִ֔ים כַּאֲשֶׁ֥ר עָבְד֖וּ לָכֶ֑ם וִהְיִיתֶ֥ם לַאֲנָשִׁ֖ים וְנִלְחַמְתֶּֽם׃
וַיִּֽלָּחֲמ֣וּ פְלִשְׁתִּ֗ים וַיִּנָּ֤גֶף יִשְׂרָאֵל֙ וַיָּנֻ֙סוּ֙ אִ֣ישׁ לְאֹהָלָ֔יו י
וַתְּהִ֥י הַמַּכָּ֖ה גְּדוֹלָ֣ה מְאֹ֑ד וַיִּפֹּל֙ מִיִּשְׂרָאֵ֔ל שְׁלֹשִׁ֥ים אֶ֖לֶף
רַגְלִֽי׃ וַאֲר֥וֹן אֱלֹהִ֖ים נִלְקָ֑ח וּשְׁנֵ֧י בְנֵי־עֵלִ֛י מֵ֖תוּ חָפְנִ֥י יא
וּפִֽינְחָֽס׃ וַיָּ֤רָץ אִֽישׁ־בִּנְיָמִן֙ מֵהַמַּ֣עֲרָכָ֔ה וַיָּבֹ֥א שִׁלֹ֖ה בַּיּ֣וֹם יב
הַה֑וּא וּמַדָּ֣יו קְרֻעִ֔ים וַאֲדָמָ֖ה עַל־רֹאשֽׁוֹ׃ וַיָּב֡וֹא וְהִנֵּ֣ה יג
עֵ֠לִי יֹשֵׁ֨ב עַֽל־הַכִּסֵּ֜א יַ֣ךְ* דֶּ֣רֶךְ מְצַפֶּ֗ה כִּֽי־הָיָ֤ה לִבּוֹ֙ חָרֵ֔ד
עַ֖ל אֲר֣וֹן הָאֱלֹהִ֑ים וְהָאִ֗ישׁ בָּ֚א לְהַגִּ֣יד בָּעִ֔יר וַתִּזְעַ֖ק כָּל־
הָעִֽיר׃ וַיִּשְׁמַ֤ע עֵלִי֙ אֶת־ק֣וֹל הַצְּעָקָ֔ה וַיֹּ֕אמֶר מֶ֛ה ק֥וֹל יד
הֶהָמ֖וֹן הַזֶּ֑ה וְהָאִ֣ישׁ מִהַ֔ר וַיָּבֹ֖א וַיַּגֵּ֥ד לְעֵלִֽי׃ וְעֵלִ֕י בֶּן־ טו
תִּשְׁעִ֥ים וּשְׁמֹנֶ֖ה שָׁנָ֑ה וְעֵינָ֣יו קָ֔מָה וְלֹ֥א יָכ֖וֹל לִרְאֽוֹת׃
וַיֹּ֨אמֶר הָאִ֜ישׁ אֶל־עֵלִ֗י אָנֹכִי֙ הַבָּ֣א מִן־הַמַּעֲרָכָ֔ה וַאֲנִ֕י מִן־ טז
הַמַּעֲרָכָ֖ה נַ֣סְתִּי הַיּ֑וֹם וַיֹּ֕אמֶר מֶֽה־הָיָ֥ה הַדָּבָ֖ר בְּנִֽי׃
וַיַּ֨עַן הַֽמְבַשֵּׂ֜ר וַיֹּ֗אמֶר נָ֤ס יִשְׂרָאֵל֙ לִפְנֵ֣י פְלִשְׁתִּ֔ים וְגַ֛ם יז
מַגֵּפָ֥ה גְדוֹלָ֖ה הָיְתָ֣ה בָעָ֑ם וְגַם־שְׁנֵ֨י בָנֶ֜יךָ מֵ֗תוּ חָפְנִי֙
וּפִ֣ינְחָ֔ס וַאֲר֥וֹן הָאֱלֹהִ֖ים נִלְקָֽחָה׃ וַיְהִ֞י כְּהַזְכִּיר֣וֹ ׀ אֶת־ יח
אֲר֣וֹן הָאֱלֹהִ֗ים וַיִּפֹּ֣ל מֵֽעַל־הַ֠כִּסֵּא אֲחֹֽרַנִּ֞ית בְּעַ֣ד ׀ יַ֣ד
הַשַּׁ֗עַר וַתִּשָּׁבֵ֤ר מַפְרַקְתּוֹ֙ וַיָּמֹ֔ת כִּֽי־זָקֵ֥ן הָאִ֖ישׁ וְכָבֵ֑ד וְה֛וּא
שָׁפַ֥ט אֶת־יִשְׂרָאֵ֖ל אַרְבָּעִ֥ים שָׁנָֽה׃ וְכַלָּת֣וֹ אֵֽשֶׁת־פִּינְחָ֮ס יט
הָרָ֣ה לָלַת֒ וַתִּשְׁמַ֣ע אֶת־הַשְּׁמֻעָ֔ה אֶל־הִלָּקַ֖ח אֲר֣וֹן הָאֱלֹהִ֑ים
וּמֵ֥ת חָמִ֖יהָ וְאִישָׁ֑הּ וַתִּכְרַ֣ע וַתֵּ֔לֶד כִּֽי־נֶהֶפְכ֥וּ עָלֶ֖יהָ צִרֶֽיהָ׃

---

יג׳ יד ק

אין לאַגער פון די עִברים? און זיי זיינען געוואָר געוואָרן אַז דער אָרון פון גאָט איז אָנגעקומען אין לאַגער. 7 און די פּלִשתּים האָבן מורא געקראָגן, וואָרום זיי האָבן געזאָגט: יהוה איז געקומען אין לאַגער. און זיי האָבן געזאָגט: ווײ אונדז! וואָרום אַזוי־וואָס איז ניט געשען נעכטן־אײער־נעכטן. 8 ווײ אונדז! ווער וועט אונדז מציל זיין פון דער האַנט פון דידאָזיקע מאַכטיקע געטער? דאָס זיינען דאָך די געטער וואָס האָבן געשלאָגן די מִצרים מיט אַלערליי שלעק אין מדבר. 9 שטאַרקט אײך, און זייט מענער, איר פּלִשתּים, כּדי איר זאָלט ניט דינען די עִברים, אַזוי ווי זיי האָבן אײך געדינט; דרום זייט מענער, און איר זאָלט מלחמה האַלטן.

10 און די פּלִשתּים האָבן מלחמה געהאַלטן, און ישׂראל איז געשלאָגן געוואָרן, און זיי זיינען אַנטלאָפן איטלעכער צו זיינע געצעלטן. און עס איז געווען זייער אַ גרויסער שלאַק, און עס זיינען געפאַלן פון ישׂראל דרייסיק טויזנט פוסגייער. 11 און דער אָרון פון גאָט איז צוגענומען געוואָרן, און עֵלִיס צוויי זין זיינען געטייט געוואָרן, חָפני און פּינחס.

12 און אַ מאַן פון בנימין איז אַנטלאָפן פון שלאַכטפעלד, און ער איז אָנגעקומען קיין שילו אין דעם אייגענעם טאָג, מיט זיינע קליידער צעריסן, און ערד אויף זיין קאָפּ. 13 און ווי ער איז געקומען, ערשט עֵלִי זיצט אויף אַ שטול ביים וועג, אויסקוקנדיק; וואָרום זיין האַרץ האָט געציטערט וועגן דעם אָרון פון גאָט. און דער מאַן איז געקומען אָנזאָגן אין שטאָט, און די גאַנצע שטאָט האָט אויפגעשריען. 14 און עֵלִי האָט געהערט דעם קָול פון דעם געשריי, און האָט געזאָגט: וואָס איז דער קָול פון דעמדאָזיקן ליאַרעם? האָט דער מאַן געאײלט און איז צוגעקומען, און האָט עֵלִין דערציילט. 15 און עֵלִי איז געווען אַכט און ניינציק יאָר אַלט, און זיינע אויגן זיינען געווען שטאַר, און ער האָט ניט געקענט זען. 16 האָט דער מאַן געזאָגט צו עֵלִין: איך בין דער וואָס איז געקומען פון שלאַכטפעלד, און בין היינט אַנטלאָפן פון שלאַכטפעלד. האָט ער געזאָגט: ווי איז די זאַך געווען, מיין זון? 17 האָט דער אָנזאָגער געענטפערט און האָט געזאָגט: ישׂראל איז אַנטלאָפן פאַר די פּלִשתּים, און עס איז אויך געווען אַ גרויסער שלאַק צווישן פאָלק, און אויך דיינע ביידע זין זיינען געטייט געוואָרן, חָפני און פּינחס, און דער אָרון פון גאָט איז אַוועקגענומען געוואָרן.

18 און עס איז געווען, ווי ער האָט דערמאָנט דעם אָרון פון גאָט, אַזוי איז ער אַראָפּגעפאַלן פון שטול הינטערווײלעך ביין זייט פון טויער, און זיין גניק האָט זיך צעבראָכן, און ער איז געשטאָרבן; וואָרום דער מאַן איז געווען אַלט און שווערלייביק.

און ער האָט געמשפּט ישׂראל פערציק יאָר.

19 און זיין שנור, פּינחסעס ווייב, איז געווען טראָגעדיק צום געווינען, און ווי זי האָט געהערט די הערונג, אַז דער אָרון פון גאָט איז אַוועקגענומען געוואָרן, און איר שווער און איר מאַן זיינען טויט, אַזוי האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט און האָט

כ וּכְעֵת מוּתָהּ וַתְּדַבֵּרְנָה הַנִּצָּבוֹת עָלֶיהָ אַל־תִּירְאִי כִּי־בֵן
כא יָלָדְתְּ וְלֹא עָנְתָה וְלֹא־שָׁתָה לִבָּהּ׃ וַתִּקְרָא לַנַּעַר אִי־
כָבוֹד לֵאמֹר גָּלָה כָבוֹד מִיִּשְׂרָאֵל אֶל־הִלָּקַח אֲרוֹן הָאֱלֹהִים
כב וְאֶל־חָמִיהָ וְאִישָׁהּ׃ וַתֹּאמֶר גָּלָה כָבוֹד מִיִּשְׂרָאֵל כִּי נִלְקַח
אֲרוֹן הָאֱלֹהִים׃

## ה

א וּפְלִשְׁתִּים לָקְחוּ אֵת אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיְבִאֻהוּ מֵאֶבֶן הָעֵזֶר
ב אַשְׁדּוֹדָה׃ וַיִּקְחוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיָּבִאוּ אֹתוֹ
ג בֵּית דָּגוֹן וַיַּצִּיגוּ אֹתוֹ אֵצֶל דָּגוֹן׃ וַיַּשְׁכִּמוּ אַשְׁדּוֹדִים
מִמָּחֳרָת וְהִנֵּה דָגוֹן נֹפֵל לְפָנָיו אַרְצָה לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה
ד וַיִּקְחוּ אֶת־דָּגוֹן וַיָּשִׁבוּ אֹתוֹ לִמְקוֹמוֹ׃ וַיַּשְׁכִּמוּ בַבֹּקֶר
מִמָּחֳרָת וְהִנֵּה דָגוֹן נֹפֵל לְפָנָיו אַרְצָה לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה
וְרֹאשׁ דָּגוֹן וּשְׁתֵּי כַּפּוֹת יָדָיו כְּרֻתוֹת אֶל־הַמִּפְתָּן רַק דָּגוֹן
ה נִשְׁאַר עָלָיו׃ עַל־כֵּן לֹא־יִדְרְכוּ כֹהֲנֵי דָגוֹן וְכָל־הַבָּאִים
בֵּית־דָּגוֹן עַל־מִפְתַּן דָּגוֹן בְּאַשְׁדּוֹד עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
ו וַתִּכְבַּד יַד־יְהוָה אֶל־הָאַשְׁדּוֹדִים וַיְשִׁמֵּם וַיַּךְ אֹתָם בַּעְפָלִים
ז אֶת־אַשְׁדּוֹד וְאֶת־גְּבוּלֶיהָ׃ וַיִּרְאוּ אַנְשֵׁי־אַשְׁדּוֹד כִּי־כֵן
וְאָמְרוּ לֹא־יֵשֵׁב אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עִמָּנוּ כִּי־קָשְׁתָה יָדוֹ
ח עָלֵינוּ וְעַל דָּגוֹן אֱלֹהֵינוּ׃ וַיִּשְׁלְחוּ וַיַּאַסְפוּ אֶת־כָּל־סַרְנֵי
פְלִשְׁתִּים אֲלֵיהֶם וַיֹּאמְרוּ מַה־נַּעֲשֶׂה לַאֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
וַיֹּאמְרוּ גַּת יִסֹּב אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּסֵּבּוּ אֶת־אֲרוֹן אֱלֹהֵי
ט יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי אַחֲרֵי ׀ הֵסַבּוּ אֹתוֹ וַתְּהִי יַד־יְהוָה בָּעִיר
מְהוּמָה גְּדוֹלָה מְאֹד וַיַּךְ אֶת־אַנְשֵׁי הָעִיר מִקָּטֹן וְעַד־גָּדוֹל
י וַיִּשָּׂתְרוּ לָהֶם עְפָלִים׃ וַיְשַׁלְּחוּ אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים עֶקְרוֹן
וַיְהִי כְּבוֹא אֲרוֹן הָאֱלֹהִים עֶקְרוֹן וַיִּזְעֲקוּ הָעֶקְרֹנִים לֵאמֹר
הֵסַבּוּ אֵלַי אֶת־אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לַהֲמִיתֵנִי וְאֶת־עַמִּי׃
יא וַיִּשְׁלְחוּ וַיַּאַסְפוּ אֶת־כָּל־סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים וַיֹּאמְרוּ שַׁלְּחוּ אֶת־

ה, ז׳ בטחרים קרי ט׳ טחרים קרי

געבאָרן, וואָרום אירע ווייען זיינען געקומען אויף איר.
20 און בעת איר שטאַרבן, האָבן די ווייבער וואָס זיינען
געשטאַנען לעבן איר, צו איר געזאָגט: זאָלסט ניט מורא
האָבן, וואָרום אַ זון האָסטו געבאָרן. אָבער זי האָט ניט
געענטפערט, און ניט צוגעטאָן איר האַרץ. 21 און זי האָט
גערופן דעם יינגל אי־כָבוֹד[א], אַזוי צו זאָגן: אַפּגעטאָן האָט
זיך דער כּבוד פון ישׂראל; וועגן דער אַוועקנעמונג פון דעם
אָרון פון גאָט, און וועגן איר שווער און איר מאַן. 22 און זי
האָט געזאָגט: אַפּגעטאָן האָט זיך דער כּבוד פון ישׂראל,
וואָרום דער אָרון פון גאָט איז אַוועקגענומען געוואָרן.

ה 1 און די פּלשתּים האָבן גענומען דעם אָרון פון גאָט,
און האָבן אים געבראַכט פון אֶבֶן־עֶזֶר קיין אַשדוד.
2 און די פּלשתּים האָבן גענומען דעם אָרון פון גאָט, און
האָבן אים געבראַכט אין הויז פון דָגוֹן, און אים אַוועקגע־
שטעלט לעבן דָגוֹן. 3 און די אַשדוֹדער האָבן זיך גע־
פּעדערט אויף מאָרגן, ערשט דָגוֹן ליגט אַנידערגעפאַלן
אויף זיין פּנים צו דער ערד פאַר דעם אָרון פון גאָט; האָבן
זיי גענומען דָגוֹן, און האָבן אים אומגעקערט אויף זיין אָרט.
4 און זיי האָבן זיך געפּעדערט אויף מאָרגן אין דער פרי,
ערשט דָגוֹן ליגט אַנידערגעפאַלן אויף זיין פּנים צו דער
ערד פאַר דעם אָרון פון גאָט, און דער קאָפּ פון דָגוֹן און
זיינע ביידע האַנטפלעכן ליגן אָפּגעהאַקט אויפן שוועל;
נאָר [דער לייב פון] דָגוֹן איז אים געבליבן. 5 דרום
טרעטן ניט די פּריסטער פון דָגוֹן, און אַלע וואָס קומען
אין הויז פון דָגוֹן, אויף דעם שוועל פון דָגוֹן אין אַשדוֹד ביז
אויף היינטיקן טאָג.
6 און די האַנט פון גאָט איז געווען שווער אויף די אַשדוֹדער און ער האָט זיי פאַרוויסט, און האָט זיי געפּלאָגט מיט
בלאָטערן—אַשדוֹד מיט אירע געמאַרקן. 7 און ווי די אַשדוֹדער האָבן געזען אַז עס האַלט אַזוי, האָבן זיי געזאָגט: דער
אָרון פון דעם גאָט פון ישׂראל טאָר ניט בלייבן ביי אונדז, וואָרום זיין האַנט איז האַרט אויף אונדז און אויף דָגוֹן אונדזער
גאָט.
8 און זיי האָבן געשיקט און האָבן איינגעזאַמלט צו זיך אַלע פירשטן פון די פּלשתּים, און זיי האָבן געזאָגט: וואָס
זאָלן מיר טאָן מיט דעם אָרון פון דעם גאָט פון ישׂראל? האָבן יענע געזאָגט קיין גַת זאָל אַריבערגיין דער אָרון פון דעם
גאָט פון ישׂראל. און זיי האָבן אַריבערגעטראָגן דעם אָרון פון דעם גאָט פון ישׂראל.
9 און עס איז געווען, נאָכדעם ווי זיי האָבן אים אַריבערגעטראָגן, איז די האַנט פון גאָט געווען אין דער שטאָט מיט
זייער אַ גרויסער מהומה, און ער האָט געפּלאָגט די מענטשן פון דער שטאָט פון קליין ביז גרויס, און עס האָבן אויסגע־
בראָכן ביי זיי בלאָטערן. 10 האָבן זיי אַוועקגעשיקט דעם אָרון פון גאָט קיין עֶקרוֹן.
און עס איז געווען, ווי דער אָרון פון גאָט איז אָנגעקומען קיין עֶקרוֹן, האָבן די עֶקרוֹנער געשריען, אַזוי צו
זאָגן: מע האָט אַריבערגעבראַכט צו מיר דעם אָרון פון דעם גאָט פון ישׂראל, צו טייטן מיך און מיין פאָלק.
11 און זיי האָבן געשיקט און האָבן איינגעזאַמלט אַלע פירשטן פון די פּלשתּים, און זיי האָבן געזאָגט: שיקט אַוועק

א אויס כבוד.

אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְיָשֹׁב לִמְקֹמוֹ וְלֹא־יָמִית אֹתִי וְאֶת־
עַמִּי כִּי־הָיְתָה מְהוּמַת־מָוֶת בְּכָל־הָעִיר כָּבְדָה מְאֹד יַד
הָאֱלֹהִים שָׁם׃ וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר לֹא־מֵתוּ הֻכּוּ בַּעֳפָלִים יב
וַתַּעַל שַׁוְעַת הָעִיר הַשָּׁמָיִם׃

ו

וַיְהִי אֲרוֹן־יְהוָה בִּשְׂדֵה פְלִשְׁתִּים שִׁבְעָה חֳדָשִׁים׃ וַיִּקְרְאוּ א ב
פְלִשְׁתִּים לַכֹּהֲנִים וְלַקֹּסְמִים לֵאמֹר מַה־נַּעֲשֶׂה לַאֲרוֹן
יְהוָה הוֹדִעֻנוּ בַּמֶּה נְשַׁלְּחֶנּוּ לִמְקוֹמוֹ׃ וַיֹּאמְרוּ אִם־ ג
מְשַׁלְּחִים אֶת־אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אַל־תְּשַׁלְּחוּ אֹתוֹ רֵיקָם
כִּי־הָשֵׁב תָּשִׁיבוּ לוֹ אָשָׁם אָז תֵּרָפְאוּ וְנוֹדַע לָכֶם לָמָּה
לֹא־תָסוּר יָדוֹ מִכֶּם׃ וַיֹּאמְרוּ מָה הָאָשָׁם אֲשֶׁר נָשִׁיב לוֹ ד
וַיֹּאמְרוּ מִסְפַּר סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים חֲמִשָּׁה עָפְלֵי זָהָב וַחֲמִשָּׁה
עַכְבְּרֵי זָהָב כִּי־מַגֵּפָה אַחַת לְכֻלָּם וּלְסַרְנֵיכֶם׃ וַעֲשִׂיתֶם ה
צַלְמֵי עָפְלֵיכֶם וְצַלְמֵי עַכְבְּרֵיכֶם הַמַּשְׁחִיתִם אֶת־הָאָרֶץ
וּנְתַתֶּם לֵאלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כָּבוֹד אוּלַי יָקֵל אֶת־יָדוֹ מֵעֲלֵיכֶם
וּמֵעַל אֱלֹהֵיכֶם וּמֵעַל אַרְצְכֶם׃ וְלָמָּה תְכַבְּדוּ אֶת־לְבַבְכֶם ו
כַּאֲשֶׁר כִּבְּדוּ מִצְרַיִם וּפַרְעֹה אֶת־לִבָּם הֲלוֹא כַּאֲשֶׁר
הִתְעַלֵּל בָּהֶם וַיְשַׁלְּחוּם וַיֵּלֵכוּ׃ וְעַתָּה קְחוּ וַעֲשׂוּ עֲגָלָה ז
חֲדָשָׁה אֶחָת וּשְׁתֵּי פָרוֹת עָלוֹת אֲשֶׁר לֹא־עָלָה עֲלֵיהֶם
עֹל וַאֲסַרְתֶּם אֶת־הַפָּרוֹת בָּעֲגָלָה וַהֲשֵׁיבֹתֶם בְּנֵיהֶם
מֵאַחֲרֵיהֶם הַבָּיְתָה׃ וּלְקַחְתֶּם אֶת־אֲרוֹן יְהוָה וּנְתַתֶּם ח
אֹתוֹ אֶל־הָעֲגָלָה וְאֵת ׀ כְּלֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר הֲשֵׁבֹתֶם לוֹ אָשָׁם
תָּשִׂימוּ בָאַרְגַּז מִצִּדּוֹ וְשִׁלַּחְתֶּם אֹתוֹ וְהָלָךְ׃ וּרְאִיתֶם אִם־ ט
דֶּרֶךְ גְּבוּלוֹ יַעֲלֶה בֵּית שֶׁמֶשׁ הוּא עָשָׂה לָנוּ אֶת־הָרָעָה
הַגְּדוֹלָה הַזֹּאת וְאִם־לֹא וְיָדַעְנוּ כִּי לֹא יָדוֹ נָגְעָה בָּנוּ מִקְרֶה
הוּא הָיָה לָנוּ׃ וַיַּעֲשׂוּ הָאֲנָשִׁים כֵּן וַיִּקְחוּ שְׁתֵּי פָרוֹת עָלוֹת י
וַיַּאַסְרוּם בָּעֲגָלָה וְאֶת־בְּנֵיהֶם כָּלוּ בַבָּיִת׃ וַיָּשִׂמוּ אֶת־ יא

ה, יב ׳בטחרים קרי   ו, ד ׳טחרי קרי   ה׳ טחריכם קרי

דעם אָרון פון דעם גאָט פון ישׂראל, און זאָל ער זיך אומ־
קערן צו זיין אָרט, כּדי ער זאָל ניט טייטן מיך און מיין
פאָלק. וואָרום אַ טויט־מהומה איז געווען אין דער גאַנצער
שטאָט; די האַנט פון גאָט איז דאָרטן געווען זייער שווער.
12 און די מענטשן וואָס זיינען ניט געשטאָרבן, זיינען גע־
פּלאָגט געוואָרן מיט בלאָטערן, און דאָס געשריי פון דער
שטאָט איז אַרויף ביזן הימל.

ו 1 און דער אָרון פון גאָט איז אָפּגעווען אין פעלד פון
די פּלשתּים זיבן חדשים. 2 האָבן די פּלשתּים גע־
רופן די פּריסטער און די וואָרזאָגער, אַזוי צו זאָגן: וואָס
זאָלן מיר טאָן מיט דעם אָרון פון גאָט? מאַכט אונדז וויסן
מיט וואָס מיר זאָלן אים אָפּשיקן צו זיין אָרט. 3 האָבן זיי
געזאָגט: אַז איר שיקט אָפּ דעם אָרון פון דעם גאָט פון
ישׂראל, זאָלט איר אים ניט אָפּשיקן מיט ליידיקן; נייערט
אָפּצאָלן זאָלט איר אים אָפּצאָלן אַ שולדאָפּפער; דענס־
מאָל וועט איר געהיילט ווערן, און אַייך וועט באַוווּסט
ווערן פאַרוואָס זיין האַנט האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון אַייך.
4 האָבן זיי געזאָגט: וואָס זאָל זיין דאָס שולדאָפּפער וואָס
מיר זאָלן אים אָפּצאָלן? האָבן זיי געזאָגט: לויט דער
צאָל פון די פירשטן פון די פּלשתּים, פינף גילדערנע
בלאָטערן און פינף גילדערנע מייז; וואָרום איין מגפה
איז געווען אויף אַלעמען און אויף אַייערע פירשטן.
5 דרום זאָלט איר מאַכן די געשטאַלטן פון אַייערע בלאָטערן, און די געשטאַלטן פון אַייערע מייז, וואָס פאַר־
דאָרבן אַייער לאַנד, און איר זאָלט געבן כּבוד צום גאָט פון ישׂראל; אפשר וועט ער פאַרגרינגערן זיין האַנט פון
אַייך, און פון אַייערע געטער, און פון אַייער לאַנד. 6 און נאָך וואָס זאָלט איר האַרט מאַכן אַייער האַרץ, אַזוי ווי די
מצרים און פּרעה האָבן האַרט געמאַכט זייער האַרץ? פאַרוואָר, אַז ער האָט זיך אָנגעטאָן אָן זיי, האָבן זיי זיי אָוועקגע־
לאָזן, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען. 7 און אַצונד, נעמט און מאַכט אַ נייעם וואָגן, און צוויי געקעלבטע קי, וואָס אויף זיי
איז ניט אַרויף אַ יאָך; און איר זאָלט איינשפּאַנען די קי אין דעם וואָגן, און אומקערן זייערע קעלבער פון הינטער זיי
אַהיים. 8 און איר זאָלט נעמען דעם אָרון פון גאָט, און אים אַרויפלייגן אויפן וואָגן, און די גילדערנע זאַכן וואָס איר
צאָלט אים אָפּ פאַר אַ שולדאָפּפער, זאָלט איר אַריינטאָן אין אַ קאַסטן אים בײַן זייט; און איר זאָלט אים אַוועקלאָזן ער
זאָל גיין. 9 וועט איר זען, אויב מיט דעם וועג פון זיין געמאַרק וועט ער אַרויפגיין, קיין בית־שמש, האָט ער אונדז גע־
טאָן דאָסדאָזיקע גרויסע בייז, און אויב ניט, וועלן מיר וויסן אַז ניט זיין האַנט האָט אונדז געטראָפן; דאָס איז אונדז אַ
סיבה געשען.

10 האָבן די מענטשן אַזוי געטאָן; און זיי האָבן גענומען צוויי געקעלבטע קי, און זיי איינגעשפּאַנט אין אַ
וואָגן, און זייערע קעלבער האָבן זיי פאַרשפּאַרט אין דער היים. 11 און זיי האָבן אַרויפגעטאָן אויפן וואָגן

אֲרוֹן יְהוָה אֶל־הָעֲגָלָה וְאֵת הָאַרְגַּז וְאֵת עַכְבְּרֵי הַזָּהָב
יב וְאֵת צַלְמֵי טְחֹרֵיהֶם׃ וַיִּשַּׁרְנָה הַפָּרוֹת בַּדֶּרֶךְ עַל־דֶּרֶךְ
בֵּית שֶׁמֶשׁ בִּמְסִלָּה אַחַת הָלְכוּ הָלֹךְ וְגָעוֹ וְלֹא־סָרוּ יָמִין
וּשְׂמֹאול וְסַרְנֵי פְלִשְׁתִּים הֹלְכִים אַחֲרֵיהֶם עַד־גְּבוּל בֵּית
יג שָׁמֶשׁ׃ וּבֵית שֶׁמֶשׁ קֹצְרִים קְצִיר־חִטִּים בָּעֵמֶק וַיִּשְׂאוּ
יד אֶת־עֵינֵיהֶם וַיִּרְאוּ אֶת־הָאָרוֹן וַיִּשְׂמְחוּ לִרְאוֹת׃ וְהָעֲגָלָה
בָּאָה אֶל־שְׂדֵה יְהוֹשֻׁעַ בֵּית־הַשִּׁמְשִׁי וַתַּעֲמֹד שָׁם וְשָׁם
אֶבֶן גְּדוֹלָה וַיְבַקְּעוּ אֶת־עֲצֵי הָעֲגָלָה וְאֶת־הַפָּרוֹת הֶעֱלוּ
טו עֹלָה לַיהוָה׃ וְהַלְוִיִּם הוֹרִידוּ ׀ אֶת־אֲרוֹן יְהוָה וְאֶת־הָאַרְגַּז
אֲשֶׁר־אִתּוֹ אֲשֶׁר־בּוֹ כְלֵי־זָהָב וַיָּשִׂמוּ אֶל־הָאֶבֶן הַגְּדוֹלָה
וְאַנְשֵׁי בֵית־שֶׁמֶשׁ הֶעֱלוּ עֹלוֹת וַיִּזְבְּחוּ זְבָחִים בַּיּוֹם הַהוּא
טז לַיהוָה׃ וַחֲמִשָּׁה סַרְנֵי־פְלִשְׁתִּים רָאוּ וַיָּשֻׁבוּ עֶקְרוֹן בַּיּוֹם
יז הַהוּא׃ וְאֵלֶּה טְחֹרֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר הֵשִׁיבוּ פְלִשְׁתִּים
אָשָׁם לַיהוָה לְאַשְׁדּוֹד אֶחָד לְעַזָּה אֶחָד לְאַשְׁקְלוֹן אֶחָד
יח לְגַת אֶחָד לְעֶקְרוֹן אֶחָד׃ וְעַכְבְּרֵי הַזָּהָב מִסְפַּר
כָּל־עָרֵי פְלִשְׁתִּים לַחֲמֵשֶׁת הַסְּרָנִים מֵעִיר מִבְצָר וְעַד
כֹּפֶר הַפְּרָזִי וְעַד ׀ אָבֵל הַגְּדוֹלָה אֲשֶׁר הִנִּיחוּ עָלֶיהָ אֵת
אֲרוֹן יְהוָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה בִּשְׂדֵה יְהוֹשֻׁעַ בֵּית־הַשִּׁמְשִׁי׃
יט וַיַּךְ בְּאַנְשֵׁי בֵית־שֶׁמֶשׁ כִּי רָאוּ בַּאֲרוֹן יְהוָה וַיַּךְ בָּעָם
שִׁבְעִים אִישׁ חֲמִשִּׁים אֶלֶף אִישׁ וַיִּתְאַבְּלוּ הָעָם כִּי־הִכָּה
כ יְהוָה בָּעָם מַכָּה גְדוֹלָה׃ וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי בֵית־שֶׁמֶשׁ מִי
יוּכַל לַעֲמֹד לִפְנֵי יְהוָה הָאֱלֹהִים הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה וְאֶל־מִי
כא יַעֲלֶה מֵעָלֵינוּ׃ וַיִּשְׁלְחוּ מַלְאָכִים אֶל־יוֹשְׁבֵי קִרְיַת־
יְעָרִים לֵאמֹר הֵשִׁבוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־אֲרוֹן יְהוָה רְדוּ הַעֲלוּ
אֹתוֹ אֲלֵיכֶם׃

ז

א וַיָּבֹאוּ אַנְשֵׁי ׀ קִרְיַת יְעָרִים וַיַּעֲלוּ אֶת־אֲרוֹן יְהוָה וַיָּבִאוּ

ו, יב׳ יתיר ו׳

דעם אָרון פון גאָט, און דעם קאַסטן מיט די גילדערנע מייז און די געשטאַלטן פון זייערע בלאָטערן. 12 און די קי האָבן זיך פאַרנומען גלייך מיטן וועג, אויפן וועג פון בית־שֶמֶש; אויף איין שליאַך זיינען זיי געגאַנגען, געגאַנגען און געמרוקעט, און זיי האָבן זיך ניט אָפּגעקערט רעכטס אָדער לינקס. און די פירשטן פון די פלִשתּים זיינען געגאַנגען הינטער זיי ביז דעם געמאַרק פון בית־שֶמֶש.

13 און די בית־שֶמֶשער האָבן געשניטן דעם שניט פון ווייץ אין טאָל, און זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן, און האָבן דערזען דעם אָרון, און האָבן זיך דערפרייט אים צו זען. 14 און דער וואָגן איז צוגעקומען צו דעם פעלד פון יהושוע דעם בית־שֶמֶשער, און האָט זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט. און דאָרטן איז געווען אַ גרויסער שטיין, האָבן זיי צעהאַקט דאָס האָלץ פון וואָגן, און די קי האָבן זיי אויפגעבראַכט אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט. 15 און די לֵוִיִים האָבן אַראָפּגענומען דעם אָרון פון גאָט, און דעם קאַסטן וואָס מיט אים, וואָס דרינען זיינען געווען די גילדערנע זאַכן, און אַרויפגעטאָן אויף דעם גרויסן שטיין. און די מענטשן פון בית־שֶמֶש האָבן אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער און געשלאַכט שלאַכטאָפּפער אין יענעם טאָג צו גאָט.

16 און די פינף פירשטן פון די פלִשתּים האָבן דאָס געזען, און זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין עֶקרון אין דעם אייגענעם טאָג.

17 און דאָס זיינען די גילדערנע בלאָטערן וואָס די פלִשתּים האָבן אָפּגעצאָלט אַ שולדאָפּפער צו גאָט; פאַר אַשדוד איינער, פאַר עַזָה איינער, פאַר אַשקלון איינער, פאַר גַת איינער, פאַר עֶקרון איינער. 18 און די גילדערנע מייז זיינען געווען די צאָל פון אַלע שטעט פון די פלִשתּים אונטער די פינף פירשטן, פון אַ פעסטונגשטאָט און ביז אַן אָפענעם דאָרף, און ביז דעם גרויסן שטיין, וואָס זיי האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט דעם אָרון פון גאָט; ער איז ביז אויף היינטיקן טאָג אין דעם פעלד פון יהושוע דעם בית־שֶמֶשער.

19 און ער האָט געשלאָגן צווישן די מענטשן פון בית־שֶמֶש, ווייל זיי האָבן געקוקט אויף דעם אָרון פון גאָט, און ער האָט געשלאָגן צווישן דעם פאָלק זיבעציק מאַן און פופציק טויזנט מאַן. און דאָס פאָלק האָט געטרויערט וואָס גאָט האָט געשלאָגן צווישן דעם פאָלק אַ גרויסן שלאַק. 20 און די מענטשן פון בית־שֶמֶש האָבן געזאָגט: ווער קען באַשטיין פאַר יהוה, דעמדאָזיקן הייליקן גאָט? און צו וועמען זאָל ער אַרויפגיין פון אונדז?

21 האָבן זיי געשיקט שלוחים צו די באַוווינער פון קִריַת־יְעָרים, אַזוי צו זאָגן: די פלִשתּים האָבן אומגעקערט דעם אָרון פון גאָט. נידערט אַראָפּ, נעמט אים אַרויף צו אַייך.

ז 1 און די מענטשן פון קִריַת־יְעָרים זיינען געקומען, און האָבן אַרויפגעבראַכט דעם אָרון פון גאָט, און אים געבראַכט

אֹתוֹ אֶל־בֵּית אֲבִינָדָב בַּגִּבְעָה וְאֶת־אֶלְעָזָר בְּנוֹ קִדְּשׁוּ
לִשְׁמֹר אֶת־אֲרוֹן יְהוָה׃ וַיְהִי מִיּוֹם שֶׁבֶת הָאָרוֹן ב
בְּקִרְיַת יְעָרִים וַיִּרְבּוּ הַיָּמִים וַיִּהְיוּ עֶשְׂרִים שָׁנָה וַיִּנָּהוּ כָּל־
בֵּית יִשְׂרָאֵל אַחֲרֵי יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־כָּל־בֵּית ג
יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר אִם־בְּכָל־לְבַבְכֶם אַתֶּם שָׁבִים אֶל־יְהוָה
הָסִירוּ אֶת־אֱלֹהֵי הַנֵּכָר מִתּוֹכְכֶם וְהָעַשְׁתָּרוֹת וְהָכִינוּ
לְבַבְכֶם אֶל־יְהוָה וְעִבְדֻהוּ לְבַדּוֹ וְיַצֵּל אֶתְכֶם מִיַּד
פְּלִשְׁתִּים׃ וַיָּסִירוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־הַבְּעָלִים וְאֶת־ ד
הָעַשְׁתָּרֹת וַיַּעַבְדוּ אֶת־יְהוָה לְבַדּוֹ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל ה
קִבְצוּ אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל הַמִּצְפָּתָה וְאֶתְפַּלֵּל בַּעַדְכֶם אֶל־
יְהוָה׃ וַיִּקָּבְצוּ הַמִּצְפָּתָה וַיִּשְׁאֲבוּ־מַיִם וַיִּשְׁפְּכוּ ׀ לִפְנֵי יְהוָה ו
וַיָּצוּמוּ בַּיּוֹם הַהוּא וַיֹּאמְרוּ שָׁם חָטָאנוּ לַיהוָה וַיִּשְׁפֹּט
שְׁמוּאֵל אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בַּמִּצְפָּה׃ וַיִּשְׁמְעוּ פְלִשְׁתִּים כִּי־ ז
הִתְקַבְּצוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הַמִּצְפָּתָה וַיַּעֲלוּ סַרְנֵי־פְלִשְׁתִּים אֶל־
יִשְׂרָאֵל וַיִּשְׁמְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּרְאוּ מִפְּנֵי פְּלִשְׁתִּים׃ וַיֹּאמְרוּ ח
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־שְׁמוּאֵל אַל־תַּחֲרֵשׁ מִמֶּנּוּ מִזְּעֹק אֶל־
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְיֹשִׁעֵנוּ מִיַּד פְּלִשְׁתִּים׃ וַיִּקַּח שְׁמוּאֵל טְלֵה ט
חָלָב אֶחָד וַיַּעֲלֶה עוֹלָה כָּלִיל לַיהוָה וַיִּזְעַק שְׁמוּאֵל אֶל־
יְהוָה בְּעַד יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲנֵהוּ יְהוָה׃ וַיְהִי שְׁמוּאֵל מַעֲלֶה י
הָעוֹלָה וּפְלִשְׁתִּים נִגְּשׁוּ לַמִּלְחָמָה בְּיִשְׂרָאֵל וַיַּרְעֵם יְהוָה ׀
בְּקוֹל־גָּדוֹל בַּיּוֹם הַהוּא עַל־פְּלִשְׁתִּים וַיְהֻמֵּם וַיִּנָּגְפוּ לִפְנֵי
יִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּצְאוּ אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל מִן־הַמִּצְפָּה וַיִּרְדְּפוּ אֶת־ יא
פְּלִשְׁתִּים וַיַּכּוּם עַד־מִתַּחַת לְבֵית כָּר׃ וַיִּקַּח שְׁמוּאֵל יב
אֶבֶן אַחַת וַיָּשֶׂם בֵּין־הַמִּצְפָּה וּבֵין הַשֵּׁן וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמָהּ
אֶבֶן הָעָזֶר וַיֹּאמַר עַד־הֵנָּה עֲזָרָנוּ יְהוָה׃ וַיִּכָּנְעוּ הַפְּלִשְׁתִּים יג
וְלֹא־יָסְפוּ עוֹד לָבוֹא בִּגְבוּל יִשְׂרָאֵל וַתְּהִי יַד־יְהוָה
בַּפְּלִשְׁתִּים כֹּל יְמֵי שְׁמוּאֵל׃ וַתָּשֹׁבְנָה הֶעָרִים אֲשֶׁר יד

ט׳ ויעלהו קרי

אין הויז פון אַבינָדָבן אויפן בערגל; און אֶלעָזָר זיין זון האָבן זיי געהייליקט צו היטן דעם אָרון פון גאָט.

[2] און עס איז געווען: פון זינט דעם טאָג וואָס דער אָרון איז פאַרבליבן אין קִריַת־יְעָרים האָבן זיך געמערט די טעג, און עס זיינען געוואָרן צוואַנציק יאָר; און דאָס גאַנצע הויז פון ישׂראל האָט געבענקט נאָך יהוה. [3] און שמואל האָט געזאָגט צום גאַנצן הויז פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: אויב מיט אײַער גאַנצן האַרצן קערט איר אײַך אום צו יהוה, טוט אָפּ די פרעמדע געטער פון צווישן אײַך, און די עַשתָּרות, און ברייט אָן אײַער האַרץ צו יהוה, און דינט אים אַליין, און ער וועט אײַך מציל זיין פון דער האַנט פון די פּלִשתּים.

[4] האָבן די קינדער פון ישׂראל אָפּגעטאָן די בַּעַל־געטער און די עַשתָּרות, און זיי האָבן געדינט יהוה אַליין.

[5] און שמואל האָט געזאָגט: זאַמלט איין גאַנץ ישׂראל קיין מִצפָּה, און איך וועל מתפלל זיין פאַר אײַך צו גאָט.

[6] האָבן זיי זיך אײַנגעזאַמלט קיין מִצפָּה, און זיי האָבן געשעפּט וואַסער און אויסגעגאָסן פאַר גאָט, און זיי האָבן געפאַסט אין יענעם טאָג, און געזאָגט דאָרטן: מיר האָבן געזינדיקט צו גאָט.

און שמואל האָט געמשפּט די קינדער פון ישׂראל אין מִצפָּה.

[7] און די פּלִשתּים האָבן געהערט, אַז די קינדער פון ישׂראל האָבן זיך אײַנגעזאַמלט קיין מִצפָּה, און די פירשטן פון די פּלִשתּים זיינען אַרויפגעגאַנגען קעגן ישׂראל. און די קינדער פון ישׂראל האָבן דערהערט, און האָבן מורא געהאַט פאַר די פּלִשתּים. [8] און די קינדער פון ישׂראל האָבן געזאָגט צו שמואלן: זאָלסט ניט אויפהערן שרייען פון אונדזערטוועגן צו יהוה אונדזער גאָט, ער זאָל אונדז העלפן פון דער האַנט פון די פּלִשתּים.

[9] האָט שמואל גענומען אַ מילכלעמעלע, און האָט עס אויפגעבראַכט אין גאַנצן אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט. און שמואל האָט געשריען צו גאָט פאַר ישׂראל, און גאָט האָט אים געענטפערט.

[10] און עס איז געווען, ווי שמואל ברענגט אויף דאָס בראַנדאָפּפער, אַזוי האָבן די פּלִשתּים גענענט אויף מלחמה אַקעגן ישׂראל; אָבער גאָט האָט געדונערט מיט גרויס געפילדער אין יענעם טאָג אויף די פּלִשתּים, און ער האָט זיי פאַרטומלט, און זיי זיינען געשלאָגן געוואָרן פאַר ישׂראל. [11] און די מענער פון ישׂראל זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מִצפָּה, און האָבן נאָכגעיאָגט די פּלִשתּים, און זיי געשלאָגן ביז אונטער בֵּית־כָּר.

[12] און שמואל האָט גענומען אַ שטיין, און האָט אים אויפגעשטעלט צווישן מִצפָּה און צווישן שֵׁן, און האָט גערופן זיין נאָמען אֶבֶן־עֶזֶר[א], וואָרום ער האָט געזאָגט: ביז דאַנען האָט אונדז גאָט געהאָלפן.

[13] און די פּלִשתּים זיינען אונטערטעניק געוואָרן, און זיי זיינען מער ניט געקומען אין דעם גבול פון ישׂראל. און די האַנט פון גאָט איז געווען אויף די פּלִשתּים אַלע טעג פון שמואלן. [14] און די שטעט וואָס די פּלִשתּים האָבן געהאַט

[א] שטיין פון הילף.

לְקֽחוּ־פְלִשְׁתִּים מֵאֵת יִשְׂרָאֵל ׀ לְיִשְׂרָאֵל מֵֽעֶקְרוֹן וְעַד־
גַּת וְאֶת־גְּבוּלָן הִצִּיל יִשְׂרָאֵל מִיַּד פְּלִשְׁתִּים וַיְהִי שָׁלוֹם
טו בֵּין יִשְׂרָאֵל וּבֵין הָאֱמֹרִֽי׃ וַיִּשְׁפֹּט שְׁמוּאֵל אֶת־יִשְׂרָאֵל כֹּל
טז יְמֵי חַיָּֽיו׃ וְהָלַךְ מִדֵּי שָׁנָה בְּשָׁנָה וְסָבַב בֵּֽית־אֵל וְהַגִּלְגָּל
וְהַמִּצְפָּה וְשָׁפַט אֶת־יִשְׂרָאֵל אֵת כָּל־הַמְּקוֹמוֹת הָאֵֽלֶּה׃
יז וּתְשֻׁבָתוֹ הָרָמָתָה כִּי־שָׁם בֵּיתוֹ וְשָׁם שְׁפָטוֹ אֶת־יִשְׂרָאֵל
וַיִּֽבֶן־שָׁם מִזְבֵּחַ לַֽיהוָֽה׃

ח

א וַיְהִי כַּאֲשֶׁר זָקֵן שְׁמוּאֵל וַיָּשֶׂם אֶת־בָּנָיו שֹׁפְטִים לְיִשְׂרָאֵֽל׃
ב וַיְהִי שֶׁם־בְּנוֹ הַבְּכוֹר יוֹאֵל וְשֵׁם מִשְׁנֵהוּ אֲבִיָּה שֹׁפְטִים
ג בִּבְאֵר שָֽׁבַע׃ וְלֹא־הָלְכוּ בָנָיו בִּדְרָכָו וַיִּטּוּ אַחֲרֵי הַבָּצַע
ד וַיִּֽקְחוּ־שֹׁחַד וַיַּטּוּ מִשְׁפָּֽט׃ וַיִּֽתְקַבְּצוּ כֹּל זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל
ה וַיָּבֹאוּ אֶל־שְׁמוּאֵל הָרָמָֽתָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו הִנֵּה אַתָּה זָקַנְתָּ
וּבָנֶיךָ לֹא הָלְכוּ בִּדְרָכֶיךָ עַתָּה שִֽׂימָה־לָּנוּ מֶלֶךְ לְשָׁפְטֵנוּ
ו כְּכָל־הַגּוֹיִֽם׃ וַיֵּרַע הַדָּבָר בְּעֵינֵי שְׁמוּאֵל כַּאֲשֶׁר אָֽמְרוּ
תְּנָה־לָּנוּ מֶלֶךְ לְשָׁפְטֵנוּ וַיִּתְפַּלֵּל שְׁמוּאֵל אֶל־יְהוָֽה׃
ז וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל שְׁמַע בְּקוֹל הָעָם לְכֹל אֲשֶׁר־
יֹאמְרוּ אֵלֶיךָ כִּי לֹא אֹתְךָ מָאָסוּ כִּֽי־אֹתִי מָאֲסוּ מִמְּלֹךְ
ח עֲלֵיהֶֽם׃ כְּֽכָל־הַמַּעֲשִׂים אֲשֶׁר־עָשׂוּ מִיּוֹם הַעֲלֹתִי אוֹתָם
מִמִּצְרַיִם וְעַד־הַיּוֹם הַזֶּה וַיַּֽעַזְבֻנִי וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים
ט כֵּן הֵמָּה עֹשִׂים גַּם־לָֽךְ׃ וְעַתָּה שְׁמַע בְּקוֹלָם אַךְ כִּֽי־הָעֵד
תָּעִיד בָּהֶם וְהִגַּדְתָּ לָהֶם מִשְׁפַּט הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר יִמְלֹךְ עֲלֵיהֶֽם׃
י וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה אֶל־הָעָם הַשֹּׁאֲלִים
יא מֵאִתּוֹ מֶֽלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר זֶה יִהְיֶה מִשְׁפַּט הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר יִמְלֹךְ
עֲלֵיכֶם אֶת־בְּנֵיכֶם יִקָּח וְשָׂם לוֹ בְּמֶרְכַּבְתּוֹ וּבְפָרָשָׁיו
יב וְרָצוּ לִפְנֵי מֶרְכַּבְתּֽוֹ׃ וְלָשׂוּם לוֹ שָׂרֵי אֲלָפִים וְשָׂרֵי
חֲמִשִּׁים וְלַחֲרֹשׁ חֲרִישׁוֹ וְלִקְצֹר קְצִירוֹ וְלַעֲשׂוֹת כְּלֵֽי־

ז, יז׳ כולו קמץ   ח, ג׳ בדרכו קרי   ו׳ קמץ בזק   יא׳ חק בקמץ

צוגענומען פון ישראל, האָבן זיך אומגעקערט צו ישראל, פון עֶקרון און ביז גַת און זייער געמאַרק האָט ישראל מציל געווען פון דער האַנט פון די פלשתים.

און עס איז געווען שלום צווישן ישראל און צווישן דעם אֶמורי.

[15] און שמואל האָט געמשפט ישראל אַלע טעג פון זיין לעבן. [16] און ער פלעגט גיין יאָר אַיין יאָר אויס און אַרומגיין קיין בֵית־אֵל, און גִלגָל, און מִצפָּה, און משפטן ישראל אין אַלע דידאָזיקע ערטער. [17] און זיין צוריקקער פלעגט זיין קיין רָמָה, וואָרום דאָרטן איז געווען זיין הויז, און דאָרטן האָט ער געמשפט ישראל; און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו גאָט.

ח [1] און עס איז געווען, אַז שמואל איז אַלט געוואָרן, האָט ער געמאַכט זיינע זין שופטים אויף ישראל. [2] און דער נאָמען פון זיין ערשטגעבאָרענעם זון איז געווען יואֵל, און דער נאָמען פון דעם צווייטן פון אים אַבִיָה; זיי זיינען געווען שופטים אין באֵר־שֶבַע. [3] און זיינע זין זיינען ניט געגאַנגען אין זיינע וועגן, און זיי האָבן זיך אָפּגענייגט נאָך געווין, און האָבן גענומען שוחד, און פאַרדרייט דעם משפט.

[4] האָבן זיך אַיינגעזאַמלט אַלע עלטסטע פון ישראל, און זיי זיינען געקומען צו שמואלן קיין רָמָה, [5] און האָבן צו אים געזאָגט: זע, דו ביסט אַלט, און דיינע זין גייען ניט אין דיינע וועגן. אַצונד, מאַך אונדז אַ מלך אונדז צו משפטן אַזוי ווי אַלע פעלקער.

[6] און די זאַך איז געווען שלעכט אין די אויגן פון שמואלן, אַז זיי האָבן געזאָגט: גיב אונדז אַ מלך אונדז צו משפטן. און שמואל האָט מתפלל געווען צו גאָט. [7] האָט גאָט געזאָגט צו שמואלן: הער צו דעם קָול פון דעם פאָלק אין אַלץ וואָס זיי זאָגן צו דיר; וואָרום ניט דיך האָבן זיי פאַראַכט, נאָר מיך האָבן זיי פאַראַכט פון צו קיניגן איבער זיי. [8] אַזוי ווי אַלע זייערע טואונגען וואָס זיי האָבן געטאָן פון דעם טאָג וואָס איך האָב זיי אויפגעבראַכט פון מִצרַיִם און ביז היינטיקן טאָג, וואָס זיי האָבן מיך פאַרלאָזן און געדינט פרעמדע געטער, אַזוי טוען זיי אויך צו דיר. [9] און אַצונד, הער צו זייער קָול, נאָר וואָרענען זאָלסטו זיי וואָרענען, און זיי דערציילן דעם שטייגער פון דעם מלך וואָס וועט קיניגן איבער זיי.

[10] האָט שמואל געזאָגט אַלע ווערטער פון גאָט צו דעם פאָלק וואָס האָט פאַרלאַנגט פון אים אַ מלך. [11] און ער האָט געזאָגט: דאָס וועט זיין דער שטייגער פון דעם מלך וואָס וועט קיניגן איבער אייך: אייערע זין וועט ער צונעמען און וועט זיי פאַרטאָן פאַר זיך ביי זיין רייטוואָגן, און ביי זיינע פערד, און זיי וועלן לויפן פאַר זיין רייטוואָגן. [12] און ער וועט זיי זיך מאַכן פאַר הויפּטלייט פון טויזנט, און הויפּטלייט פון פופציק, און אויף צו אַקערן זיין אַקער, און צו שניידן זיין שניט, און

מִלְחַמְתּוֹ וּכְלֵי רִכְבּוֹ׃ וְאֶת־בְּנוֹתֵיכֶם יִקָּח לְרַקָּחוֹת יג
וּלְטַבָּחוֹת וּלְאֹפוֹת׃ וְאֶת־שְׂדוֹתֵיכֶם וְאֶת־כַּרְמֵיכֶם וְזֵיתֵיכֶם יד
הַטּוֹבִים יִקָּח וְנָתַן לַעֲבָדָיו׃ וְזַרְעֵיכֶם וְכַרְמֵיכֶם יַעְשֹׂר טו
וְנָתַן לְסָרִיסָיו וְלַעֲבָדָיו׃ וְאֶת־עַבְדֵיכֶם וְאֶת־שִׁפְחוֹתֵיכֶם טז
וְאֶת־בַּחוּרֵיכֶם הַטּוֹבִים וְאֶת־חֲמוֹרֵיכֶם יִקָּח וְעָשָׂה
לִמְלַאכְתּוֹ׃ צֹאנְכֶם יַעְשֹׂר וְאַתֶּם תִּהְיוּ־לוֹ לַעֲבָדִים׃ יז
וּזְעַקְתֶּם בַּיּוֹם הַהוּא מִלִּפְנֵי מַלְכְּכֶם אֲשֶׁר בְּחַרְתֶּם לָכֶם יח
וְלֹא־יַעֲנֶה יְהוָה אֶתְכֶם בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיְמָאֲנוּ הָעָם לִשְׁמֹעַ יט
בְּקוֹל שְׁמוּאֵל וַיֹּאמְרוּ לֹּא כִּי אִם־מֶלֶךְ יִהְיֶה עָלֵינוּ׃ וְהָיִינוּ כ
גַם־אֲנַחְנוּ כְּכָל־הַגּוֹיִם וּשְׁפָטָנוּ מַלְכֵּנוּ וְיָצָא לְפָנֵינוּ וְנִלְחַם
אֶת־מִלְחֲמֹתֵנוּ׃ וַיִּשְׁמַע שְׁמוּאֵל אֵת כָּל־דִּבְרֵי הָעָם כא
וַיְדַבְּרֵם בְּאָזְנֵי יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל שְׁמַע כב
בְּקוֹלָם וְהִמְלַכְתָּ לָהֶם מֶלֶךְ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־אַנְשֵׁי
יִשְׂרָאֵל לְכוּ אִישׁ לְעִירוֹ׃

ט

וַיְהִי־אִישׁ מִבִּן *יָמִין וּשְׁמוֹ קִישׁ בֶּן־אֲבִיאֵל בֶּן־צְרוֹר בֶּן־ א
בְּכוֹרַת בֶּן־אֲפִיחַ בֶּן־אִישׁ יְמִינִי גִּבּוֹר חָיִל׃ וְלוֹ־הָיָה בֵן ב
וּשְׁמוֹ שָׁאוּל בָּחוּר וָטוֹב וְאֵין אִישׁ מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל טוֹב מִמֶּנּוּ
מִשִּׁכְמוֹ וָמַעְלָה גָּבֹהַּ מִכָּל־הָעָם׃ וַתֹּאבַדְנָה הָאֲתֹנוֹת ג
לְקִישׁ אֲבִי שָׁאוּל וַיֹּאמֶר קִישׁ אֶל־שָׁאוּל בְּנוֹ קַח־נָא אִתְּךָ
אֶת־אַחַד מֵהַנְּעָרִים וְקוּם לֵךְ בַּקֵּשׁ אֶת־הָאֲתֹנֹת׃ וַיַּעֲבֹר ד
בְּהַר־אֶפְרַיִם וַיַּעֲבֹר בְּאֶרֶץ־שָׁלִשָׁה וְלֹא מָצָאוּ וַיַּעַבְרוּ
בְאֶרֶץ־שַׁעֲלִים וָאַיִן וַיַּעֲבֹר בְּאֶרֶץ־יְמִינִי וְלֹא מָצָאוּ׃ הֵמָּה ה
בָּאוּ בְּאֶרֶץ צוּף וְשָׁאוּל אָמַר לְנַעֲרוֹ אֲשֶׁר־עִמּוֹ לְכָה
וְנָשׁוּבָה פֶּן־יֶחְדַּל אָבִי מִן־הָאֲתֹנוֹת וְדָאַג לָנוּ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ ו
הִנֵּה־נָא אִישׁ־אֱלֹהִים בָּעִיר הַזֹּאת וְהָאִישׁ נִכְבָּד כֹּל
אֲשֶׁר־יְדַבֵּר בּוֹא יָבוֹא עַתָּה נֵלֲכָה שָּׁם אוּלַי יַגִּיד לָנוּ אֶת־

ח, יט׳ הל׳ דגושה   ט, א׳ מבנימין קרי

צו מאַכן זיינע כלי־מלחמה, און די שפּאַנצייג פון זיינע רייטוועגן. 13 און אײַערע טעכטער וועט ער צונעמען פאַר בשמים־מאַכערינס, און פאַר קעכינס, און פאַר בעקערינס. 14 און אײַערע בעסטע פעלדער און ווייַנגערטנער און איילבערטגערטנער וועט ער צונעמען און אַוועקשענקען צו זיינע קנעכט. 15 און פון אײַערע זאָמען און אײַערע ווייַנגערטנער וועט ער נעמען מעשר, און אַוועקשענקען צו זיינע הויפדינער און צו זיינע קנעכט. 16 און אײַערע קנעכט און אײַערע דינסטן און אײַערע בעסטע בחורים און אײַערע אייזלען וועט ער צונעמען, און פאַרטאָן פאַר זיין אַרבעט. 17 פון אײַערע שאָף וועט ער נעמען מעשר; און איר וועט זיין קנעכט ביי אים. 18 און איר וועט שרייען אין יענעם טאָג פון וועגן אײַער מלך וואָס איר האָט אײַך אויסדערוויילט, און גאָט וועט אײַך ניט ענטפערן אין יענעם טאָג.

19 אָבער דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט צוהערן צו דעם קול פון שמואלן, און זיי האָבן געזאָגט: ניין, נאָר דווקא אַ מלך מוז זיין איבער אונדז, 20 אַז מיר זאָלן אויך זיין אַזוי ווי אַלע פעלקער, און אונדזער מלך זאָל אונדז משפטן, און אַרויסגיין אונדז פאַרויס, און פירן אונדזערע מלחמות.

21 און שמואל האָט געהערט אַלע ווערטער פון פאָלק, און ער האָט זיי דערציילט אין די אויערן פון גאָט. 22 און גאָט האָט געזאָגט צו שמואלן: הער צו זייער קול, און זאָלסט זיי מאַכן אַ מלך. האָט שמואל געזאָגט צו די מענער פון ישראל: גייט איטלעכער צו זיין שטאָט.

ט

1 און עס איז געווען אַ מאַן פון בנימין, וואָס זיין נאָמען איז געווען קיש דער זון פון אביאל, דעם זון פון צרור, דעם זון פון בכורת, דעם זון פון אפיח, דעם זון פון אַ מאַן אַ בנימינער, אַ העלדישער גיבור. 2 און ער האָט געהאַט אַ זון, וואָס זיין נאָמען איז געווען שאול, יונג און שיין, און קיינער פון די קינדער פון ישראל איז ניט געווען שענער פון אים; פון זיין אַקסל און אַרויף איז ער געווען העכער פון גאַנצן פאָלק.

3 זיינען פאַרלאָרן געוואָרן די אייזלינס ביי קיש דעם פאָטער פון שאולן, און קיש האָט געזאָגט צו זיין זון שאולן: נעם אָקאָרשט מיט דיר איינעם פון די יונגען, און שטיי אויף, גיי זוך די אייזלינס.

4 איז ער דורכגעגאַנגען דורכן געבערג פון אפרים, און איז דורכגעגאַנגען דורך לאַנד שָלִשָה, און זיי האָבן ניט געפונען; און זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך לאַנד שַעֲלִים, און ניטאָ; און ער איז דורכגעגאַנגען דורך לאַנד בנימין, און זיי האָבן ניט געפונען. 5 ווי זיי זיינען געקומען אין לאַנד צוף, אַזוי האָט שאול געזאָגט צו זיין יונג וואָס מיט אים: קום און לאָמיר זיך אומקערן, וואָרום מיין פאָטער וועט נאָך אויפהערן זיך קימערן אום די אייזעלינס, און וועט דאגהן וועגן אונדז. 6 האָט ער צו אים געזאָגט: זע, איך בעט דיך, אַ געטלעכער מאַן איז דאָ אין דער־דאָזיקער שטאָט, און דער מאַן איז אָנגעזען; אַלץ וואָס ער רעדט, קומט זיכער אָן. לאָמיר אַצונד גיין אַהין, אפשר וועט ער אונדז זאָגן וועגן

ז דַּרְכֵּנוּ אֲשֶׁר־הָלַכְנוּ עָלֶיהָ׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לְנַעֲרוֹ וְהִנֵּה
נֵלֵךְ וּמַה־נָּבִיא לָאִישׁ כִּי הַלֶּחֶם אָזַל מִכֵּלֵינוּ וּתְשׁוּרָה
ח אֵין־לְהָבִיא לְאִישׁ הָאֱלֹהִים מָה אִתָּנוּ׃ וַיֹּסֶף הַנַּעַר לַעֲנוֹת
אֶת־שָׁאוּל וַיֹּאמֶר הִנֵּה נִמְצָא בְיָדִי רֶבַע שֶׁקֶל כָּסֶף
ט וְנָתַתִּי לְאִישׁ הָאֱלֹהִים וְהִגִּיד לָנוּ אֶת־דַּרְכֵּנוּ׃ לְפָנִים ׀
בְּיִשְׂרָאֵל כֹּה־אָמַר הָאִישׁ בְּלֶכְתּוֹ לִדְרוֹשׁ אֱלֹהִים לְכוּ
וְנֵלְכָה עַד־הָרֹאֶה כִּי לַנָּבִיא הַיּוֹם יִקָּרֵא לְפָנִים הָרֹאֶה׃
י וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לְנַעֲרוֹ טוֹב דְּבָרְךָ לְכָה ׀ נֵלֵכָה וַיֵּלְכוּ אֶל־
יא הָעִיר אֲשֶׁר־שָׁם אִישׁ הָאֱלֹהִים׃ הֵמָּה עֹלִים בְּמַעֲלֵה
הָעִיר וְהֵמָּה מָצְאוּ נְעָרוֹת יֹצְאוֹת לִשְׁאֹב מָיִם וַיֹּאמְרוּ לָהֶן
יב הֲיֵשׁ בָּזֶה הָרֹאֶה׃ וַתַּעֲנֶינָה אוֹתָם וַתֹּאמַרְנָה יֵּשׁ הִנֵּה לְפָנֶיךָ
מַהֵר ׀ עַתָּה כִּי הַיּוֹם בָּא לָעִיר כִּי זֶבַח הַיּוֹם לָעָם בַּבָּמָה׃
יג כְּבֹאֲכֶם הָעִיר כֵּן תִּמְצְאוּן אֹתוֹ בְּטֶרֶם יַעֲלֶה הַבָּמָתָה
לֶאֱכֹל כִּי לֹא־יֹאכַל הָעָם עַד־בֹּאוֹ כִּי־הוּא יְבָרֵךְ הַזֶּבַח
אַחֲרֵי־כֵן יֹאכְלוּ הַקְּרֻאִים וְעַתָּה עֲלוּ כִּי־אֹתוֹ כְהַיּוֹם
יד תִּמְצְאוּן אֹתוֹ׃ וַיַּעֲלוּ הָעִיר הֵמָּה בָּאִים בְּתוֹךְ הָעִיר וְהִנֵּה
טו שְׁמוּאֵל יֹצֵא לִקְרָאתָם לַעֲלוֹת הַבָּמָה׃ וַיהוָה גָּלָה
טז אֶת־אֹזֶן שְׁמוּאֵל יוֹם אֶחָד לִפְנֵי בוֹא־שָׁאוּל לֵאמֹר׃ כָּעֵת ׀
מָחָר אֶשְׁלַח אֵלֶיךָ אִישׁ מֵאֶרֶץ בִּנְיָמִן וּמְשַׁחְתּוֹ לְנָגִיד
עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל וְהוֹשִׁיעַ אֶת־עַמִּי מִיַּד פְּלִשְׁתִּים כִּי רָאִיתִי
יז אֶת־עַמִּי כִּי בָּאָה צַעֲקָתוֹ אֵלָי׃ וּשְׁמוּאֵל רָאָה אֶת־שָׁאוּל
וַיהוָה עָנָהוּ הִנֵּה הָאִישׁ אֲשֶׁר אָמַרְתִּי אֵלֶיךָ זֶה יַעְצֹר
יח בְּעַמִּי׃ וַיִּגַּשׁ שָׁאוּל אֶת־שְׁמוּאֵל בְּתוֹךְ הַשָּׁעַר וַיֹּאמֶר
יט הַגִּידָה־נָּא לִי אֵי זֶה בֵּית הָרֹאֶה׃ וַיַּעַן שְׁמוּאֵל אֶת־
שָׁאוּל וַיֹּאמֶר אָנֹכִי הָרֹאֶה עֲלֵה לְפָנַי הַבָּמָה וַאֲכַלְתֶּם עִמִּי
הַיּוֹם וְשִׁלַּחְתִּיךָ בַבֹּקֶר וְכֹל אֲשֶׁר בִּלְבָבְךָ אַגִּיד לָךְ׃
כ וְלָאֲתֹנוֹת הָאֹבְדוֹת לְךָ הַיּוֹם שְׁלֹשֶׁת הַיָּמִים אַל־תָּשֶׂם
אֶת־לִבְּךָ לָהֶם כִּי נִמְצָאוּ וּלְמִי כָּל־חֶמְדַּת יִשְׂרָאֵל הֲלוֹא

אונדזער וועג וואָס מיר גייען אויף אים. 7 האָט שָאול געזאָגט צו זיין יונג: אָבער זע, אַז מיר וועלן גיין, וואָס וועלן מיר ברענגען דעם מאַן? וואָרום דאָס ברויט איז אויסגעגאַנגען פון אונדזערע כלים, און אַ מתנה צו ברענגען דעם געטלעכן מאַן איז ניטאָ; וואָס איז דאָ ביי אונדז? 8 האָט דער יונג ווידער געענטפערט שָאולן און האָט געזאָגט: אָט געפינט זיך אין מיין האַנט אַ פערטל שֶקל זילבער, וועל איך געבן דעם געטלעכן מאַן, און ער וועט אונדז זאָגן אונדזער וועג.

9 פריער אין ישׂראל, האָט אַ מאַן אַזוי געזאָגט, אַז ער איז געגאַנגען פרעגן ביי גאָט: קומט און לאָמיר גיין צום זעער; וואָרום דעם נביא פון היינט פלעגט מען פריער רופן זעער.

10 האָט שָאול געזאָגט צו זיין יונג: דיין וואָרט איז גוט; קום לאָמיר גיין. און זיי זיינען אַוועק צו דער שטאָט וואָס דאָרטן איז געווען דער געטלעכער מאַן. 11 ווי זיי גייען אַרויף דעם אַרויפגאַנג פון שטאָט, אַזוי האָבן זיי אָנגעטראָפן מיידלעך וואָס גייען אַרויס שעפן וואַסער, און זיי האָבן צו זיי געזאָגט: איז דאָ פאַראַן דער זעער? 12 האָבן זיי געענטפערט און געזאָגט: ער איז דאָ, אָן פאַר דיר. איַיל זיך אַצונד, וואָרום היינט איז ער געקומען אין שטאָט, ווייל היינט איז אַן אָפפערשלאַכטונג ביים פאָלק אויף דער בָמָה. 13 ווי איר קומט אַריין אין שטאָט, אַזוי וועט איר אים טרעפן, איידער ער גייט אַרויף אויף דער בָמָה צו עסן; ווייל דאָס פאָלק עסט ניט ביז ער קומט, וואָרום ער בענטשט דאָס שלאַכטאָפּפער, דערנאָך עסן די גערופענע. און אַצונד גייט אַרויף, וואָרום גראָד היינט וועט איר אים טרעפן.

14 זיינען זיי אַרויפגעגאַנגען צו דער שטאָט. זיי קומען אַריין אין שטאָט, ערשט שמואל גייט אַרויס אַקעגן זיי, כדי אַרויפצוגיין אויף דער בָמָה. 15 און גאָט האָט אַנטפלעקט שמואלס אויער איין טאָג פאַר שָאולס קומען, אַזוי צו זאָגן: 16 מאָרגן אין דער צייט וועל איך שיקן צו דיר אַ מאַן פון לאַנד בנימין, זאָלסטו אים זאַלבן פאַר אַ פירשט איבער מיין פאָלק ישׂראל, און ער וועט העלפן מיין פאָלק פון דער האַנט פון די פלשתּים, וואָרום איך האָב צוגעזען מיין פאָלק, ווייל זיין געשריי איז געקומען צו מיר.

17 און ווי שמואל האָט דערזען שָאולן, אַזוי האָט גאָט אויסגערופן צו אים: אָט איז דער מאַן וואָס איך האָב דיר געזאָגט: דער דאָזיקער וועט הערשן איבער מיין פאָלק. 18 און שָאול האָט גענענט צו שמואלן אין מיטן טויער, און האָט געזאָגט: זאָג מיר, איך בעט דיך, ווו איז דאָ דאָס הויז פון דעם זעער? 19 האָט שמואל געענטפערט שָאולן און האָט געזאָגט: איך בין דער זעער; גיי אַרויף מיר פאַרויס צו דער בָמָה, און איר וועט עסן מיט מיר היינט, און אין דער פרי וועל איך דיך אַוועקשיקן, און אַלץ וואָס אויף דיין האַרצן וועל איך דיר זאָגן. 20 און וועגן די אייזעלינס וואָס זיינען ביי דיר פאַרלאָרן שוין היינט דריי טעג, אויף זיי זאָלסטו ניט לייגן דיין האַרץ, וואָרום זיי זיינען געפונען געוואָרן. און פאַר וועמען איז אַלדאָס

לְךָ וּלְכֹל בֵּית אָבִיךָ׃ וַיַּעַן שָׁאוּל וַיֹּאמֶר הֲלוֹא בֶן כא
יְמִינִי אָנֹכִי מִקַּטַנֵּי שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל וּמִשְׁפַּחְתִּי הַצְּעִרָה
מִכָּל־מִשְׁפְּחוֹת שִׁבְטֵי בִנְיָמִן וְלָמָּה דִּבַּרְתָּ אֵלַי כַּדָּבָר
הַזֶּה׃ וַיִּקַּח שְׁמוּאֵל אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־נַעֲרוֹ וַיְבִיאֵם לִשְׁכָּתָה כב
וַיִּתֵּן לָהֶם מָקוֹם בְּרֹאשׁ הַקְּרוּאִים וְהֵמָּה כִּשְׁלֹשִׁים אִישׁ׃
וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל לַטַּבָּח תְּנָה אֶת־הַמָּנָה אֲשֶׁר נָתַתִּי לָךְ כג
אֲשֶׁר אָמַרְתִּי אֵלֶיךָ שִׂים אֹתָהּ עִמָּךְ׃ וַיָּרֶם הַטַּבָּח אֶת־ כד
הַשּׁוֹק וְהֶעָלֶיהָ וַיָּשֶׂם ׀ לִפְנֵי שָׁאוּל וַיֹּאמֶר הִנֵּה הַנִּשְׁאָר
שִׂים־לְפָנֶיךָ אֱכֹל כִּי לַמּוֹעֵד שָׁמוּר־לְךָ לֵאמֹר הָעָם
קָרָאתִי וַיֹּאכַל שָׁאוּל עִם־שְׁמוּאֵל בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיֵּרְדוּ כה
מֵהַבָּמָה הָעִיר וַיְדַבֵּר עִם־שָׁאוּל עַל־הַגָּג׃ וַיַּשְׁכִּמוּ וַיְהִי כו
כַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר וַיִּקְרָא שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל הַגָּג לֵאמֹר
קוּמָה וַאֲשַׁלְּחֶךָּ וַיָּקָם שָׁאוּל וַיֵּצְאוּ שְׁנֵיהֶם הוּא וּשְׁמוּאֵל
הַחוּצָה׃ הֵמָּה יוֹרְדִים בִּקְצֵה הָעִיר וּשְׁמוּאֵל אָמַר אֶל־ כז
שָׁאוּל אֱמֹר לַנַּעַר וְיַעֲבֹר לְפָנֵינוּ וַיַּעֲבֹר וְאַתָּה עֲמֹד כַּיּוֹם
וְאַשְׁמִיעֲךָ אֶת־דְּבַר אֱלֹהִים׃

י

וַיִּקַּח שְׁמוּאֵל אֶת־פַּךְ הַשֶּׁמֶן וַיִּצֹק עַל־רֹאשׁוֹ וַיִּשָּׁקֵהוּ א
וַיֹּאמֶר הֲלוֹא כִּי־מְשָׁחֲךָ יְהוָה עַל־נַחֲלָתוֹ לְנָגִיד׃ בְּלֶכְתְּךָ ב
הַיּוֹם מֵעִמָּדִי וּמָצָאתָ שְׁנֵי אֲנָשִׁים עִם־קְבֻרַת רָחֵל בִּגְבוּל
בִּנְיָמִן בְּצֶלְצַח וְאָמְרוּ אֵלֶיךָ נִמְצְאוּ הָאֲתֹנוֹת אֲשֶׁר הָלַכְתָּ
לְבַקֵּשׁ וְהִנֵּה נָטַשׁ אָבִיךָ אֶת־דִּבְרֵי הָאֲתֹנוֹת וְדָאַג לָכֶם
לֵאמֹר מָה אֶעֱשֶׂה לִבְנִי׃ וְחָלַפְתָּ מִשָּׁם וָהָלְאָה וּבָאתָ ג
עַד־אֵלוֹן תָּבוֹר וּמְצָאוּךָ שָּׁם שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים עֹלִים אֶל־
הָאֱלֹהִים בֵּית־אֵל אֶחָד נֹשֵׂא ׀ שְׁלֹשָׁה גְדָיִים וְאֶחָד נֹשֵׂא
שְׁלֹשֶׁת כִּכְּרוֹת לֶחֶם וְאֶחָד נֹשֵׂא נֵבֶל־יָיִן׃ וְשָׁאֲלוּ לְךָ ד
לְשָׁלוֹם וְנָתְנוּ לְךָ שְׁתֵּי־לֶחֶם וְלָקַחְתָּ מִיָּדָם׃ אַחַר כֵּן ה

ט, כ ד׳ מלעיל   כו׳ הגגה קרי   י, ב׳ פתח באתנח

גלוסטיקע פון ישראל, אויב ניט פאַר דיר און פאַר דעם גאַנצן הויז פון דיין פאָטער? 21 האָט געענטפערט שאָול און האָט געזאָגט: בין איך ניט פון בנימין, פון די קלענסטע שבטים פון ישראל, און מיין משפחה די מינדסטע פון אַלע משפחות פון שבט בנימין? און פאַרוואָס רעדסטו צו מיר אַזאַ זאַך?

22 האָט שמואל גענומען שאָולן און זיין יונג, און ער האָט זיי אַריינגעבראַכט אין קאַמער, און האָט זיי געגעבן אַן אָרט אויבנאָן פון די גערופענע, וואָס זיינען געווען אַרום דרייסיק מאַן. 23 און שמואל האָט געזאָגט צו דעם קוכער: דערלאַנג דעם חלק וואָס איך האָב דיר געגעבן, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט: לייג אים אַוועק ביי דיר. 24 האָט דער קוכער אויפגעהויבן דעם שענקל און וואָס אויף אים, און אַוועקגעלייגט פאַר שאָולן, און [שמואל] האָט געזאָגט: אָט איז דאָס איבערגעלאָזענע; לייג פאַר דיר, עס, וואָרום אויף דער באַשטימטער צייט איז עס געהאַלטן געוואָרן פאַר דיר; אַזוי צו זאָגן: איך האָב דאָך [צוליב דעם] דאָס פאָלק פאַררופן.

האָט שאָול געגעסן מיט שמואלן אין יענעם טאָג.

25 און זיי האָבן אַראָפּגענידערט פון דער בָּמָה אין שטאָט; און ער האָט גערעדט מיט שאָולן אויפן דאַך.

26 און זיי זיינען אויפגעשטאַנען פרי; און עס איז געווען, ווי דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען, אַזוי האָט שמואל גערופן צו שאָולן אויפן דאַך, אַזוי צו זאָגן: שטיי אויף, און איך וועל דיך אַרויסבאַלייטן. איז שאָול אויפגעשטאַנען, און זיי זיינען ביידע אַרויסגעגאַנגען דערויסן, ער און שמואל. 27 ווי זיי נידערן אַראָפּ צום עק שטאָט, אַזוי האָט שמואל געזאָגט צו שאָולן: זאָג דעם יונג, ער זאָל אַוועקגיין אונדז פאַרויס—און ער איז אַוועקגעגאַנגען—און דו שטיי אַקאָרשט, און איך וועל דיך לאָזן הערן דאָס וואָרט פון גאָט.

י 1 און שמואל האָט גענומען דאָס קריגל אייל, און אַרויפגעגאָסן אויף זיין קאָפּ; און ער האָט אים געקושט, און האָט געזאָגט: פאַרוואָר, גאָט האָט דיך געזאַלבט פאַר אַ פירשט איבער זיין אַרב. 2 ווי דו גייסט היינט אַוועק פון מיר, אַזוי וועסטו אָנטרעפן צוויי מענטשן לעבן רחלס קבר אין דעם געמאַרק פון בנימין, אין צֶלצַח, און זיי וועלן זאָגן צו דיר: די אייזעלינס וואָס דו ביסט געגאַנגען זוכן, זיינען געפונען געוואָרן, און זע, דיין פאָטער האָט אָפּגעלאָזט די מעשה מיט די אייזעלינס, און ער דאגהט וועגן אייך, אַזוי צו זאָגן: וואָס טו איך וועגן מיין זון? 3 און וועסט אַוועקגיין פון דאָרטן ווייטער, און וועסט קומען ביז דעם אייכנבוים פון תָּבוֹר; וועלן דיך אָנטרעפן דאָרטן דריי מענטשן וואָס גייען אַרויף צו גאָט קיין בֵּית־אֵל; איינער טראָגט דריי ציקעלעך, און איינער טראָגט דריי לאַבנס ברויט, און איינער טראָגט אַ לאָגל וויין. 4 און זיי וועלן דיך פרעגן אויף פריד, און וועלן דיר געבן צוויי ברויטן; זאָלסטו צונעמען פון זייער האַנט. 5 דערנאָך

תָּבוֹא אֶל־גִּבְעַת הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר־שָׁם נְצִבֵי פְלִשְׁתִּים
וִיהִי כְבֹאֲךָ שָׁם הָעִיר וּפָגַעְתָּ חֶבֶל נְבִאִים יֹרְדִים מֵהַבָּמָה
וְלִפְנֵיהֶם נֵבֶל וְתֹף וְחָלִיל וְכִנּוֹר וְהֵמָּה מִתְנַבְּאִים׃
ו וְצָלְחָה עָלֶיךָ רוּחַ יְהוָה וְהִתְנַבִּיתָ עִמָּם וְנֶהְפַּכְתָּ לְאִישׁ
ז אַחֵר׃ וְהָיָה כִּי תְבֹאֶינָה הָאֹתוֹת הָאֵלֶּה לָךְ עֲשֵׂה לְךָ
ח אֲשֶׁר תִּמְצָא יָדֶךָ כִּי הָאֱלֹהִים עִמָּךְ׃ וְיָרַדְתָּ לְפָנַי הַגִּלְגָּל
וְהִנֵּה אָנֹכִי יֹרֵד אֵלֶיךָ לְהַעֲלוֹת עֹלוֹת לִזְבֹּחַ זִבְחֵי שְׁלָמִים
שִׁבְעַת יָמִים תּוֹחֵל עַד־בּוֹאִי אֵלֶיךָ וְהוֹדַעְתִּי לְךָ אֵת
ט אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה׃ וְהָיָה כְּהַפְנֹתוֹ שִׁכְמוֹ לָלֶכֶת מֵעִם שְׁמוּאֵל
וַיַּהֲפָךְ־לוֹ אֱלֹהִים לֵב אַחֵר וַיָּבֹאוּ כָּל־הָאֹתוֹת הָאֵלֶּה
י בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיָּבֹאוּ שָׁם הַגִּבְעָתָה וְהִנֵּה חֶבֶל־נְבִאִים
לִקְרָאתוֹ וַתִּצְלַח עָלָיו רוּחַ אֱלֹהִים וַיִּתְנַבֵּא בְּתוֹכָם׃
יא וַיְהִי כָּל־יוֹדְעוֹ מֵאִתְּמוֹל שִׁלְשֹׁם וַיִּרְאוּ וְהִנֵּה עִם־נְבִאִים
נִבָּא וַיֹּאמֶר הָעָם אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ מַה־זֶּה הָיָה לְבֶן־קִישׁ
יב הֲגַם שָׁאוּל בַּנְּבִיאִים׃ וַיַּעַן אִישׁ מִשָּׁם וַיֹּאמֶר וּמִי אֲבִיהֶם
יג עַל־כֵּן הָיְתָה לְמָשָׁל הֲגַם שָׁאוּל בַּנְּבִאִים׃ וַיְכַל
יד מֵהִתְנַבּוֹת וַיָּבֹא הַבָּמָה׃ וַיֹּאמֶר דּוֹד שָׁאוּל אֵלָיו וְאֶל־
נַעֲרוֹ אָן הֲלַכְתֶּם וַיֹּאמֶר לְבַקֵּשׁ אֶת־הָאֲתֹנוֹת וַנִּרְאֶה כִּי־
טו אַיִן וַנָּבוֹא אֶל־שְׁמוּאֵל׃ וַיֹּאמֶר דּוֹד שָׁאוּל הַגִּידָה־נָּא
טז לִי מָה־אָמַר לָכֶם שְׁמוּאֵל׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דּוֹדוֹ הַגֵּד
הִגִּיד לָנוּ כִּי נִמְצְאוּ הָאֲתֹנוֹת וְאֶת־דְּבַר הַמְּלוּכָה לֹא־הִגִּיד
יז לוֹ אֲשֶׁר אָמַר שְׁמוּאֵל׃ וַיַּצְעֵק שְׁמוּאֵל אֶת־הָעָם
יח אֶל־יְהוָה הַמִּצְפָּה׃ וַיֹּאמֶר ׀ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כֹּה־אָמַר
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אָנֹכִי הֶעֱלֵיתִי אֶת־יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם
וָאַצִּיל אֶתְכֶם מִיַּד מִצְרַיִם וּמִיַּד כָּל־הַמַּמְלָכוֹת הַלֹּחֲצִים
יט אֶתְכֶם׃ וְאַתֶּם הַיּוֹם מְאַסְתֶּם אֶת־אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר־הוּא
מוֹשִׁיעַ לָכֶם מִכָּל־רָעוֹתֵיכֶם וְצָרֹתֵיכֶם וַתֹּאמְרוּ לוֹ כִּי־

ה׳ בקצת ספרים לא נמצא מלה אל   ז׳ יתיר י   יא׳ כצ״ל

וועסטו קומען צו דעם בערגל פון גאָט, וואָס דאָרטן זיינען די וואַכן פון די פּלשתּים: און עס וועט זיין, ווי דו קומסט אַהין אין דער שטאָט, אַזוי וועסטו באַגעגענען אַ שנור נביאים וואָס נידערן אַראָפּ פון דער בָּמָה, און זיי פֿאַרויס האַרפן און פּויקן און פלייטן און גיטאַרן; און זיי זאָגן נביאות. 6 און אויף דיר וועט קומען דער גייסט פון גאָט, און וועסט נביאות זאָגן מיט זיי, און וועסט פאַרקערט ווערן אין אַן אַנדער מענטשן. 7 און עס וועט זיין, אַז דידאָזיקע צייכנס וועלן דיר אָנקומען, טו דיר וואָס דיר קומט צו דער האַנט, וואָרום גאָט איז מיט דיר. 8 און זאָלסט אַראָפּנידערן מיר פאַרויס קיין גִלגָל, און זע, איך וועל אַראָפּנידערן צו דיר אויפצוברענגען בראַנדאָפּפער, צו שלאַכטן פרידאָפּפער; זיבן טעג זאָלסטו וואַרטן ביז איך קום צו דיר, און וועל דיך לאָזן וויסן וואָס דו זאָלסט טאָן.

9 און עס איז געווען, ווי ער קערט אום זיין רוקן אַוועקצוגיין פון לעבן שמואלן, אַזוי האָט גאָט אים פאַרקערט אַן אַנדער האַרץ; און אַלע דידאָזיקע צייכנס זיינען אָנגעקומען אין יענעם טאָג. 10 און ווי זיי זיינען געקומען אַהין קיין גִבעָה, ערשט אַ שנור נביאים קומט אים אַנטקעגן; און דער גייסט פון גאָט איז געקומען אויף אים, און ער האָט נביאות געזאָגט צווישן זיי. 11 און עס איז געווען, ווי אַלע וואָס האָבן אים געקענט פון נעכטן־אייערנעכטן, האָבן געזען, ערשט ער זאָגט נביאות מיט נביאים, אַזוי האָט דאָס פאָלק געזאָגט איינער צום אַנדערן: וואָס איז דאָס געשען דעם זון פון קישן? איז אויך שָאול צווישן די נביאים? 12 האָט זיך אָפּגערופן אַ מאַן פון דאָרטן און האָט געזאָגט: און ווער איז זייער פאָטער? דעריבער איז געוואָרן פאַר אַ שפּריכוואָרט: איז אויך שָאול צווישן די נביאים?

13 און ווי ער האָט געענדיקט נביאות זאָגן, אַזוי איז ער געקומען צו דער בָּמָה.

14 און שָאולס פעטער האָט געזאָגט צו אים און צו זיין יונג: וווהין זייט איר געגאַנגען? האָט ער געזאָגט: צו זוכן די אייזעלינס; און מיר האָבן געזען אַז זיי זיינען ניטאָ, זיינען מיר געקומען צו שמואלן. 15 האָט שָאולס פעטער געזאָגט: דערציי׳ל מיר, איך בעט דיך, וואָס האָט אייך שמואל געזאָגט? 16 האָט שָאול געזאָגט צו זיין פעטער: דערציילן האָט ער אונדז דערציילט אַז די אייזעלינס זיינען געפונען געוואָרן. אָבער די מעשה פון דער מלוכה וואָס שמואל האָט געזאָגט, האָט ער אים ניט דערציילט.

17 און שמואל האָט צונויפגערופן דאָס פאָלק צו גאָט קיין מִצפָּה. 18 און ער האָט געזאָגט צו די קינדער פון ישראל: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: איך האָב אויפגעבראַכט ישראל פון מִצרַיִם, און האָב אייך מציל געווען פון דער האַנט פון מִצרַיִם, און פון דער האַנט פון אַלע קיניגרייכן וואָס האָבן אייך געדריקט. 19 און איר האָט היינט פאַראַכט אייער גאָט, וואָס ער העלפט אייך פון אַלע אייערע בייזן און אייערע צרות, און איר האָט צו אים געזאָגט:

מֶלֶךְ תָּשִׂים עָלֵינוּ וְעַתָּה הִתְיַצְּבוּ לִפְנֵי יְהוָה לְשִׁבְטֵיכֶם
וּלְאַלְפֵיכֶם׃ וַיַּקְרֵב שְׁמוּאֵל אֵת כָּל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּלָּכֵד כ
שֵׁבֶט בִּנְיָמִן׃ וַיַּקְרֵב אֶת־שֵׁבֶט בִּנְיָמִן לְמִשְׁפְּחֹתָו וַתִּלָּכֵד כא
מִשְׁפַּחַת הַמַּטְרִי וַיִּלָּכֵד שָׁאוּל בֶּן־קִישׁ וַיְבַקְשֻׁהוּ וְלֹא
נִמְצָא׃ וַיִּשְׁאֲלוּ־עוֹד בַּיהוָה הֲבָא עוֹד הֲלֹם אִישׁ * כב
וַיֹּאמֶר יְהוָה הִנֵּה־הוּא נֶחְבָּא אֶל־הַכֵּלִים׃ וַיָּרֻצוּ וַיִּקָּחֻהוּ כג
מִשָּׁם וַיִּתְיַצֵּב בְּתוֹךְ הָעָם וַיִּגְבַּהּ מִכָּל־הָעָם מִשִּׁכְמוֹ
וָמָעְלָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־כָּל־הָעָם הַרְּאִיתֶם אֲשֶׁר כד
בָּחַר־בּוֹ יְהוָה כִּי אֵין כָּמֹהוּ בְּכָל־הָעָם וַיָּרִעוּ כָל־הָעָם
וַיֹּאמְרוּ יְחִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיְדַבֵּר שְׁמוּאֵל אֶל־הָעָם אֵת כה
מִשְׁפַּט הַמְּלֻכָה וַיִּכְתֹּב בַּסֵּפֶר וַיַּנַּח לִפְנֵי יְהוָה וַיְשַׁלַּח
שְׁמוּאֵל אֶת־כָּל־הָעָם אִישׁ לְבֵיתוֹ׃ וְגַם־שָׁאוּל הָלַךְ לְבֵיתוֹ כו
גִּבְעָתָה וַיֵּלְכוּ עִמּוֹ הַחַיִל אֲשֶׁר־נָגַע אֱלֹהִים בְּלִבָּם׃ וּבְנֵי כז
בְלִיַּעַל אָמְרוּ מַה־יֹּשִׁעֵנוּ זֶה וַיִּבְזֻהוּ וְלֹא־הֵבִיאוּ לוֹ מִנְחָה
וַיְהִי כְּמַחֲרִישׁ׃

## יא

וַיַּעַל נָחָשׁ הָעַמּוֹנִי וַיִּחַן עַל־יָבֵישׁ גִּלְעָד וַיֹּאמְרוּ כָּל־ א
אַנְשֵׁי יָבֵישׁ אֶל־נָחָשׁ כְּרָת־לָנוּ בְרִית וְנַעַבְדֶךָּ׃ וַיֹּאמֶר ב
אֲלֵיהֶם נָחָשׁ הָעַמּוֹנִי בְּזֹאת אֶכְרֹת לָכֶם בִּנְקוֹר לָכֶם כָּל־
עֵין יָמִין וְשַׂמְתִּיהָ חֶרְפָּה עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו ג
זִקְנֵי יָבֵישׁ הֶרֶף לָנוּ שִׁבְעַת יָמִים וְנִשְׁלְחָה מַלְאָכִים בְּכֹל
גְּבוּל יִשְׂרָאֵל וְאִם־אֵין מוֹשִׁיעַ אֹתָנוּ וְיָצָאנוּ אֵלֶיךָ׃
וַיָּבֹאוּ הַמַּלְאָכִים גִּבְעַת שָׁאוּל וַיְדַבְּרוּ הַדְּבָרִים בְּאָזְנֵי ד
הָעָם וַיִּשְׂאוּ כָל־הָעָם אֶת־קוֹלָם וַיִּבְכּוּ׃ וְהִנֵּה שָׁאוּל בָּא ה
אַחֲרֵי הַבָּקָר מִן־הַשָּׂדֶה וַיֹּאמֶר שָׁאוּל מַה־לָּעָם כִּי יִבְכּוּ
וַיְסַפְּרוּ־לוֹ אֶת־דִּבְרֵי אַנְשֵׁי יָבֵישׁ׃ וַתִּצְלַח רוּחַ־אֱלֹהִים ו
עַל־שָׁאוּל בְּשָׁמְעוֹ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיִּחַר אַפּוֹ מְאֹד׃

י, כא׳ למשפחותיו ק׳   כב׳ פסקא באמצע פסוק   כד׳ ר׳ דגושה   יא, ו׳ כשמעו ק׳

נאָר אַ מלך מוזטו מאַכן איבער אונדז. דרום שטעלט אייך אַצונד פאַר גאָט לויט אײַערע שבטים און לויט אײַערע טויזנטן.

[20] און שמואל האָט געמאַכט גענענען אַלע שבטים פון ישראל, און שבט בנימין איז פאַרנומען געוואָרן. [21] האָט ער געמאַכט גענענען שבט בנימין לויט זיינע משפחות, און די משפחה פון די מַטרים איז פאַרנומען געוואָרן; און שָאול דער זון פון קישן איז פאַרנומען געוואָרן. האָבן זיי אים אַרומגעזוכט, און ער איז ניט געפונען געוואָרן. [22] האָבן זיי ווידער געפרעגט ביי גאָט: איז נאָך עמיצער געקומען אַהער? האָט גאָט געזאָגט: אָן באַהאַלט ער זיך ביי די זאַכן. [23] זיינען זיי געלאָפן, און האָבן אים גענומען פון דאָרטן; און אַז ער האָט זיך געשטעלט צווישן פאָלק, איז ער געווען העכער פון גאַנצן פאָלק פון זיין אַקסל און אַרויף.

[24] האָט שמואל געזאָגט צום גאַנצן פאָלק: איר זעט דעם וואָס גאָט האָט אים אויסדערוויילט, אַז זיין גלייכן איז ניטאָ אין גאַנצן פאָלק? האָט געשאַלט דאָס גאַנצע פאָלק, און האָט געזאָגט: לעבן זאָל דער מלך.

[25] און שמואל האָט געזאָגט דעם פאָלק דאָס געזעץ פון דער מלוכה, און פאַרשריבן אין אַ בוך, און אַוועקגעלייגט פאַר גאָט. און שמואל האָט אַוועקגעשיקט דאָס גאַנצע פאָלק, איטלעכן צו זיין הויז.

[26] און אויך שָאול איז אַוועקגעגאַנגען צו זיין הויז קיין גִבעָה, און מיט אים זיינען געגאַנגען די חיל וואָס האָבן געהאַט גאָט אין האַרצן. [27] אָבער די נִידערטרעכטיקע יונגען האָבן געזאָגט: וואָס וועט אונדז העלפן דערדאָזיקער? און זיי האָבן אים פאַראַכט, און האָבן אים ניט געבראַכט אַ מתנה. און ער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק.

## יא

[1] און נָחָש פון עַמון איז אַרויפגעקומען און האָט געלעגערט אויף יָבֵיש־גִלעָד. האָבן אַלע מענטשן פון יָבֵיש געזאָגט צו נָחָשן: שליס אונדז אַ בונד, און מיר וועלן דיר דינען. [2] האָט נָחָש פון עַמון צו זיי געזאָגט: מיט דעם באַדינג וועל איך עס אייך שליסן, אַז מע זאָל אייך אַלעמען אויסשטעכן דאָס רעכטע אויג, און דאָס מאַכן פאַר אַ שאַנד אויף גאַנץ ישראל. [3] האָבן צו אים געזאָגט די עלטסטע פון יָבֵיש: לאָז אונדז אָפּ זיבן טעג, און מיר וועלן שיקן שלוחים אין גאַנצן געמאַרק פון ישראל; און אויב קיינער העלפט אונדז ניט, וועלן מיר אַרויסגיין צו דיר.

[4] זיינען די שלוחים געקומען קיין גִבעַת־שָאול, און האָבן גערעדט די ווערטער אין די אויערן פון פאָלק; און דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויפגעהויבן זייער קָול און געוויינט. [5] ערשט שָאול קומט אָן הינטער די רינדער פון פעלד; האָט שָאול געזאָגט: וואָס איז דעם פאָלק, וואָס זיי וויינען? האָט מען אים דערציילט די ווערטער פון די מענטשן פון יָבֵיש. [6] איז אַ גייסט פון גאָט געקומען אויף שָאולן, ווי ער האָט דערהערט דידאָזיקע ווערטער, און זיין צאָרן האָט זייער געגרימט.

7 און ער האָט גענומען אַ געשפּאַן רינדער, און האָט זיי צעשניטן, און פֿאַנאַנדערגעשיקט דורך דער האַנט פֿון די שלוחים אין גאַנצן געמאַרק פֿון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: ווער עס גייט ניט אַרויס נאָך שָאולן און נאָך שמואלן, וועט אַזוי געטאָן ווערן צו זײַנע רינדער. איז אַ פּחד פֿון גאָט געפֿאַלן אויפֿן פֿאָלק, און זיי זײַנען אַרויס אַזוי ווי איין מאַן. 8 און ער האָט זיי איבערגעציילט אין בֶּזֶק, און די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען געווען דרײַ הונדערט טויזנט, און די מענער פֿון יהודה דרײַסיק טויזנט. 9 און זיי האָבן געזאָגט צו די שלוחים וואָס זײַנען געקומען: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו די מענטשן פֿון יָבֵיש־גִלְעָד: מאָרגן ווען די זון וועט הייס, וועט אײַך געשען אַ הילף.

זײַנען געקומען די שלוחים און האָבן דערציילט צו די מענטשן פֿון יָבֵיש, און זיי האָבן זיך דערפֿרייט. 10 און די מענטשן פֿון יָבֵיש האָבן געזאָגט [צו נָחָשן]: מאָרגן וועלן מיר אַרויסגיין צו אײַך, און איר וועט טאָן צו אונדז אַזוי ווי אַלץ וואָס איז גוט אין אײַערע אויגן.

11 און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט שָאול געמאַכט דאָס פֿאָלק אין דרײַ מחנות, און זיי זײַנען אַרײַן אין מיטן לאַגער אין דער מאָרגנוואַך, און האָבן געשלאָגן עַמוֹן ביז דער טאָג איז הייס געוואָרן. און עס איז געווען, די וואָס זײַנען איבערגעבליבן, זײַנען צעשפּרייט געוואָרן, און עס זײַנען ניט געבליבן פֿון זיי צוויי בײַנאַנד.

12 האָט דאָס פֿאָלק געזאָגט צו שמואלן: ווער איז דער וואָס זאָגט: זאָל שָאול קיניגן איבער אונדז? גיט אַהער די לײַט, און מיר וועלן זיי טייטן. 13 האָט שָאול געזאָגט: קיינער זאָל ניט געטייט ווערן הײַנטיקן טאָג, וואָרום הײַנט האָט גאָט געטאָן אַ ישועה אין ישׂראל.

14 און שמואל האָט געזאָגט צום פֿאָלק: קומט און לאָמיר גיין קיין גִלְגָל, און מיר וועלן דאָרטן באַנײַען די מלוכה. 15 איז דאָס גאַנצע פֿאָלק געגאַנגען קיין גִלְגָל, און זיי האָבן דאָרטן געמאַכט שָאולן פֿאַר אַ מלך, פֿאַר גאָט אין גִלְגָל; און זיי האָבן דאָרטן געשלאַכט פֿרידאָפּפֿער פֿאַר גאָט. און שָאול און אַלע מענער פֿון ישׂראל האָבן זיך דאָרטן זייער געפֿרייט.

יב 1 און שמואל האָט געזאָגט צו גאַנץ ישׂראל: זעט, איך האָב צוגעהערט צו אײַער קָול אין אַלץ וואָס איר האָט צו מיר געזאָגט, און איך האָב געמאַכט איבער אײַך אַ מלך. 2 און אַצונד, אָט גייט דער מלך פֿאַר אײַך; איך אָבער בין אַלט און גרא, און אָט זײַנען מײַנע זין מיט אײַך; און איך בין געגאַנגען פֿאַר אײַך פֿון מײַן יוגנט אָן ביז הײַנטיקן טאָג. 3 דאָ בין איך, זאָגט עדות אַקעגן מיר פֿאַר גאָט און פֿאַר זײַן געזאַלבטן: וועמעס אָקס האָב איך צוגענומען? און וועמעס אייזל האָב איך צוגענומען? און וועמען האָב איך באַרויבט? וועמען האָב איך געדריקט? אָדער פֿון וועמענס האַנט האָב איך גענומען אויסלייז, אַז איך זאָל פֿאַרהוילן מײַנע אויגן פֿון אים? און איך וועל עס אײַך אומקערן.

ז וַיִּקַּח צֶמֶד בָּקָר וַיְנַתְּחֵהוּ וַיְשַׁלַּח בְּכָל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל
בְּיַד הַמַּלְאָכִים ׀ לֵאמֹר אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ יֹצֵא אַחֲרֵי שָׁאוּל
וְאַחַר שְׁמוּאֵל כֹּה יֵעָשֶׂה לִבְקָרוֹ וַיִּפֹּל פַּחַד־יְהוָה עַל־
ח הָעָם וַיֵּצְאוּ כְּאִישׁ אֶחָד׃ וַיִּפְקְדֵם בְּבָזֶק וַיִּהְיוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
ט שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אֶלֶף וְאִישׁ יְהוּדָה שְׁלֹשִׁים אָלֶף׃ וַיֹּאמְרוּ
לַמַּלְאָכִים הַבָּאִים כֹּה תֹאמְרוּן לְאִישׁ יָבֵישׁ גִּלְעָד מָחָר
תִּהְיֶה־לָכֶם תְּשׁוּעָה בְּחֹם הַשָּׁמֶשׁ וַיָּבֹאוּ הַמַּלְאָכִים וַיַּגִּידוּ
י לְאַנְשֵׁי יָבֵישׁ וַיִּשְׂמָחוּ׃ וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי יָבֵישׁ מָחָר נֵצֵא
יא אֲלֵיכֶם וַעֲשִׂיתֶם לָּנוּ כְּכָל־הַטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת
וַיָּשֶׂם שָׁאוּל אֶת־הָעָם שְׁלֹשָׁה רָאשִׁים וַיָּבֹאוּ בְתוֹךְ־
הַמַּחֲנֶה בְּאַשְׁמֹרֶת הַבֹּקֶר וַיַּכּוּ אֶת־עַמּוֹן עַד־חֹם הַיּוֹם וַיְהִי
יב הַנִּשְׁאָרִים וַיָּפֻצוּ וְלֹא נִשְׁאֲרוּ־בָם שְׁנַיִם יָחַד׃ וַיֹּאמֶר הָעָם
אֶל־שְׁמוּאֵל מִי הָאֹמֵר שָׁאוּל יִמְלֹךְ עָלֵינוּ תְּנוּ הָאֲנָשִׁים
יג וּנְמִיתֵם׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לֹא־יוּמַת אִישׁ בַּיּוֹם הַזֶּה כִּי הַיּוֹם
יד עָשָׂה־יְהוָה תְּשׁוּעָה בְּיִשְׂרָאֵל׃ * וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־
טו הָעָם לְכוּ וְנֵלְכָה הַגִּלְגָּל וּנְחַדֵּשׁ שָׁם הַמְּלוּכָה׃ וַיֵּלְכוּ כָל־
הָעָם הַגִּלְגָּל וַיַּמְלִכוּ שָׁם אֶת־שָׁאוּל לִפְנֵי יְהוָה בַּגִּלְגָּל
וַיִּזְבְּחוּ־שָׁם זְבָחִים שְׁלָמִים לִפְנֵי יְהוָה וַיִּשְׂמַח שָׁם שָׁאוּל
וְכָל־אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל עַד־מְאֹד׃

יב

א וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל הִנֵּה שָׁמַעְתִּי בְקֹלְכֶם לְכֹל
ב אֲשֶׁר־אֲמַרְתֶּם לִי וָאַמְלִיךְ עֲלֵיכֶם מֶלֶךְ׃ וְעַתָּה הִנֵּה
הַמֶּלֶךְ ׀ מִתְהַלֵּךְ לִפְנֵיכֶם וַאֲנִי זָקַנְתִּי וָשַׂבְתִּי וּבָנַי הִנָּם
אִתְּכֶם וַאֲנִי הִתְהַלַּכְתִּי לִפְנֵיכֶם מִנְּעֻרַי עַד־הַיּוֹם הַזֶּה׃
ג הִנְנִי עֲנוּ בִי נֶגֶד יְהוָה וְנֶגֶד מְשִׁיחוֹ אֶת־שׁוֹר ׀ מִי לָקַחְתִּי
וַחֲמוֹר מִי לָקַחְתִּי וְאֶת־מִי עָשַׁקְתִּי אֶת־מִי רַצּוֹתִי וּמִיַּד־
ד מִי לָקַחְתִּי כֹפֶר וְאַעְלִים עֵינַי בּוֹ וְאָשִׁיב לָכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ

יא, ז׳ כ״א ואחרי   ט׳ כחם ק׳   יד׳ הפטרת קרח

לֹא עֲשַׁקְתָּנוּ וְלֹא רַצּוֹתָנוּ וְלֹא־לָקַחְתָּ מִיַּד־אִישׁ מְאוּמָה׃
וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם עֵד יְהוָה בָּכֶם וְעֵד מְשִׁיחוֹ הַיּוֹם הַזֶּה ה
כִּי לֹא מְצָאתֶם בְּיָדִי מְאוּמָה וַיֹּאמֶר עֵד׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל ו
אֶל־הָעָם יְהוָה אֲשֶׁר עָשָׂה אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן וַאֲשֶׁר
הֶעֱלָה אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְעַתָּה הִתְיַצְּבוּ ז
וְאִשָּׁפְטָה אִתְּכֶם לִפְנֵי יְהוָה אֵת כָּל־צִדְקוֹת יְהוָה אֲשֶׁר־
עָשָׂה אִתְּכֶם וְאֶת־אֲבֹתֵיכֶם׃ כַּאֲשֶׁר־בָּא יַעֲקֹב מִצְרָיִם ח
וַיִּזְעֲקוּ אֲבֹתֵיכֶם אֶל־יְהוָה וַיִּשְׁלַח יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־
אַהֲרֹן וַיּוֹצִיאוּ אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם מִמִּצְרַיִם וַיֹּשִׁבוּם בַּמָּקוֹם
הַזֶּה׃ וַיִּשְׁכְּחוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וַיִּמְכֹּר אֹתָם בְּיַד ט
סִיסְרָא שַׂר־צְבָא חָצוֹר וּבְיַד־פְּלִשְׁתִּים וּבְיַד מֶלֶךְ מוֹאָב
וַיִּלָּחֲמוּ בָּם׃ וַיִּזְעֲקוּ אֶל־יְהוָה וַיֹּאמֶר חָטָאנוּ כִּי עָזַבְנוּ י
אֶת־יְהוָה וַנַּעֲבֹד אֶת־הַבְּעָלִים וְאֶת־הָעַשְׁתָּרוֹת וְעַתָּה
הַצִּילֵנוּ מִיַּד אֹיְבֵינוּ וְנַעַבְדֶךָּ׃ וַיִּשְׁלַח יְהוָה אֶת־יְרֻבַּעַל יא
וְאֶת־בְּדָן וְאֶת־יִפְתָּח וְאֶת־שְׁמוּאֵל וַיַּצֵּל אֶתְכֶם מִיַּד
אֹיְבֵיכֶם מִסָּבִיב וַתֵּשְׁבוּ בֶּטַח׃ וַתִּרְאוּ כִּי נָחָשׁ מֶלֶךְ בְּנֵי־ יב
עַמּוֹן בָּא עֲלֵיכֶם וַתֹּאמְרוּ לִי לֹא כִּי־מֶלֶךְ יִמְלֹךְ עָלֵינוּ
וַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם מַלְכְּכֶם׃ וְעַתָּה הִנֵּה הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר יג
בְּחַרְתֶּם אֲשֶׁר שְׁאֶלְתֶּם וְהִנֵּה נָתַן יְהוָה עֲלֵיכֶם מֶלֶךְ׃
אִם־תִּירְאוּ אֶת־יְהוָה וַעֲבַדְתֶּם אֹתוֹ וּשְׁמַעְתֶּם בְּקֹלוֹ וְלֹא יד
תַמְרוּ אֶת־פִּי יְהוָה וִהְיִתֶם גַּם־אַתֶּם וְגַם־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר
מָלַךְ עֲלֵיכֶם אַחַר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וְאִם־לֹא תִשְׁמְעוּ בְּקוֹל טו
יְהוָה וּמְרִיתֶם אֶת־פִּי יְהוָה וְהָיְתָה יַד־יְהוָה בָּכֶם
וּבַאֲבֹתֵיכֶם׃ גַּם־עַתָּה הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת־הַדָּבָר הַגָּדוֹל טז
הַזֶּה אֲשֶׁר יְהוָה עֹשֶׂה לְעֵינֵיכֶם׃ הֲלוֹא קְצִיר־חִטִּים יז
הַיּוֹם אֶקְרָא אֶל־יְהוָה וְיִתֵּן קֹלוֹת וּמָטָר וּדְעוּ וּרְאוּ כִּי־
רָעַתְכֶם רַבָּה אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם בְּעֵינֵי יְהוָה לִשְׁאוֹל לָכֶם

ה׳ סבירין ויאמרו   י׳ ויאמרו ק׳

[4] האָבן זיי געזאָגט: האָסט אונדז ניט באַרויבט און האָסט אונדז ניט געדריקט, און האָסט פון קיינעמס האַנט גאָרנישט גענומען. [5] האָט ער צו זיי געזאָגט: עדות איז גאָט קעגן אײַך, און עדות איז זיין געזאַלבטער היינטיקן טאָג, אַז איר האָט אין מיין האַנט גאָרנישט געפונען. האָבן זיי געזאָגט: עדות!

[6] האָט שמואל געזאָגט צום פאָלק: גאָט איז דער וואָס האָט באַשאַפן משהן און אַהרנען, און וואָס האָט אויפגעבראַכט אײַערע עלטערן פון לאַנד מִצרַיִם. [7] און אַצונד, שטעלט אײַך, און איך וועל זיך דורכטענהן מיט אײַך פאַר גאָט וועגן אַלע גערעכטיקייטן פון גאָט וואָס ער האָט געטאָן מיט אײַך און מיט אײַערע עלטערן. [8] אַז יעקב איז געקומען קיין מִצרַיִם, האָבן אײַערע עלטערן געשריען צו גאָט, און גאָט האָט געשיקט משהן און אַהרנען, און זיי האָבן אַרויסגעצויגן אײַערע עלטערן פון מִצרַיִם, און זיי באַזעצט אין דעמדאָזיקן אָרט. [9] אָבער זיי האָבן פאַרגעסן אָן יהוה זייער גאָט, און ער האָט זיי איבערגעענטפערט אין דער האַנט פון סיסראָ דעם חיל־פירער פון חָצוֹר, און אין דער האַנט פון די פלשתּים, און אין דער האַנט פון דעם מלך פון מוֹאָב, און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן אויף זיי. [10] און זיי האָבן געשריען צו גאָט און האָבן געזאָגט: מיר האָבן געזינדיקט וואָס מיר האָבן פאַרלאָזן יהוה, און געדינט די בַּעַל־געטער און די עַשתָּרוֹת, און אַצונד, זיי אונדז מציל פון דער האַנט פון אונדזערע פיינט, און מיר וועלן דיר דינען. [11] האָט גאָט געשיקט ירובּעַלן, און בּדָנען, און יִפתָּחן, און שמואלן, און ער האָט אײַך מציל געווען פון אײַערע פיינט פון רונד אַרום, און איר זייט געזעסן אין זיכערקייט. [12] און ווי איר האָט געזען אַז נָחָש דער מלך פון די קינדער פון עַמוֹן איז געקומען אויף אײַך, אַזוי האָט איר צו מיר געזאָגט: ניין, נייערט אַ מלך מוז קיניגן איבער אונדז; בעת יהוה אײַער גאָט איז אײַער מלך. [13] און אַצונד, אָט איז דער מלך וואָס איר האָט אויסדערוויילט, וואָס איר האָט פאַרלאַנגט, און אָט האָט גאָט געגעבן איבער אײַך אַ מלך. [14] אויב איר וועט מוֹרא האָבן פאַר גאָט, און איר וועט אים דינען, און וועט צוהערן צו זיין קָול, און וועט ניט ווידערשפּעניקן דעם מויל פון גאָט, און אי איר, אי דער מלך וואָס קיניגט איבער אײַך, וועט גיין נאָך יהוה אײַער גאָט;— [15] אויב אָבער איר וועט ניט צוהערן צו דעם קָול פון גאָט, און איר וועט ווידערשפּעניקן דעם מויל פון גאָט, וועט די האַנט פון גאָט זיין אַקעגן אײַך אַזוי ווי אַקעגן אײַערע עלטערן. [16] און אַצונד שטייט און זעט דידאָזיקע גרויסע זאַך וואָס גאָט טוט פאַר אײַערע אויגן. [17] היינט איז דאָך ווייצשניט, וועל איך רופן צו גאָט, און ער וועט געבן דונערן און רעגן, און ווייסט און זעט אַז גרויס איז אײַער בייז וואָס איר האָט געטאָן אין די אויגן פון גאָט, אײַך צו פאַרלאַנגען אַ מלך.

18 און שמואל האָט גערופן צו גאָט, און גאָט האָט גע־
געבן דונערן און רעגן אין יענעם טאָג, און דאָס גאַנצע
פאָלק האָט זייער מורא געהאַט פאַר גאָט און פאַר שמואלן.
19 און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזאָגט צו שמואלן: זיי
מתפלל פאַר דיינע קנעכט צו יהוה דיין גאָט אַז מיר זאָלן
ניט שטאַרבן, ווייל מיר האָבן צו אַלע אונדזערע זינד נאָך
צוגעלייגט דאָס בייז, אונדז צו פאַרלאַנגען אַ מלך. 20 האָט
שמואל געזאָגט צום פאָלק: איר זאָלט ניט מורא האָבן;
איר האָט געטאָן אַלדאָסדאָזיקע בייז, אָבער איר זאָלט
אייך ניט אָפּקערן פון הינטער גאָט, און איר זאָלט דינען
גאָט מיט אייער גאַנצן האַרצן. 21 יאָ, איר זאָלט אייך ניט
אָפּקערן, וואָרום [דאָס וועט איר גיין] נאָך נישטיקייטן
וואָס נוצן ניט און זיינען ניט מציל, ווייל נישטיקייט זיינען
זיי. 22 וואָרום גאָט וועט ניט פאַרלאָזן זיין פאָלק, פון זיין
גרויסן נאָמען וועגן, ווייל גאָט האָט באַוויליקט אייך צו
מאַכן פאַר זיין פאָלק. 23 אויך איך, חלילה מיר צו
זינדיקן צו גאָט, אויפצוהערן מתפלל זיין פאַר אייך!
נייערט איך וועל אייך לערנען דעם גוטן און גלייכן וועג.
24 האָט אָבער מורא פאַר גאָט, און איר זאָלט אים דינען
מיט אמת, מיט אייער גאַנצן האַרצן, וואָרום זעט ווי ער
האָט גרויס געטאָן מיט אייך. 25 אויב אָבער שלעכטס
טאָן וועט איר שלעכטס טאָן, וועט אי איר, אי אייער מלך אומגעבראַכט ווערן.

יח מֶלֶךְ׃ וַיִּקְרָא שְׁמוּאֵל אֶל־יְהוָה וַיִּתֵּן יְהוָה קֹלֹת וּמָטָר
בַּיּוֹם הַהוּא וַיִּירָא כָל־הָעָם מְאֹד אֶת־יְהוָה וְאֶת־שְׁמוּאֵל׃
יט וַיֹּאמְרוּ כָל־הָעָם אֶל־שְׁמוּאֵל הִתְפַּלֵּל בְּעַד־עֲבָדֶיךָ אֶל־
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְאַל־נָמוּת כִּי־יָסַפְנוּ עַל־כָּל־חַטֹּאתֵינוּ רָעָה
כ לִשְׁאֹל לָנוּ מֶלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־הָעָם אַל־תִּירָאוּ
אַתֶּם עֲשִׂיתֶם אֵת כָּל־הָרָעָה הַזֹּאת אַךְ אַל־תָּסוּרוּ מֵאַחֲרֵי
כא יְהוָה וַעֲבַדְתֶּם אֶת־יְהוָה בְּכָל־לְבַבְכֶם׃ וְלֹא תָּסוּרוּ כִּי ׀
אַחֲרֵי הַתֹּהוּ אֲשֶׁר לֹא־יוֹעִילוּ וְלֹא יַצִּילוּ כִּי־תֹהוּ הֵמָּה׃
כב כִּי לֹא־יִטֹּשׁ יְהוָה אֶת־עַמּוֹ בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל כִּי הוֹאִיל
כג יְהוָה לַעֲשׂוֹת אֶתְכֶם לוֹ לְעָם׃ גַּם אָנֹכִי חָלִילָה לִּי מֵחֲטֹא
לַיהוָה מֵחֲדֹל לְהִתְפַּלֵּל בַּעַדְכֶם וְהוֹרֵיתִי אֶתְכֶם בְּדֶרֶךְ
כד הַטּוֹבָה וְהַיְשָׁרָה׃ אַךְ ׀ יְראוּ אֶת־יְהוָה וַעֲבַדְתֶּם אֹתוֹ בֶּאֱמֶת
כה בְּכָל־לְבַבְכֶם כִּי רְאוּ אֵת אֲשֶׁר־הִגְדִּל עִמָּכֶם׃ וְאִם־הָרֵעַ
תָּרֵעוּ גַּם־אַתֶּם גַּם־מַלְכְּכֶם תִּסָּפוּ׃

יג

א בֶּן־שָׁנָה שָׁאוּל בְּמָלְכוֹ וּשְׁתֵּי שָׁנִים מָלַךְ עַל־יִשְׂרָאֵל׃
ב וַיִּבְחַר־לוֹ שָׁאוּל שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים מִיִּשְׂרָאֵל וַיִּהְיוּ עִם־
שָׁאוּל אַלְפַּיִם בְּמִכְמָשׂ וּבְהַר בֵּית־אֵל וְאֶלֶף הָיוּ עִם־
יוֹנָתָן בְּגִבְעַת בִּנְיָמִין וְיֶתֶר הָעָם שִׁלַּח אִישׁ לְאֹהָלָיו׃
ג וַיַּךְ יוֹנָתָן אֵת נְצִיב פְּלִשְׁתִּים אֲשֶׁר בְּגֶבַע וַיִּשְׁמְעוּ פְּלִשְׁתִּים
וְשָׁאוּל תָּקַע בַּשּׁוֹפָר בְּכָל־הָאָרֶץ לֵאמֹר יִשְׁמְעוּ הָעִבְרִים׃
ד וְכָל־יִשְׂרָאֵל שָׁמְעוּ לֵאמֹר הִכָּה שָׁאוּל אֶת־נְצִיב פְּלִשְׁתִּים
וְגַם־נִבְאַשׁ יִשְׂרָאֵל בַּפְּלִשְׁתִּים וַיִּצָּעֲקוּ הָעָם אַחֲרֵי שָׁאוּל
ה הַגִּלְגָּל׃ וּפְלִשְׁתִּים נֶאֶסְפוּ ׀ לְהִלָּחֵם עִם־יִשְׂרָאֵל שְׁלֹשִׁים
אֶלֶף רֶכֶב וְשֵׁשֶׁת אֲלָפִים פָּרָשִׁים וְעָם כַּחוֹל אֲשֶׁר עַל־
שְׂפַת־הַיָּם לָרֹב וַיַּעֲלוּ וַיַּחֲנוּ בְמִכְמָשׂ קִדְמַת בֵּית אָוֶן׃
ו וְאִישׁ יִשְׂרָאֵל רָאוּ כִּי צַר־לוֹ כִּי נִגַּשׂ הָעָם וַיִּתְחַבְּאוּ

יב, כב׳ ע״כ   כד׳ א מהה   יג, ב׳ כלפם בסין

יג 1 . . . יאָר איז שאָול אַלט געווען אַז ער איז געוואָרן מלך, און צוויי יאָר האָט ער געקיניגט איבער ישראל.
2 און שאָול האָט זיך אויסגעקליבן דריי טויזנט מאַן פון ישראל, און צוויי טויזנט זיינען געווען מיט שאָולן אין מִכמָש
און אויף דעם באַרג פון בֵית־אֵל, און טויזנט זיינען געווען מיט יונָתָנען אין גִבעַת־בִנימין. און דאָס איבעריקע פאָלק האָט
ער אַוועקגעשיקט איטלעכן צו זיינע געצעלטן.
3 און יונָתָן האָט געשלאָגן די וואַך פון די פּלִשתּים וואָס אין גֶבַע, און די פּלִשתּים האָבן דערהערט. און שאָול האָט
געבלאָזן אין שופר דורכן גאַנצן לאַנד, אַזוי צו זאָגן: זאָלן די עִברים הערן! 4 און גאַנץ ישראל האָבן געהערט, אַזוי צו
זאָגן: שאָול האָט געשלאָגן די וואַך פון די פּלִשתּים, און ישראל האָט זיך אויך פאַרמיאוסט ביי די פּלִשתּים; און דאָס
פאָלק האָט זיך איינגעזאַמלט הינטער שאָולן קיין גִלגָל. 5 און די פּלִשתּים האָבן זיך איינגעזאַמלט מלחמה צו האַלטן
מיט ישראל—דרייסיק טויזנט רייטוועגן, און זעקס טויזנט רייטער, און פאָלק אַזוי ווי דער זאַמד וואָס אויפן ברעג פון ים
אין פילקייט; און זיי זיינען אַרויפגעקומען און האָבן געלאַגערט אין מִכמָש, צו מזרח פון בֵית־אָוֶן.
6 און די מענער פון ישראל האָבן געזען אַז זיי זיינען אין אַ קלעם—וואָרום דאָס פאָלק איז געווען צוגעדריקט—און דאָס

הָעָם בַּמְּעָרוֹת וּבַחֲוָחִים וּבַסְּלָעִים וּבַצְּרִחִים וּבַבֹּרוֹת׃
וְעִבְרִים עָבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן אֶרֶץ גָּד וְגִלְעָד וְשָׁאוּל עוֹדֶנּוּ ז
בַגִּלְגָּל וְכָל־הָעָם חָרְדוּ אַחֲרָיו׃ וַיִּחֶל ׀ שִׁבְעַת יָמִים ח
לַמּוֹעֵד אֲשֶׁר שְׁמוּאֵל וְלֹא־בָא שְׁמוּאֵל הַגִּלְגָּל וַיָּפֶץ הָעָם
מֵעָלָיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל הַגִּשׁוּ אֵלַי הָעֹלָה וְהַשְּׁלָמִים וַיַּעַל ט
הָעֹלָה׃ וַיְהִי כְּכַלֹּתוֹ לְהַעֲלוֹת הָעֹלָה וְהִנֵּה שְׁמוּאֵל בָּא י
וַיֵּצֵא שָׁאוּל לִקְרָאתוֹ לְבָרְכוֹ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל מֶה עָשִׂיתָ יא
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל כִּי־רָאִיתִי כִּי־נָפַץ הָעָם מֵעָלַי וְאַתָּה לֹא־
בָאתָ לְמוֹעֵד הַיָּמִים וּפְלִשְׁתִּים נֶאֱסָפִים מִכְמָשׂ׃ וָאֹמַר יב
עַתָּה יֵרְדוּ פְלִשְׁתִּים אֵלַי הַגִּלְגָּל וּפְנֵי יְהוָה לֹא חִלִּיתִי
וָאֶתְאַפַּק וָאַעֲלֶה הָעֹלָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל יג
נִסְכָּלְתָּ לֹא שָׁמַרְתָּ אֶת־מִצְוַת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר צִוָּךְ
כִּי עַתָּה הֵכִין יְהוָה אֶת־מַמְלַכְתְּךָ אֶל־יִשְׂרָאֵל עַד־עוֹלָם׃
וְעַתָּה מַמְלַכְתְּךָ לֹא־תָקוּם בִּקֵּשׁ יְהוָה לוֹ אִישׁ כִּלְבָבוֹ יד
וַיְצַוֵּהוּ יְהוָה לְנָגִיד עַל־עַמּוֹ כִּי לֹא שָׁמַרְתָּ אֵת אֲשֶׁר־
צִוְּךָ יְהוָה׃ וַיָּקָם שְׁמוּאֵל וַיַּעַל מִן־הַגִּלְגָּל גִּבְעַת טו
בִּנְיָמִן וַיִּפְקֹד שָׁאוּל אֶת־הָעָם הַנִּמְצְאִים עִמּוֹ כְּשֵׁשׁ מֵאוֹת
אִישׁ׃ וְשָׁאוּל וְיוֹנָתָן בְּנוֹ וְהָעָם הַנִּמְצָא עִמָּם יֹשְׁבִים טז
בְּגֶבַע בִּנְיָמִן וּפְלִשְׁתִּים חָנוּ בְמִכְמָשׂ׃ וַיֵּצֵא הַמַּשְׁחִית יז
מִמַּחֲנֵה פְלִשְׁתִּים שְׁלֹשָׁה רָאשִׁים הָרֹאשׁ אֶחָד יִפְנֶה אֶל־
דֶּרֶךְ עָפְרָה אֶל־אֶרֶץ שׁוּעָל׃ וְהָרֹאשׁ אֶחָד יִפְנֶה דֶּרֶךְ יח
בֵּית חֹרוֹן וְהָרֹאשׁ אֶחָד יִפְנֶה דֶּרֶךְ הַגְּבוּל הַנִּשְׁקָף עַל־
גֵּי הַצְּבֹעִים הַמִּדְבָּרָה׃ וְחָרָשׁ לֹא יִמָּצֵא בְּכֹל יט
אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כִּי־אָמַר פְּלִשְׁתִּים פֶּן יַעֲשׂוּ הָעִבְרִים חֶרֶב
אוֹ חֲנִית׃ וַיֵּרְדוּ כָל־יִשְׂרָאֵל הַפְּלִשְׁתִּים לִלְטוֹשׁ אִישׁ אֶת־ כ
מַחֲרַשְׁתּוֹ וְאֶת־אֵתוֹ וְאֶת־קַרְדֻּמּוֹ וְאֵת מַחֲרֵשָׁתוֹ׃ וְהָיְתָה כא
הַפְּצִירָה פִים לַמַּחֲרֵשֹׁת וְלָאֵתִים וְלִשְׁלֹשׁ קִלְּשׁוֹן

ח׳ ויוחל ק   יא׳ כ דגושה אחרי י   יט׳ אמרו ק

פאָלק האָט זיך באַהאַלטן אין היילן, און צווישן דערנער, און אין פעלזן, און אין טורעמס, און אין גריבער. [7] און טייל עִבְרִים זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם יַרדן קיין לאַנד גָד און גִלעָד; אָבער שָאול איז נאָך געווען אין גִלגָל, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געציטערט נאָך אים.

[8] האָט ער געוואַרט זיבן טעג, ביז דער צייט וואָס שמואל [האָט אָפּגעמאַכט], אָבער שמואל איז ניט גע־קומען קיין גִלגָל. און דאָס פאָלק איז צעלאָפן פון אים. [9] האָט שָאול געזאָגט: גענענט צו מיר דאָס בראַנדאָפּפער און דאָס פרידאָפּפער; און ער האָט אויפגעבראַכט דאָס בראַנדאָפּפער. [10] און עס איז געווען, ווי ער ענדיקט אויפברענגען דאָס בראַנדאָפּפער, ערשט שמואל קומט אָן; און שָאול איז אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן אים צו באַגריסן. [11] האָט שמואל געזאָגט: וואָס האָסטו געטאָן? האָט שָאול געזאָגט: אַז איך האָב געזען אַז דאָס פאָלק איז צעלאָפן פון מיר, און דו ביסט ניט געקומען אין די אָפּגע־רעדטע טעג, און די פלִשתּים זיינען אַיינגעזאַמלט אין מִכמָש, [12] אַזוי האָב איך געזאָגט: אַצונד וועלן די פלִשתּים אַראָפּנידערן צו מיר קיין גִלגָל, און צו גאָט האָב איך ניט געבעטן; און איך האָב מיך אַיינגעשטעלט, און האָב אויפ־געבראַכט דאָס בראַנדאָפּפער. [13] האָט שמואל געזאָגט צו שָאולן: נאַריש האָסטו געטאָן; האָסט ניט געהיט דעם באַפעל פון יהוה דיין גאָט וואָס ער האָט דיר באַפוילן; וואָרום גאָט וואָלט אַצונד באַפעסטיקט דיין מלוכה איבער ישׂראל אויף אייביק. [14] אַצונד אָבער וועט דיין מלוכה ניט באַשטיין. גאָט האָט זיך אויסגעזוכט אַ מאַן נאָך זיין האַרצן, און גאָט האָט אים באַפוילן פאַר אַ פירשט איבער זיין פאָלק, ווייל דו האָסט ניט געהיט וואָס גאָט האָט דיר באַפוילן.

[15] און שמואל איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק פון גִלגָל קיין גִבעַת־בנימין. און שָאול האָט איבערגעציילט דאָס פאָלק וואָס האָט זיך געפונען ביי אים, אַרום זעקס הונדערט מאַן. [16] און שָאול און זיין זון יוֹנָתָן, און דאָס פאָלק וואָס האָט זיך געפונען ביי זיי, זיינען געזעסן אין גֶבַע־בנימין, און די פלִשתּים האָבן געלאַגערט אין מִכמָש. [17] און די פאַר־וויסטער זיינען אַרויסגעגאַנגען פון לאַגער פון די פלִשתּים אין דריי מחנות; איין מחנה האָט זיך פאַרקערט אויפן וועג פון עָפרָה, צום לאַנד שועָל, [18] און איין מחנה האָט זיך פאַרקערט אויפן וועג פון בֵית־חורון, און איין מחנה האָט זיך פאַר־קערט אויפן וועג פון געמאַרק, וואָס קוקט אַרויס אויפן טאָל צבוֹעים, צום מדבר צו.

[19] און אַ שמיד האָט זיך ניט געפונען אין גאַנצן לאַנד ישׂראל, וואָרום די פלִשתּים האָבן געזאָגט: טאָמער וועלן די עִברים מאַכן אַ שווערד אָדער אַ שפּיז. [20] און גאַנץ ישׂראל האָבן גענידערט צו די פלִשתּים צו שאַרפן איטלעכער זיין אַקעראַייזן, און זיין גראָבאַייזן, און זיין האַק, און זיין רידל. [21] און פאַרן אָנפּיילן איז געווען אַ פּים[א] פאַר די רידלען, און

[א] אַ מטבע צוויי דריטל פון אַ שֶקל.

כב וְלַהַקַּרְדֻּמִּים וּלְהַצִּיב הַדָּרְבָן׃ וְהָיָה בְּיוֹם מִלְחֶמֶת וְלֹא
נִמְצָא חֶרֶב וַחֲנִית בְּיַד כָּל־הָעָם אֲשֶׁר אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־
כג יוֹנָתָן וַתִּמָּצֵא לְשָׁאוּל וּלְיוֹנָתָן בְּנוֹ׃ וַיֵּצֵא מַצַּב פְּלִשְׁתִּים
אֶל־מַעֲבַר מִכְמָשׂ׃

יד

א וַיְהִי הַיּוֹם וַיֹּאמֶר יוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל אֶל־הַנַּעַר נֹשֵׂא כֵלָיו
לְכָה וְנַעְבְּרָה אֶל־מַצַּב פְּלִשְׁתִּים אֲשֶׁר מֵעֵבֶר הַלָּז וּלְאָבִיו
ב לֹא הִגִּיד׃ וְשָׁאוּל יוֹשֵׁב בִּקְצֵה הַגִּבְעָה תַּחַת הָרִמּוֹן
ג אֲשֶׁר בְּמִגְרוֹן וְהָעָם אֲשֶׁר עִמּוֹ כְּשֵׁשׁ מֵאוֹת אִישׁ׃ וַאֲחִיָּה
בֶן־אֲחִטוּב אֲחִי אִי־כָבוֹד ׀ בֶּן־פִּינְחָס בֶּן־עֵלִי כֹּהֵן יְהוָה
ד בְּשִׁלוֹ נֹשֵׂא אֵפוֹד וְהָעָם לֹא יָדַע כִּי הָלַךְ יוֹנָתָן׃ וּבֵין
הַמַּעְבְּרוֹת אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ יוֹנָתָן לַעֲבֹר עַל־מַצַּב פְּלִשְׁתִּים
שֵׁן־הַסֶּלַע מֵהָעֵבֶר מִזֶּה וְשֵׁן־הַסֶּלַע מֵהָעֵבֶר מִזֶּה וְשֵׁם
ה הָאֶחָד בּוֹצֵץ וְשֵׁם הָאֶחָד סֶנֶּה׃ הַשֵּׁן הָאֶחָד מָצוּק
ו מִצָּפוֹן מוּל מִכְמָשׂ וְהָאֶחָד מִנֶּגֶב מוּל גָּבַע׃ וַיֹּאמֶר
יְהוֹנָתָן אֶל־הַנַּעַר ׀ נֹשֵׂא כֵלָיו לְכָה וְנַעְבְּרָה אֶל־מַצַּב
הָעֲרֵלִים הָאֵלֶּה אוּלַי יַעֲשֶׂה יְהוָה לָנוּ כִּי אֵין לַיהוָה
ז מַעְצוֹר לְהוֹשִׁיעַ בְּרַב אוֹ בִמְעָט׃ וַיֹּאמֶר לוֹ נֹשֵׂא כֵלָיו
עֲשֵׂה כָּל־אֲשֶׁר בִּלְבָבֶךָ נְטֵה לָךְ הִנְנִי עִמְּךָ כִּלְבָבֶךָ׃
ח וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן הִנֵּה אֲנַחְנוּ עֹבְרִים אֶל־הָאֲנָשִׁים וְנִגְלִינוּ
ט אֲלֵיהֶם׃ אִם־כֹּה יֹאמְרוּ אֵלֵינוּ דֹּמּוּ עַד־הַגִּיעֵנוּ אֲלֵיכֶם
י וְעָמַדְנוּ תַחְתֵּינוּ וְלֹא נַעֲלֶה אֲלֵיהֶם׃ וְאִם־כֹּה יֹאמְרוּ
עֲלוּ עָלֵינוּ וְעָלִינוּ כִּי־נְתָנָם יְהוָה בְּיָדֵנוּ וְזֶה־לָּנוּ הָאוֹת׃
יא וַיִּגָּלוּ שְׁנֵיהֶם אֶל־מַצַּב פְּלִשְׁתִּים וַיֹּאמְרוּ פְלִשְׁתִּים הִנֵּה
יב עִבְרִים יֹצְאִים מִן־הַחֹרִים אֲשֶׁר הִתְחַבְּאוּ־שָׁם׃ וַיַּעֲנוּ
אַנְשֵׁי הַמַּצָּבָה אֶת־יוֹנָתָן ׀ וְאֶת־נֹשֵׂא כֵלָיו וַיֹּאמְרוּ עֲלוּ
אֵלֵינוּ וְנוֹדִיעָה אֶתְכֶם דָּבָר וַיֹּאמֶר יוֹנָתָן אֶל־נֹשֵׂא כֵלָיו
יג עֲלֵה אַחֲרַי כִּי־נְתָנָם יְהוָה בְּיַד יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעַל יוֹנָתָן עַל־

פאַר די גראָבאַייזנס, און פאַרן דרײַשפּיץ, און פאַר די העק; דעסגלײכן פאַר אָנשטעלן דעם טרײַבשטעכער. 22 אַזוי איז געשען, אַז אין טאָג פון מלחמה האָט זיך ניט געפונען אַ שווערד אָדער אַ שפּיז אין דער האַנט פון דעם גאַנצן פאָלק וואָס מיט שָאולן און מיט יונָתָנען; נאָר בײַ שָאולן און בײַ יונָתָן זײַן זון האָט זיך געפונען.

23 און די וואַך פון די פּלִשתּים איז אַרויסגעגאַנגען צום איבערפאָר פון מִכמָש.

יד 1 און עס איז געווען איין טאָג, האָט יונָתָן דער זון פון שָאולן געזאָגט צו דעם יונג, זײַן וואַפנטרעגער: קום און לאָמיר אַריבערגײן צו דער וואַך פון די פּלִשתּים וואָס אויף יענער זײַט; און זײַן פאָטער האָט ער ניט געזאָגט. 2 און שָאול איז געזעסן אין עק גִבעָה אונטער דעם מילגרוימבוים וואָס אין מִגרון; און דאָס פאָלק וואָס מיט אים איז געווען אַרום זעקס הונדערט מאַן. 3 און אַחִיָה דער זון פון אַחיטוב דעם ברודער פון אי־כָּבוד, דעם זון פון פּינחס, דעם זון פון עֵלי דעם כֹּהן פון גאָט אין שילו, האָט געטראָגן דעם אֵפוד. און דאָס פאָלק האָט ניט געוווּסט אַז יונָתָן איז אַוועקגעגאַנגען.

4 און צווישן די איבערפאָרן וואָס יונָתָן האָט געוואָלט אַריבערגײן צו דער וואַך פון די פּלִשתּים, איז געווען אַ שפּיץ פעלז פון דער זײַט און אַ שפּיץ פעלז פון דער אַנדער זײַט, און דער נאָמען פון איינעם איז געווען בּוצֵץ, און דער נאָמען פון אַנדערן סֶנֶה. 5 איין שפּיץ אויפגעשטעלט פון צפון אַקעגן מִכמָש, און איינער פון דָרום אַקעגן גֶבַע.

6 און יהונָתָן האָט געזאָגט צו דעם יונג, זײַן וואַפנטרעגער: קום און לאָמיר אַריבערגײן צו דער וואַך פון די דאָזיקע אומבאַשניטענע. אפשר וועט גאָט טאָן פאַר אונדז; וואָרום בײַ גאָט איז קיין אָפּהאַלט ניטאָ צו העלפן מיט פיל [מענטשן] אָדער מיט ווייניק. 7 האָט זײַן וואַפנטרעגער צו אים געזאָגט: טו אַלץ וואָס אין דײַן האַרצן; פאַרקער זיך; זע, איך בין מיט דיר ווי נאָך דײַן האַרצן. 8 האָט יהונָתָן געזאָגט: אָט גייען מיר אַריבער צו די מענטשן, און מיר וועלן זיך באַווײַזן צו זיי; 9 אויב זיי וועלן זאָגן צו אונדז אַזוי: האַרט אויס ביז מיר קומען־צו צו אײַך, וועלן מיר שטיין אויף אונדזער אָרט, און וועלן ניט אַרויפגיין צו זיי; 10 אויב אָבער זיי וועלן זאָגן אַזוי: קומט אַרויף צו אונדז, וועלן מיר אַרויפגיין, וואָרום גאָט האָט זיי געגעבן אין אונדזער האַנט. און דאָס וועט אונדז זײַן דער צייכן.

11 האָבן זיי זיך בײדע באַוויזן צו דער וואַך פון די פּלִשתּים, און די פּלִשתּים האָבן געזאָגט: אָט קומען די עִבְרים אַרויס פון די לעכער וואָס זיי האָבן זיך דאָרטן באַהאַלטן. 12 און די מענטשן פון דער וואַך האָבן זיך אָפּגערופן צו יונָתָנען און זײַן וואַפנטרעגער, און האָבן געזאָגט: קומט אַרויף צו אונדז, און מיר וועלן אײַך עפּעס צו וויסן טאָן. האָט יונָתָן געזאָגט צו זײַן וואַפנטרעגער: קום אַרויף נאָך מיר, וואָרום גאָט האָט זיי געגעבן אין דער האַנט פון ישׂראל.

יָדָיו וְעַל־רַגְלָיו וְנֹשֵׂא כֵלָיו אַחֲרָיו וַיִּפְּלוּ לִפְנֵי יוֹנָתָן
וְנֹשֵׂא כֵלָיו מְמוֹתֵת אַחֲרָיו׃ וַתְּהִי הַמַּכָּה הָרִאשֹׁנָה יד
אֲשֶׁר הִכָּה יוֹנָתָן וְנֹשֵׂא כֵלָיו כְּעֶשְׂרִים אִישׁ כְּבַחֲצִי
מַעֲנָה צֶמֶד שָׂדֶה׃ וַתְּהִי חֲרָדָה בַמַּחֲנֶה בַשָּׂדֶה וּבְכָל־ טו
הָעָם הַמַּצָּב וְהַמַּשְׁחִית חָרְדוּ גַּם־הֵמָּה וַתִּרְגַּז הָאָרֶץ
וַתְּהִי לְחֶרְדַּת אֱלֹהִים׃ וַיִּרְאוּ הַצֹּפִים לְשָׁאוּל בְּגִבְעַת טז
בִּנְיָמִן וְהִנֵּה הֶהָמוֹן נָמוֹג וַיֵּלֶךְ וַהֲלֹם׃ וַיֹּאמֶר יז
שָׁאוּל לָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ פִּקְדוּ־נָא וּרְאוּ מִי הָלַךְ מֵעִמָּנוּ
וַיִּפְקְדוּ וְהִנֵּה אֵין יוֹנָתָן וְנֹשֵׂא כֵלָיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל יח
לַאֲחִיָּה הַגִּישָׁה אֲרוֹן הָאֱלֹהִים כִּי־הָיָה אֲרוֹן הָאֱלֹהִים
בַּיּוֹם הַהוּא וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי עַד דִּבֶּר שָׁאוּל אֶל־הַכֹּהֵן יט
וְהֶהָמוֹן אֲשֶׁר בְּמַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וָרָב •
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־הַכֹּהֵן אֱסֹף יָדֶךָ׃ וַיִּזָּעֵק שָׁאוּל וְכָל־ כ
הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיָּבֹאוּ עַד־הַמִּלְחָמָה וְהִנֵּה הָיְתָה חֶרֶב
אִישׁ בְּרֵעֵהוּ מְהוּמָה גְּדוֹלָה מְאֹד׃ וְהָעִבְרִים הָיוּ כא
לַפְּלִשְׁתִּים כְּאֶתְמוֹל שִׁלְשׁוֹם אֲשֶׁר עָלוּ עִמָּם בַּמַּחֲנֶה
סָבִיב וְגַם־הֵמָּה לִהְיוֹת עִם־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר עִם־שָׁאוּל
וְיוֹנָתָן׃ וְכֹל אִישׁ יִשְׂרָאֵל הַמִּתְחַבְּאִים בְּהַר־אֶפְרַיִם כב
שָׁמְעוּ כִּי־נָסוּ פְּלִשְׁתִּים וַיַּדְבְּקוּ גַם־הֵמָּה אַחֲרֵיהֶם
בַּמִּלְחָמָה׃ וַיּוֹשַׁע יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־יִשְׂרָאֵל כג
וְהַמִּלְחָמָה עָבְרָה אֶת־בֵּית אָוֶן׃ וְאִישׁ־יִשְׂרָאֵל נִגַּשׂ בַּיּוֹם כד
הַהוּא וַיֹּאֶל שָׁאוּל אֶת־הָעָם לֵאמֹר אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר־
יֹאכַל לֶחֶם עַד־הָעֶרֶב וְנִקַּמְתִּי מֵאֹיְבַי וְלֹא־טָעַם כָּל־
הָעָם לָחֶם׃ וְכָל־הָאָרֶץ בָּאוּ בַיָּעַר וַיְהִי דְבַשׁ עַל־פְּנֵי כה
הַשָּׂדֶה׃ וַיָּבֹא הָעָם אֶל־הַיַּעַר וְהִנֵּה הֵלֶךְ דְּבָשׁ וְאֵין כו
מַשִּׂיג יָדוֹ אֶל־פִּיו כִּי־יָרֵא הָעָם אֶת־הַשְּׁבֻעָה׃ וְיוֹנָתָן לֹא־ כז
שָׁמַע בְּהַשְׁבִּיעַ אָבִיו אֶת־הָעָם וַיִּשְׁלַח אֶת־קְצֵה הַמַּטֶּה

ש׳ פסקא באמצע פסוק

13 און יוֹנָתָן האָט אַרויפֿגעקלעטערט אויף זיינע הענט און אויף זיינע פיס, און זיין וואַפֿנטרעגער נאָך אים. און זיי זיינען געפֿאַלן פֿאַר יוֹנָתָנען, און זיין וואַפֿנטרעגער האָט געטייט הינטער אים. 14 און דער ערשטער שלאַק וואָס יוֹנָתָן און זיין וואַפֿנטרעגער האָבן געשלאָגן, איז געווען אַרום צוואַנציק מאַן, אין אַרום אַ האַלבער בייט פֿון אַן אַקער פֿעלד. 15 איז געוואָרן אַ ציטערניש אין לאַגער אויפֿן פֿעלד, און צווישן גאַנצן פֿאָלק; די וואַך און די פֿאַרוויסטער, אַפֿילו זיי האָבן געציטערט; און די ערד האָט זיך געטרייסלט, און עס איז געוואָרן אַ גאָטס ציטערניש.

16 און די וועכטער פֿון שָׁאוּלן אין גִבְעַת־בִּנְיָמִין האָבן אַ קוק געטאָן, ערשט די מחנה צעקריכט און גייט אַהין און אַהער. 17 האָט שָׁאוּל געזאָגט צו דעם פֿאָלק וואָס מיט אים: ציילט אַקאָרשט נאָך, און זעט ווער איז אַוועקגעגאַנגען פֿון אונדז. האָבן זיי נאָכגעציילט, ערשט יוֹנָתָן און זיין וואַפֿנטרעגער זיינען ניטאָ. 18 האָט שָׁאוּל געזאָגט צו אַחִיָּהן: גענען דעם אָרון פֿון גאָט; וואָרום דער אָרון פֿון גאָט איז געווען אין יענעם טאָג מיט די קינדער פֿון ישׂראל.

19 און עס איז געווען, בעת שָׁאוּל האָט גערעדט מיט דעם כּהן, איז דער טומל וואָס אין לאַגער פֿון די פְּלִשְׁתִּים געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. האָט שָׁאוּל געזאָגט צום כּהן: צי צוריק דיין האַנט. 20 און שָׁאוּל און דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס מיט אים האָבן זיך אײַנגעזאַמלט, און זיי זיינען געקומען צו דער מלחמה, ערשט איינעמס שווערד איז קעגן אַנדערן—זייער אַ גרויסע מהומה.

21 און די עִבְרִים וואָס זיינען געווען מיט די פְּלִשְׁתִּים אַזוי ווי נעכטן־אייערנעכטן, די וואָס זיינען אַרויפֿגעקומען מיט זיי אין לאַגער רונד אַרום, זיי אויך זיינען צוגעשטאַנען צו די ישׂראל וואָס מיט שָׁאוּלן און יוֹנָתָנען. 22 און אַלע מענער פֿון ישׂראל וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין דעם געבערג פֿון אפרים, האָבן געהערט אַז די פְּלִשְׁתִּים זיינען אַנטלאָפֿן, און זיי אויך האָבן זיי נאָכגעיאָגט אין דער מלחמה. 23 און גאָט האָט געהאָלפֿן ישׂראל אין יענעם טאָג.

און די מלחמה איז אַוועק ביז אַריבער בֵּית־אָוֶן. 24 און די מענער פֿון ישׂראל זיינען געווען פֿאַרקלעמט אין יענעם טאָג, אָבער שָׁאוּל האָט באַשוואָרן דאָס פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: פֿאַרשאָלטן דער מענטש וואָס וועט עסן שפּייז ביזן אָוונט, ווען איך וועל זיך האָבן נוקם געווען אָן מיינע פֿיינט! און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט ניט פֿאַרזוכט קיין שפּייז.

25 און דאָס גאַנצע פֿאָלק איז געקומען אין וואַלד; און האָניק איז געווען אויפֿן פֿעלד. 26 און ווי דאָס פֿאָלק איז גע־קומען אין וואַלד, ערשט אַ רינונג פֿון האָניק, אָבער קיינער האָט ניט צוגערירט זיין האַנט צו זיין מויל, וואָרום דאָס פֿאָלק האָט מורא געהאַט פֿאַר דער שבועה. 27 אָבער יוֹנָתָן האָט ניט געהערט ווי זיין פֿאָטער האָט באַשוואָרן דאָס פֿאָלק, און ער

האָט אויסגעשטרעקט דעם שפּיץ פון דעם שטעקן וואָס אין זיין האַנט, און האָט אים אײַנגעטונקט אין דעם האָניקסאָט, און צוגעקערט זיין האַנט צו זיין מויל, און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. [28] האָט זיך אָפּגערופן אַ מאַן פון פאָלק, און האָט געזאָגט: באַשוואָרן האָט דיין פאָטער באַשוואָרן דאָס פאָלק, אַזוי צו זאָגן: פאַרשאָלטן דער מענטש וואָס וועט היינט עסן שפּייז! דרום איז דאָס פאָלק פאַרחלשט. [29] האָט יונָתן געזאָגט: פאַראומגליקט האָט מיין פאָטער דאָס לאַנד; זעט, איך בעט אײַך, ווי מיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן, ווייל איך האָב פאַרזוכט אַ ביסל פון דעם־דאָזיקן האָניק. [30] היינט ווי שוין אַז עסן וואָלט געגעסן היינט דאָס פאָלק פון דעם רויב פון זיינע פיינט וואָס ער האָט געפונען? צי וואָלט ניט אַצונד דער שלאַק צווישן די פלִשתּים געווען נאָך גרעסער?

[31] און זיי האָבן געשלאָגן אין יענעם טאָג צווישן די פלִשתּים פון מִכמָש ביז אַיָלון, און דאָס פאָלק איז געוואָרן זייער פאַרחלשט. [32] און דאָס פאָלק האָט זיך אַ לאָז גע־טאָן צום רויב, און זיי האָבן גענומען שאָף און רינדער און יונגע רינדער, און האָבן געשאָכטן אויף דער ערד, און דאָס פאָלק האָט געגעסן מיטן בלוט.

[33] האָט מען אָנגעזאָגט שָאולן: אַזוי צו זאָגן: זע, דאָס פאָלק זינדיקט צו גאָט, צו עסן מיטן בלוט. האָט ער געזאָגט: איר האָט געפעלשט; קייקלט־צו אַקאָרשט צו מיר אַ גרויסן שטיין. [34] און שָאול האָט געזאָגט: צע־שפּרייט זיך צווישן פאָלק, און איר זאָלט זאָגן צו זיי: גענענט צו מיר איטלעכער זיין אָקס, און איטלעכער זיין שעפּס, און איר זאָלט שעכטן דאָ און עסן, און איר זאָלט ניט זינדיקן צו גאָט, צו עסן מיטן בלוט.

האָט דאָס גאַנצע פאָלק גענענט איטלעכער זיין אָקס מיט זיין האַנט יענע נאַכט; און זיי האָבן דאָרטן געשאָכטן.

[35] און שָאול האָט געבויט אַ מזבח צו גאָט. דאָס איז געווען דער ערשטער מזבח וואָס ער האָט געבויט צו גאָט.

[36] און שָאול האָט געזאָגט: לאָמיר אַראָפּנידערן נאָך די פלִשתּים ביי נאַכט, און רויבן צווישן זיי ביזן ליכט פון פרימאָרגן, און לאָמיר ניט איבערלאָזן פון זיי אַ מאַן. האָבן זיי געזאָגט: אַלץ וואָס איז גוט אין דיינע אויגן, טו. האָט דער כֹּהן געזאָגט: לאָמיר גענענען אַהער צו גאָט. [37] און שָאול האָט געפרעגט ביי גאָט: זאָל איך אַראָפּ־נידערן נאָך די פלִשתּים? וועסטו זיי געבן אין דער האַנט פון ישׂראל? אָבער ער האָט אים ניט געענטפערט אין יענעם טאָג. [38] האָט שָאול געזאָגט: גענענט אַהער, אַלע פאָרשטייער פון פאָלק, און ווערט געוואָר און זעט, דורך וואָס איז געשען די־דאָזיקע זינד היינט? [39] וואָרום אַזוי ווי עס לעבט יהוה וואָס העלפט ישׂראל, אַפילו ווען דאָס איז אין מיין זון יונָתָנען, אַז שטאַרבן מוז ער שטאַרבן! אָבער קיינער פון גאַנצן פאָלק האָט אים ניט געענטפערט. [40] האָט ער געזאָגט צו גאַנץ ישׂראל: איר וועט זיין אויף איין זייט, און איך און מיין זון יונָתָן וועלן זיין אויף דער אַנדער זייט. האָט דאָס פאָלק געזאָגט צו שָאולן: וואָס איז גוט אין דיינע אויגן, טו. [41] האָט שָאול געזאָגט צו יהוה דעם גאָט פון ישׂראל:

אֲשֶׁר בְּיָדוֹ וַיִּטְבֹּל אוֹתָהּ בְּיַעְרַת הַדְּבָשׁ וַיָּשֶׁב יָדוֹ אֶל־
כח פִּיו וַתָּרֹאנָה עֵינָיו׃ וַיַּעַן אִישׁ מֵהָעָם וַיֹּאמֶר הַשְׁבֵּעַ הִשְׁבִּיעַ
אָבִיךָ אֶת־הָעָם לֵאמֹר אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר־יֹאכַל לֶחֶם
כט הַיּוֹם וַיָּעַף הָעָם׃ וַיֹּאמֶר יוֹנָתָן עָכַר אָבִי אֶת־הָאָרֶץ רְאוּ־
ל נָא כִּי־אֹרוּ עֵינַי כִּי טָעַמְתִּי מְעַט דְּבַשׁ הַזֶּה׃ אַף כִּי לוּא
אָכֹל אָכַל הַיּוֹם הָעָם מִשְּׁלַל אֹיְבָיו אֲשֶׁר מָצָא כִּי עַתָּה
לא לֹא־רָבְתָה מַכָּה בַּפְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּכּוּ בַּיּוֹם הַהוּא בַּפְּלִשְׁתִּים
לב מִמִּכְמָשׂ אַיָּלֹנָה וַיָּעַף הָעָם מְאֹד׃ וַיַּעַשׂ הָעָם אֶל־שָׁלָל
וַיִּקְחוּ צֹאן וּבָקָר וּבְנֵי בָקָר וַיִּשְׁחֲטוּ אָרְצָה וַיֹּאכַל הָעָם
לג עַל־הַדָּם׃ וַיַּגִּידוּ לְשָׁאוּל לֵאמֹר הִנֵּה הָעָם חֹטְאִים
לַיהוָה לֶאֱכֹל עַל־הַדָּם וַיֹּאמֶר בְּגַדְתֶּם גֹּלּוּ אֵלַי הַיּוֹם אֶבֶן
לד גְּדוֹלָה׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל פֻּצוּ בָעָם וַאֲמַרְתֶּם לָהֶם הַגִּישׁוּ
אֵלַי אִישׁ שׁוֹרוֹ וְאִישׁ שֵׂיֵהוּ וּשְׁחַטְתֶּם בָּזֶה וַאֲכַלְתֶּם וְלֹא־
תֶחֶטְאוּ לַיהוָה לֶאֱכֹל אֶל־הַדָּם וַיַּגִּשׁוּ כָל־הָעָם אִישׁ
לה שׁוֹרוֹ בְיָדוֹ הַלַּיְלָה וַיִּשְׁחֲטוּ־שָׁם׃ וַיִּבֶן שָׁאוּל מִזְבֵּחַ
לו לַיהוָה אֹתוֹ הֵחֵל לִבְנוֹת מִזְבֵּחַ לַיהוָה׃ וַיֹּאמֶר
שָׁאוּל נֵרְדָה אַחֲרֵי פְלִשְׁתִּים לַיְלָה וְנָבֹזָּה בָהֶם ׀ עַד־אוֹר
הַבֹּקֶר וְלֹא־נַשְׁאֵר בָּהֶם אִישׁ וַיֹּאמְרוּ כָּל־הַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ
עֲשֵׂה * וַיֹּאמֶר הַכֹּהֵן נִקְרְבָה הֲלֹם אֶל־הָאֱלֹהִים׃
לז וַיִּשְׁאַל שָׁאוּל בֵּאלֹהִים הַאֵרֵד אַחֲרֵי פְלִשְׁתִּים הֲתִתְּנֵם
לח בְּיַד יִשְׂרָאֵל וְלֹא עָנָהוּ בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל גֹּשׁוּ
הֲלֹם כֹּל פִּנּוֹת הָעָם וּדְעוּ וּרְאוּ בַּמָּה הָיְתָה הַחַטָּאת
לט הַזֹּאת הַיּוֹם׃ כִּי חַי־יְהוָה הַמּוֹשִׁיעַ אֶת־יִשְׂרָאֵל כִּי אִם־
יֶשְׁנוֹ בְּיוֹנָתָן בְּנִי כִּי־מוֹת יָמוּת וְאֵין עֹנֵהוּ מִכָּל־הָעָם׃
מ וַיֹּאמֶר אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל אַתֶּם תִּהְיוּ לְעֵבֶר אֶחָד וַאֲנִי וְיוֹנָתָן
בְּנִי נִהְיֶה לְעֵבֶר אֶחָד וַיֹּאמְרוּ הָעָם אֶל־שָׁאוּל הַטּוֹב
מא בְּעֵינֶיךָ עֲשֵׂה׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל

כז׳ ותארנה ק   לב׳ ויעט ק   השלל ק   לג׳ א׳ נחה   כ״א אל
לו׳ הז׳ רפה   פסקא באמצע פסוק

מב הָבָה תָמִים וַיִּלָּכֵד יוֹנָתָן וְשָׁאוּל וְהָעָם יָצָאוּ׃ וַיֹּאמֶר
מג שָׁאוּל הַפִּילוּ בֵּינִי וּבֵין יוֹנָתָן בְּנִי וַיִּלָּכֵד יוֹנָתָן׃ וַיֹּאמֶר
שָׁאוּל אֶל־יוֹנָתָן הַגִּידָה לִּי מֶה עָשִׂיתָה וַיַּגֶּד־לוֹ יוֹנָתָן
וַיֹּאמֶר טָעֹם טָעַמְתִּי בִּקְצֵה הַמַּטֶּה אֲשֶׁר־בְּיָדִי מְעַט דְּבַשׁ
מד הִנְנִי אָמוּת׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל כֹּה־יַעֲשֶׂה אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִף
מה כִּי־מוֹת תָּמוּת יוֹנָתָן׃ וַיֹּאמֶר הָעָם אֶל־שָׁאוּל הֲיוֹנָתָן יָמוּת
אֲשֶׁר עָשָׂה הַיְשׁוּעָה הַגְּדוֹלָה הַזֹּאת בְּיִשְׂרָאֵל חָלִילָה חַי־
יְהוָה אִם־יִפֹּל מִשַּׂעֲרַת רֹאשׁוֹ אַרְצָה כִּי־עִם־אֱלֹהִים עָשָׂה
מו הַיּוֹם הַזֶּה וַיִּפְדּוּ הָעָם אֶת־יוֹנָתָן וְלֹא־מֵת׃ וַיַּעַל
שָׁאוּל מֵאַחֲרֵי פְּלִשְׁתִּים וּפְלִשְׁתִּים הָלְכוּ לִמְקוֹמָם׃
מז וְשָׁאוּל לָכַד הַמְּלוּכָה עַל־יִשְׂרָאֵל וַיִּלָּחֶם סָבִיב ׀ בְּכָל־
אֹיְבָיו בְּמוֹאָב ׀ וּבִבְנֵי־עַמּוֹן וּבֶאֱדוֹם וּבְמַלְכֵי צוֹבָה
מח וּבַפְּלִשְׁתִּים וּבְכֹל אֲשֶׁר־יִפְנֶה יַרְשִׁיעַ׃ וַיַּעַשׂ חַיִל וַיַּךְ
מט אֶת־עֲמָלֵק וַיַּצֵּל אֶת־יִשְׂרָאֵל מִיַּד שֹׁסֵהוּ׃ וַיִּהְיוּ בְּנֵי
שָׁאוּל יוֹנָתָן וְיִשְׁוִי וּמַלְכִּי־שׁוּעַ וְשֵׁם שְׁתֵּי בְנֹתָיו שֵׁם הַבְּכִירָה
נ מֵרַב וְשֵׁם הַקְּטַנָּה מִיכַל׃ וְשֵׁם אֵשֶׁת שָׁאוּל אֲחִינֹעַם
בַּת־אֲחִימָעַץ וְשֵׁם שַׂר־צְבָאוֹ אֲבִינֵר בֶּן־נֵר דּוֹד שָׁאוּל׃
נא נב וְקִישׁ אֲבִי־שָׁאוּל וְנֵר אֲבִי־אַבְנֵר בֶּן־אֲבִיאֵל׃ וַתְּהִי
הַמִּלְחָמָה חֲזָקָה עַל־פְּלִשְׁתִּים כֹּל יְמֵי שָׁאוּל וְרָאָה שָׁאוּל
כָּל־אִישׁ גִּבּוֹר וְכָל־בֶּן־חַיִל וַיַּאַסְפֵהוּ אֵלָיו׃

## טו

א וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל אֹתִי שָׁלַח יְהוָה לִמְשָׁחֳךָ לְמֶלֶךְ
עַל־עַמּוֹ עַל־יִשְׂרָאֵל וְעַתָּה שְׁמַע לְקוֹל דִּבְרֵי יְהוָה׃
ב כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת פָּקַדְתִּי אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה עֲמָלֵק
ג לְיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־שָׂם לוֹ בַּדֶּרֶךְ בַּעֲלֹתוֹ מִמִּצְרָיִם׃ עַתָּה
לֵךְ וְהִכִּיתָה אֶת־עֲמָלֵק וְהַחֲרַמְתֶּם אֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ וְלֹא
תַחְמֹל עָלָיו וְהֵמַתָּה מֵאִישׁ עַד־אִשָּׁה מֵעֹלֵל וְעַד־יוֹנֵק

יד, מט׳ ס״א פתח בס״ס   טו א׳ הפטרת פ׳ זכור והאשכנזים מתחילין כה אמר
ג׳ מלרע

גיב די ריכטיקייט. זיינען פאַרנומען געוואָרן יוֹנָתָן און שָׁאוּל, און דאָס פאָלק איז אַרויס. [42] האָט שָׁאוּל געזאָגט: וואַרפט צווישן מיר און צווישן מיין זון יוֹנָתָנען; און יוֹנָתָן איז פאַרנומען געוואָרן. [43] האָט שָׁאוּל געזאָגט צו יוֹנָתָנען: דערצייל מיר וואָס דו האָסט געטאָן. האָט אים יוֹנָתָן דער־ציילט און האָט געזאָגט: פאַרזוכן האָב איך פאַרזוכט מיטן שפּיץ פון דעם שטעקן וואָס אין מיין האַנט אַ ביסל האָניק. אָט בין איך; לאָמיך שטאַרבן. [44] האָט שָׁאוּל געזאָגט: זאָל גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער, אַז שטאַרבן מוזטו שטאַרבן, יוֹנָתָן! [45] האָט דאָס פאָלק געזאָגט צו שָׁאוּלן: זאָל יוֹנָתָן שטאַרבן, דער וואָס האָט אויפגעטאָן דיזאָזיקע גרויסע ישועה אין ישראל? חלילה! אַזוי ווי יהוה לעבט, אויב אַ האָר פון זיין קאָפּ וועט פאַלן צו דער ערד! וואָרום מיט גאָט האָט ער דאָס אויפגעטאָן היינטיקן טאָג. און דאָס פאָלק האָט אויסגעלייזט יוֹנָתָנען, און ער איז ניט געשטאָרבן.

[46] און שָׁאוּל איז אַוועק פון הינטער די פּלִשתּים, און די פּלִשתּים זיינען געגאַנגען צו זייער אָרט.

[47] און שָׁאוּל האָט פאַרנומען די מלוכה איבער ישׂראל, און ער האָט מלחמה געהאַלטן רונד אַרום מיט אַלע זייערע פיינט, מיט מוֹאָב, און מיט די קינדער פון עַמון, און מיט אֱדוֹם, און מיט די מלכים פון צוֹבָה, און מיט די פּלִשתּים; און אומעטום ווו ער פלעגט זיך קערן, פלעגט ער זיי אָנטאָן שלעכטס. [48] און ער האָט אויפגע־טאָן העלדישקייט, און האָט געשלאָגן עֲמָלֵק, און מציל געווען ישׂראל פון דער האַנט פון זיין רויבער.

[49] און שָׁאוּלס זין זיינען געווען יוֹנָתָן, און יִשְׁוִי, און מַלכּישוּעַ; און די נעמען פון זיינע צוויי טעכטער זיינען געווען: דער נאָמען פון דער עלטערער, מֵרַב, און דער נאָמען פון דער קלענערער מיכל. [50] און דער נאָמען פון שָׁאוּלס ווייב איז געווען אַחינוֹעַם די טאָכטער פון אַחימַעַץ; און דער נאָמען פון זיין חיל־פירער אַבינֵר דער זון פון נֵר, שָׁאוּלס פעטער. [51] אי קיש דער פאָטער פון שָׁאוּלן, אי נֵר דער פאָטער פון אַבנֵרן, איז געווען אַ זון פון אַביאֵלן.

[52] און די מלחמה אויף די פּלִשתּים איז געווען שטאַרק אַלע טעג פון שָׁאוּלן. און ווי שָׁאוּל פלעגט זען עמיץ אַ מאַן אַ גיבור, אָדער עמיץ אַ העלדישן יונג, אַזוי האָט ער אים צוגענומען צו זיך.

## טו

[1] און שמואל האָט געזאָגט צו שָׁאוּלן: מיך האָט גאָט געשיקט דיך צו זאַלבן פאַר אַ מלך איבער זיין פאָלק, איבער ישׂראל; דרום הער אַצונד צו דעם קָול פון די ווערטער פון גאָט. [2] אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת: איך געדענק וואָס עֲמָלֵק האָט געטאָן צו ישׂראל, ווי ער האָט זיך אים געשטעלט אין וועג ביי זיין אַרויפגיין פון מִצרַיִם. [3] אַצונד גיי און זאָלסט שלאָגן עֲמָלֵק; און איר זאָלט פאַרוויסטן אַלץ וואָס ער האָט, און זאָלסט זיך ניט דערבאַרימען אויף

ד מִשּׁוֹר וְעַד־שֶׂה מִגָּמָל וְעַד־חֲמוֹר׃ וַיְשַׁמַּע שָׁאוּל
אֶת־הָעָם וַיִּפְקְדֵם בַּטְּלָאִים מָאתַיִם אֶלֶף רַגְלִי וַעֲשֶׂרֶת
ה אֲלָפִים אֶת־אִישׁ יְהוּדָה׃ וַיָּבֹא שָׁאוּל עַד־עִיר עֲמָלֵק וַיָּרֶב
ו בַּנָּחַל׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־הַקֵּינִי לְכוּ סֻּרוּ רְדוּ מִתּוֹךְ
עֲמָלֵקִי פֶּן־אֹסִפְךָ עִמּוֹ וְאַתָּה עָשִׂיתָה חֶסֶד עִם־כָּל־בְּנֵי
ז יִשְׂרָאֵל בַּעֲלוֹתָם מִמִּצְרָיִם וַיָּסַר קֵינִי מִתּוֹךְ עֲמָלֵק׃ וַיַּךְ
שָׁאוּל אֶת־עֲמָלֵק מֵחֲוִילָה בּוֹאֲךָ שׁוּר אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי
ח מִצְרָיִם׃ וַיִּתְפֹּשׂ אֶת־אֲגַג מֶלֶךְ־עֲמָלֵק חָי וְאֶת־כָּל־הָעָם
ט הֶחֱרִים לְפִי־חָרֶב׃ וַיַּחְמֹל שָׁאוּל וְהָעָם עַל־אֲגָג וְעַל־
מֵיטַב הַצֹּאן וְהַבָּקָר וְהַמִּשְׁנִים וְעַל־הַכָּרִים וְעַל־כָּל־הַטּוֹב
וְלֹא אָבוּ הַחֲרִימָם וְכָל־הַמְּלָאכָה נְמִבְזָה וְנָמֵס אֹתָהּ
יא הֶחֱרִימוּ׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל לֵאמֹר׃ נִחַמְתִּי
כִּי־הִמְלַכְתִּי אֶת־שָׁאוּל לְמֶלֶךְ כִּי־שָׁב מֵאַחֲרַי וְאֶת־דְּבָרַי
לֹא הֵקִים וַיִּחַר לִשְׁמוּאֵל וַיִּזְעַק אֶל־יְהוָה כָּל־הַלָּיְלָה׃
יב וַיַּשְׁכֵּם שְׁמוּאֵל לִקְרַאת שָׁאוּל בַּבֹּקֶר וַיֻּגַּד לִשְׁמוּאֵל
לֵאמֹר בָּא־שָׁאוּל הַכַּרְמֶלָה וְהִנֵּה מַצִּיב לוֹ יָד וַיִּסֹּב וַיַּעֲבֹר
יג וַיֵּרֶד הַגִּלְגָּל׃ וַיָּבֹא שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל וַיֹּאמֶר לוֹ שָׁאוּל
יד בָּרוּךְ אַתָּה לַיהוָה הֲקִימֹתִי אֶת־דְּבַר יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל
וּמֶה קוֹל־הַצֹּאן הַזֶּה בְּאָזְנָי וְקוֹל הַבָּקָר אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁמֵעַ׃
טו וַיֹּאמֶר שָׁאוּל מֵעֲמָלֵקִי הֱבִיאוּם אֲשֶׁר חָמַל הָעָם עַל־
מֵיטַב הַצֹּאן וְהַבָּקָר לְמַעַן זְבֹחַ לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ וְאֶת־הַיּוֹתֵר
טז הֶחֱרַמְנוּ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל הֶרֶף וְאַגִּידָה לְּךָ
אֵת אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֵלַי הַלָּיְלָה וַיֹּאמְרוּ לוֹ דַּבֵּר׃
יז וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל הֲלוֹא אִם־קָטֹן אַתָּה בְּעֵינֶיךָ רֹאשׁ שִׁבְטֵי
יח יִשְׂרָאֵל אָתָּה וַיִּמְשָׁחֲךָ יְהוָה לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁלָחֲךָ
יְהוָה בְּדָרֶךְ וַיֹּאמֶר לֵךְ וְהַחֲרַמְתָּה אֶת־הַחַטָּאִים אֶת־
יט עֲמָלֵק וְנִלְחַמְתָּ בוֹ עַד־כַּלּוֹתָם אֹתָם׃ וְלָמָּה לֹא־שָׁמַעְתָּ

פי׳ פתח בס״פ   טז׳ ויאמר קרי

אים, און זאָלסט טייטן פון אַ מאַן ביז אַ פרוי, פון אַ קינד ביז אַ זויגעדיקן, פון אַן אָקס ביז אַ שעפּס, פון אַ קעמל ביז אַן אייזל.

4 האָט שָׁאוּל צונויפגערופן דאָס פאָלק, און ער האָט זיי איבערגעציילט אין טְלָאִים, צוויי הונדערט טויזנט פוס־גייער, און צען טויזנט מאַן פון יהודה. 5 און שָׁאוּל איז געקומען צו דער שטאָט פון עֲמָלֵק, און ער האָט מלחמה געהאַלטן אין טאָל. 6 און שָׁאוּל האָט געזאָגט צום קֵינִי: קומט גייט אַוועק, נידערט אַראָפּ פון צווישן עֲמָלֵק, כּדי איך זאָל דיך ניט אומברענגען מיט אים; און דו האָסט דאָך געטאָן חסד מיט אַלע קינדער פון ישראל ביי זייער אַרויפגיין פון מִצְרַיִם. האָט דער קֵינִי אָפּגעטרעטן פון צווישן עֲמָלֵק.

7 און שָׁאוּל האָט געשלאָגן עֲמָלֵק פון חֲוִילָה ווי דו קומסט קיין שוּר וואָס פאַר מִצְרַיִם. 8 און ער האָט גע־כאַפּט אֲגַג דעם מלך פון עֲמָלֵק אַ לעבעדיקן, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט ער פאַרוויסט מיטן שאַרף פון שווערד. 9 אָבער שָׁאוּל און דאָס פאָלק האָבן געשוינט אֲגַגן, און די בעסטע פון די שאָף און די רינדער—די צווייטגעבאָרענע, און די לעמער, און דאָס גאַנצע גוטס, און זיי האָבן ניט געוואָלט זיי פאַרוויסטן. נאָר אַלדאָס נישטווערטיקע און צעקראַכענע פי, דאָס האָבן זיי פאַרוויסט.

10 איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו שמואלן, אַזוי צו זאָגן: 11 איך האָב חרטה וואָס איך האָב געמאַכט שָׁאוּלן פאַר אַ מלך, וואָרום ער האָט זיך אָפּגעקערט פון הינטער מיר, און מיינע ווערטער האָט ער ניט מקיים געווען. האָט שמואלן געערגערט, און ער האָט געשריען צו גאָט אַ גאַנצע נאַכט. 12 און שמואל האָט זיך געפעדערט אין דער פרי צו באַגעגענען שָׁאוּלן. איז אָנגעזאָגט געוואָרן שמואלן, אַזוי צו זאָגן: שָׁאוּל איז געקומען קיין כַּרְמֶל, און זע, ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַן אָנדענק, און האָט זיך אויסגעדרייט, און איז אַוועק און האָט אַראָפּגענידערט קיין גִלְגָּל. 13 איז שמואל געקומען צו שָׁאוּלן, און שָׁאוּל האָט צו אים געזאָגט: געבענטשט זאָלסטו זיין פון גאָט! איך האָב מקיים געווען דאָס וואָרט פון גאָט. 14 האָט שמואל געזאָגט: און וואָס איז דערדאָזיקער קול פון די שאָף אין מיינע אויערן, און דער קול פון די רינדער וואָס איך הער? 15 האָט שָׁאוּל געזאָגט: פון עֲמָלֵק האָט מען זיי געבראַכט, וואָרום דאָס פאָלק האָט געשוינט די בעסטע פון די שאָף און די רינדער, כּדי צו שלאַכטן צו יהוה דיין גאָט; אָבער דאָס איבעריקע האָבן מיר פאַרוויסט. 16 האָט שמואל געזאָגט צו שָׁאוּלן: הער אויף, און איך וועל דיר זאָגן וואָס גאָט האָט צו מיר גערעדט די נאַכט. האָט ער צו אים געזאָגט: רעד.

17 האָט שמואל צו אים געזאָגט: פאַרוואָר, אויב דו ביסט קליין אין דיינע אויגן, ביסטו אָבער דער קאָפּ פון די שבטים פון ישראל, און דיך האָט גאָט געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער ישראל. 18 און גאָט האָט דיך געשיקט אויף אַ וועג, און האָט געזאָגט: גיי און זאָלסט פאַרוויסטן די זינדיקע, עֲמָלֵק, און זאָלסט האַלטן מלחמה אויף זיי ביז מע וועט זיי פאַרלענדן. 19 טאָ

בְּקוֹל יְהוָה וַתַּעַט אֶל־הַשָּׁלָל וַתַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה׃
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־שְׁמוּאֵל אֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי בְּקוֹל כ
יְהוָה וָאֵלֵךְ בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־שְׁלָחַנִי יְהוָה וָאָבִיא אֶת־אֲגַג
מֶלֶךְ עֲמָלֵק וְאֶת־עֲמָלֵק הֶחֱרַמְתִּי׃ וַיִּקַּח הָעָם מֵהַשָּׁלָל כא
צֹאן וּבָקָר רֵאשִׁית הַחֵרֶם לִזְבֹּחַ לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ בַּגִּלְגָּל׃
וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל הַחֵפֶץ לַיהוָה בְּעֹלוֹת וּזְבָחִים כב
כִּשְׁמֹעַ בְּקוֹל יְהוָה הִנֵּה שְׁמֹעַ מִזֶּבַח טוֹב לְהַקְשִׁיב
מֵחֵלֶב אֵילִים׃ כִּי חַטַּאת־קֶסֶם מֶרִי וְאָוֶן וּתְרָפִים כג
הַפְצַר יַעַן מָאַסְתָּ אֶת־דְּבַר יְהוָה וַיִּמְאָסְךָ מִמֶּלֶךְ׃
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־שְׁמוּאֵל חָטָאתִי כִּי־עָבַרְתִּי אֶת־פִּי־ כד
יְהוָה וְאֶת־דְּבָרֶיךָ כִּי יָרֵאתִי אֶת־הָעָם וָאֶשְׁמַע בְּקוֹלָם׃
וְעַתָּה שָׂא נָא אֶת־חַטָּאתִי וְשׁוּב עִמִּי וְאֶשְׁתַּחֲוֶה לַיהוָה׃ כה
וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל לֹא אָשׁוּב עִמָּךְ כִּי כו
מָאַסְתָּה אֶת־דְּבַר יְהוָה וַיִּמְאָסְךָ יְהוָה מִהְיוֹת מֶלֶךְ עַל־
יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּסֹּב שְׁמוּאֵל לָלֶכֶת וַיַּחֲזֵק בִּכְנַף־מְעִילוֹ וַיִּקָּרַע׃ כז
וַיֹּאמֶר אֵלָיו שְׁמוּאֵל קָרַע יְהוָה אֶת־מַמְלְכוּת כח
יִשְׂרָאֵל מֵעָלֶיךָ הַיּוֹם וּנְתָנָהּ לְרֵעֲךָ הַטּוֹב מִמֶּךָּ׃ וְגַם כט
נֵצַח יִשְׂרָאֵל לֹא יְשַׁקֵּר וְלֹא יִנָּחֵם כִּי לֹא אָדָם הוּא לְהִנָּחֵם׃
וַיֹּאמֶר חָטָאתִי עַתָּה כַּבְּדֵנִי נָא נֶגֶד זִקְנֵי־עַמִּי וְנֶגֶד יִשְׂרָאֵל ל
וְשׁוּב עִמִּי וְהִשְׁתַּחֲוֵיתִי לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ וַיָּשָׁב שְׁמוּאֵל לא
אַחֲרֵי שָׁאוּל וַיִּשְׁתַּחוּ שָׁאוּל לַיהוָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל לב
הַגִּישׁוּ אֵלַי אֶת־אֲגַג מֶלֶךְ עֲמָלֵק וַיֵּלֶךְ אֵלָיו אֲגַג מַעֲדַנֹּת
וַיֹּאמֶר אֲגַג אָכֵן סָר מַר־הַמָּוֶת׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל לג
כַּאֲשֶׁר שִׁכְּלָה נָשִׁים חַרְבֶּךָ כֵּן־תִּשְׁכַּל מִנָּשִׁים אִמֶּךָ
וַיְשַׁסֵּף שְׁמוּאֵל אֶת־אֲגַג לִפְנֵי יְהוָה בַּגִּלְגָּל׃ וַיֵּלֶךְ לד
שְׁמוּאֵל הָרָמָתָה וְשָׁאוּל עָלָה אֶל־בֵּיתוֹ גִּבְעַת שָׁאוּל׃*
וְלֹא־יָסַף שְׁמוּאֵל לִרְאוֹת אֶת־שָׁאוּל עַד־יוֹם מוֹתוֹ כִּי־ לה

כ׳ פתח בס״פ   לד׳ע״ב

פאַרוואָס האָסטו ניט צוגעהערט צו דעם קָול פון גאָט, און האָסט זיך אַ לאָז געטאָן צום רויב, און געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט? 20 האָט שָאול געזאָגט צו שמואלן: איך האָב דאָך צוגעהערט צו דעם קָול פון גאָט, און בין געגאַנגען אויף דעם וועג וואָס גאָט האָט מיך געשיקט, און האָב געבראַכט אַגָג דעם מלך פון עַמָלֵק, און עַמָלֵק האָב איך פאַרוויסט. 21 אָבער דאָס פאָלק האָט גענומען פון דעם רויב שאָף און רינדער, דאָס בעסטע פון דעם חרם, כּדי צו שלאַכטן צו יהוה דיין גאָט אין גִלגָל.
22 האָט שמואל געזאָגט:

באַגערט דען גאָט בראַנדאָפּפער און שלאַכטאָפּפער,
ווי צוהערן צו דעם קָול פון גאָט?
זע, צוהערן איז בעסער פון שלאַכטאָפּפער,
צו געהאָרכן—פון פעטס פון ווידערס;
23 וואָרום זינד פון כּישוף איז ווידערשפּעניקייט,
און געצנדינסט און תּרָפים איז איינגעשפּאַרט זיין.

וייל דו האָסט פאַראַכט דאָס וואָרט פון גאָט, אַזוי האָט ער דיך פאַראַכט פון צו זיין אַ מלך. 24 האָט שָאול געזאָגט: איך האָב געזינדיקט וואָס איך האָב איבערגעטרעטן דאָס באַפעל פון גאָט און דיינע ווערטער, וויל איך האָב מורא געהאַט פאַרן פאָלק, און האָב זיך צוגעהערט צו זייער קָול. 25 און אַצונד, פאַרגיב, איך בעט דיך, מיין זינד, און קער זיך אום מיט מיר, און איך וועל זיך בוקן צו גאָט. 26 האָט שמואל געזאָגט צו שָאולן: איך וועל זיך ניט אומקערן מיט דיר, וואָרום דו האָסט פאַראַכט דאָס וואָרט פון גאָט, און גאָט האָט דיך פאַראַכט פון צו זיין אַ מלך איבער ישראל.

27 און ווי שמואל האָט זיך אומגעדרייט אַוועקצוגיין, אַזוי האָט [שָאול] אָנגענומען דעם ברעג פון זיין מאַנטל, און ער האָט זיך אָפּגעריסן. 28 האָט שמואל צו אים געזאָגט: גאָט האָט היינט אָפּגעריסן פון דיר די מלוכה פון ישראל, און האָט זי אַוועקגעגעבן צו אַן אַנדערן וואָס איז בעסער פון דיר. 29 און דער אייביקער פון ישראל זאָגט אויך ניט ליגן, און האָט ניט חרטה; וואָרום ניט אַ מענטש איז ער, חרטה צו האָבן.

30 האָט ער געזאָגט: איך האָב געזינדיקט, אָבער אַצונד, טו מיר, איך בעט דיך, דעם כּבוד פאַר די עלטסטע פון מיין פאָלק און פאַר ישראל, און קער זיך אום מיט מיר, און איך וועל זיך בוקן צו יהוה דיין גאָט.

31 האָט שמואל זיך אומגעקערט נאָך שָאולן, און שָאול האָט זיך געבוקט צו גאָט.

32 און שמואל האָט געזאָגט: מאַכט גענענען צו מיר אַגָג דעם מלך פון עַמָלֵק. איז אַגָג צוגעגאַנגען צו אים אין קייטן. און אַגָג האָט געזאָגט: פאַרוואָר, די ביטערקייט פון טויט איז געקומען. 33 האָט שמואל געזאָגט:

אַזוי ווי דיין שווערד האָט ווייבער אָן קינדער געלאָזט,
זאָל צווישן ווייבער דיין מוטער אָן קינדער בלייבן.

און שמואל האָט צעהאַקט אַגָגן פאַר גאָט אין גִלגָל.

34 און שמואל איז אַוועקגעגאַנגען קיין רָמָה, און שָאול איז אַרויפגעגאַנגען צו זיין הויז אין גִבעַת־שָאול. 35 און שמואל

הָאט מער ניט געזען שָׁאולן ביז דעם טאָג פון זיין טויט, וואָרום שמואל האָט געטרויערט וועגן שָׁאולן; און גאָט האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט געמאַכט שָׁאולן פאַר אַ מלך איבער ישׂראל.

# טז

[1] און גאָט האָט געזאָגט צו שמואלן: ביז וואַנען וועסטו טרויערן וועגן שָׁאולן, אַז איך האָב אים פאַראַכט פון צו קיניגן איבער ישׂראל? פיל אָן דיין האָרן מיט אייל, און קום, איך וועל דיך שיקן צו יִשַׁין פון בֵּית־לֶחֶם, וואָרום איך האָב מיר געזען אַ מלך צווישן זיינע זין. [2] האָט שמואל געזאָגט: ווי קען איך גיין? אַז שָׁאול וועט הערן, וועט ער מיך הרגען. האָט גאָט געזאָגט: אַ יונגע קו וועסטו נעמען מיט זיך, און וועסט זאָגן: צו שלאַכטן צו גאָט בין איך געקומען. [3] און וועסט פאַררופן יִשַׁין צום שלאַכטאָפּפער, און איך וועל דיך לאָזן וויסן וואָס דו זאָלסט טאָן; און וועסט מיר זאַלבן דעם וואָס איך וועל דיר זאָגן.

[4] האָט שמואל געטאָן וואָס גאָט האָט געהייסן, און ער איז געקומען קיין בֵּית־לֶחֶם. און די עלטסטע פון שטאָט האָבן געאַיילט אים אַנטקעגן, און געזאָגט: פריד צו דיין קומען! [5] האָט ער געזאָגט: פריד! צו שלאַכטן צו גאָט בין איך געקומען. הייליקט אײַך, און איר וועט קומען מיט מיר צום שלאַכטאָפּפער. און ער האָט געהייסן יִשַׁין און זיינע זין זיך הייליקן, און האָט זיי פאַררופן צום שלאַכטאָפּפער.

[6] און עס איז געווען, ווי זיי זיינען געקומען, אַזוי האָט ער דערזען אֶליאָבן, און ער האָט געזאָגט: פאַרוואָר, אַנטקעגן גאָט איז זיין געזאַלבטער. [7] האָט גאָט געזאָגט צו שמואלן: זאָלסט ניט קוקן אויף זיין אויסזען, און אויף זיין הויכן וווּקס, וואָרום איך וויל אים ניט; וואָרום עס איז ניט ווי דער מענטש זעט; ווייל דער מענטש זעט נאָכן אָנבליק, אָבער גאָט זעט נאָכן האַרצן. [8] האָט יִשַׁי גערופן אַבינָדָבן, און האָט אים פאַרבייגעפירט פאַר שמואלן, אָבער ער האָט געזאָגט: אויך דעמדאָזיקן האָט גאָט ניט אויסדערוויילט. [9] האָט יִשַׁי פאַרבייגעפירט שַׁמָהן, אָבער ער האָט געזאָגט: אויך דעמדאָזיקן האָט גאָט ניט אויסדערוויילט. [10] אַזוי האָט יִשַׁי פאַרבייגעפירט זיבן פון זיינע זין פאַר שמואלן, און שמואל האָט געזאָגט צו יִשַׁין: גאָט האָט ניט אויסדערוויילט די דאָזיקע. [11] און שמואל האָט געזאָגט צו יִשַׁין: געענדיקט די יונגען? האָט ער געזאָגט: עס איז נאָך געבליבן דער קלענסטער; און אָט איז ער אַ פאַסטוך ביי די שאָף. האָט שמואל געזאָגט צו יִשַׁין: שיק און ברענג אים; וואָרום מיר וועלן זיך ניט זעצן, ביז ער קומט אַהער. [12] האָט ער געשיקט און אים געבראַכט. און ער איז געווען אַ גערויטלטער, מיט שיינע אויגן און אַ פיינעם אויסזען. און גאָט האָט געזאָגט: שטיי אויף, זאַלב אים, וואָרום ער איז דאָס. [13] האָט שמואל גענומען דעם האָרן מיט אייל, און האָט אים

הִתְאַבֵּל שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל וַיהוָה נִחָם כִּי־הִמְלִיךְ אֶת־
שָׁאוּל עַל־יִשְׂרָאֵל׃

טז

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל עַד־מָתַי אַתָּה מִתְאַבֵּל אֶל־
שָׁאוּל וַאֲנִי מְאַסְתִּיו מִמְּלֹךְ עַל־יִשְׂרָאֵל מַלֵּא קַרְנְךָ שֶׁמֶן
וְלֵךְ אֶשְׁלָחֲךָ אֶל־יִשַׁי בֵּית־הַלַּחְמִי כִּי־רָאִיתִי בְּבָנָיו לִי
ב מֶלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֵיךְ אֵלֵךְ וְשָׁמַע שָׁאוּל וַהֲרָגָנִי
וַיֹּאמֶר יְהוָה עֶגְלַת בָּקָר תִּקַּח בְּיָדֶךָ וְאָמַרְתָּ
ג לִזְבֹּחַ לַיהוָה בָּאתִי׃ וְקָרָאתָ לְיִשַׁי בַּזָּבַח וְאָנֹכִי אוֹדִיעֲךָ
ד אֵת אֲשֶׁר־תַּעֲשֶׂה וּמָשַׁחְתָּ לִי אֵת אֲשֶׁר־אֹמַר אֵלֶיךָ׃ וַיַּעַשׂ
שְׁמוּאֵל אֵת אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה וַיָּבֹא בֵּית לָחֶם וַיֶּחֶרְדוּ
ה זִקְנֵי הָעִיר לִקְרָאתוֹ וַיֹּאמֶר שָׁלֹם בּוֹאֶךָ׃ וַיֹּאמֶר ׀ שָׁלוֹם
לִזְבֹּחַ לַיהוָה בָּאתִי הִתְקַדְּשׁוּ וּבָאתֶם אִתִּי בַּזָּבַח וַיְקַדֵּשׁ
ו אֶת־יִשַׁי וְאֶת־בָּנָיו וַיִּקְרָא לָהֶם לַזָּבַח׃ וַיְהִי בְּבוֹאָם
וַיַּרְא אֶת־אֱלִיאָב וַיֹּאמֶר אַךְ נֶגֶד יְהוָה מְשִׁיחוֹ׃
ז וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל אַל־תַּבֵּט אֶל־מַרְאֵהוּ וְאֶל־גְּבֹהַּ
קוֹמָתוֹ כִּי מְאַסְתִּיהוּ כִּי ׀ לֹא אֲשֶׁר יִרְאֶה הָאָדָם כִּי הָאָדָם
ח יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַיהוָה יִרְאֶה לַלֵּבָב׃ וַיִּקְרָא יִשַׁי אֶל־
אֲבִינָדָב וַיַּעֲבִרֵהוּ לִפְנֵי שְׁמוּאֵל וַיֹּאמֶר גַּם־בָּזֶה לֹא־בָחַר
ט יְהוָה׃ וַיַּעֲבֵר יִשַׁי שַׁמָּה וַיֹּאמֶר גַּם־בָּזֶה לֹא־בָחַר יְהוָה׃
י וַיַּעֲבֵר יִשַׁי שִׁבְעַת בָּנָיו לִפְנֵי שְׁמוּאֵל וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־
יא יִשַׁי לֹא־בָחַר יְהוָה בָּאֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־יִשַׁי הֲתַמּוּ
הַנְּעָרִים וַיֹּאמֶר עוֹד שָׁאַר הַקָּטָן וְהִנֵּה רֹעֶה בַּצֹּאן וַיֹּאמֶר
שְׁמוּאֵל אֶל־יִשַׁי שִׁלְחָה וְקָחֶנּוּ כִּי לֹא־נָסֹב עַד־בֹּאוֹ פֹה׃
יב וַיִּשְׁלַח וַיְבִיאֵהוּ וְהוּא אַדְמוֹנִי עִם־יְפֵה עֵינַיִם וְטוֹב רֹאִי
יג וַיֹּאמֶר יְהוָה קוּם מְשָׁחֵהוּ כִּי־זֶה הוּא׃ וַיִּקַּח
שְׁמוּאֵל אֶת־קֶרֶן הַשֶּׁמֶן וַיִּמְשַׁח אֹתוֹ בְּקֶרֶב אֶחָיו וַתִּצְלַח

---

טו, לה׳ קמץ בז״ק טז,ב׳ פסקא באמצע פסוק ד׳ סבירין ויאמרו ז׳ ה״ל בפתח
יב׳ פסקא באמצע פסוק

רוּחַ־יְהוָה אֶל־דָּוִד מֵהַיּוֹם הַהוּא וָמָעְלָה וַיָּקָם שְׁמוּאֵל
וַיֵּלֶךְ הָרָמָתָה׃ וְרוּחַ יְהוָה סָרָה מֵעִם שָׁאוּל וּבִעֲתַתּוּ יד
רוּחַ־רָעָה מֵאֵת יְהוָה׃ וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי־שָׁאוּל אֵלָיו הִנֵּה־ טו
נָא רוּחַ־אֱלֹהִים רָעָה מְבַעִתֶּךָ׃ יֹאמַר־נָא אֲדֹנֵנוּ עֲבָדֶיךָ טז
לְפָנֶיךָ יְבַקְשׁוּ אִישׁ יֹדֵעַ מְנַגֵּן בַּכִּנּוֹר וְהָיָה בִּהְיוֹת עָלֶיךָ
רוּחַ־אֱלֹהִים רָעָה וְנִגֵּן בְּיָדוֹ וְטוֹב לָךְ׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־ יז
עֲבָדָיו רְאוּ־נָא לִי אִישׁ מֵיטִיב לְנַגֵּן וַהֲבִיאוֹתֶם אֵלָי׃ וַיַּעַן יח
אֶחָד מֵהַנְּעָרִים וַיֹּאמֶר הִנֵּה רָאִיתִי בֵּן לְיִשַׁי בֵּית הַלַּחְמִי
יֹדֵעַ נַגֵּן וְגִבּוֹר חַיִל וְאִישׁ מִלְחָמָה וּנְבוֹן דָּבָר וְאִישׁ תֹּאַר
וַיהוָה עִמּוֹ׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל מַלְאָכִים אֶל־יִשָׁי וַיֹּאמֶר שִׁלְחָה יט
אֵלַי אֶת־דָּוִד בִּנְךָ אֲשֶׁר בַּצֹּאן׃ וַיִּקַּח יִשַׁי חֲמוֹר לֶחֶם כ
וְנֹאד יַיִן וּגְדִי עִזִּים אֶחָד וַיִּשְׁלַח בְּיַד־דָּוִד בְּנוֹ אֶל־שָׁאוּל׃
וַיָּבֹא דָוִד אֶל־שָׁאוּל וַיַּעֲמֹד לְפָנָיו וַיֶּאֱהָבֵהוּ מְאֹד וַיְהִי־ כא
לוֹ נֹשֵׂא כֵלִים׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל אֶל־יִשַׁי לֵאמֹר יַעֲמָד־נָא כב
דָוִד לְפָנַי כִּי־מָצָא חֵן בְּעֵינָי׃ וְהָיָה בִּהְיוֹת רוּחַ־אֱלֹהִים כג
אֶל־שָׁאוּל וְלָקַח דָּוִד אֶת־הַכִּנּוֹר וְנִגֵּן בְּיָדוֹ וְרָוַח לְשָׁאוּל
וְטוֹב לוֹ וְסָרָה מֵעָלָיו רוּחַ הָרָעָה׃

יז

וַיַּאַסְפוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־מַחֲנֵיהֶם לַמִּלְחָמָה וַיֵּאָסְפוּ שֹׂכֹה א
אֲשֶׁר לִיהוּדָה וַיַּחֲנוּ בֵּין־שׂוֹכֹה וּבֵין־עֲזֵקָה בְּאֶפֶס דַּמִּים׃
וְשָׁאוּל וְאִישׁ־יִשְׂרָאֵל נֶאֶסְפוּ וַיַּחֲנוּ בְּעֵמֶק הָאֵלָה וַיַּעַרְכוּ ב
מִלְחָמָה לִקְרַאת פְּלִשְׁתִּים׃ וּפְלִשְׁתִּים עֹמְדִים אֶל־הָהָר ג
מִזֶּה וְיִשְׂרָאֵל עֹמְדִים אֶל־הָהָר מִזֶּה וְהַגַּיְא בֵּינֵיהֶם׃ וַיֵּצֵא ד
אִישׁ־הַבֵּנַיִם מִמַּחֲנוֹת פְּלִשְׁתִּים גָּלְיָת שְׁמוֹ מִגַּת גָּבְהוֹ שֵׁשׁ
אַמּוֹת וָזָרֶת׃ וְכוֹבַע נְחֹשֶׁת עַל־רֹאשׁוֹ וְשִׁרְיוֹן קַשְׂקַשִּׂים הוּא ה
לָבוּשׁ וּמִשְׁקַל הַשִּׁרְיוֹן חֲמֵשֶׁת־אֲלָפִים שְׁקָלִים נְחֹשֶׁת׃
וּמִצְחַת נְחֹשֶׁת עַל־רַגְלָיו וְכִידוֹן נְחֹשֶׁת בֵּין כְּתֵפָיו׃ וְחֵץ ו ז

יז, ד׳ בס״א פתח באתנח   ז׳ ועץ קרי

געזאַלבט אין מיטן פון זײנע ברידער. און דער גײסט פון גאָט איז געקומען אויף דודן פון יענעם טאָג אָן און װײטער. און שמואל איז אויפגעשטאַנען, און איז אַװעקגעגאַנגען קײן רָמָה.

14 און דער גײסט פון גאָט האָט זיך אָפּגעטאָן פון שָאולן, און אים האָט געשראָקן אַ בײזער גײסט פון גאָט. 15 האָבן שָאולס קנעכט צו אים געזאָגט: זע נאָר, אַ בײזער גײסט פון גאָט שרעקט דיך. 16 זאָל אַקאָרשט אונדזער האַר הײסן דײנע קנעכט װאָס פאַר דיר, זײ זאָלן אויפזוכן אַ מאַן װאָס קען שפּילן אויף אַ האַרף; און עס װעט זײן, װי דער בײזער גײסט פון גאָט איז אויף דיר, אַזוי װעט ער שפּילן מיט זײן האַנט, און דיר װעט בעסער װערן. 17 האָט שָאול געזאָגט צו זײנע קנעכט: זעט אַקאָרשט פאַר מיר אַ מאַן װאָס שפּילט גוט, און איר זאָלט אים ברענגען צו מיר. 18 האָט זיך אָפּגערופן אײנער פון די יונגען, און האָט געזאָגט: אָט האָב איך געזען אַ זון בײ יִשַין פון בֵּית־לֶחֶם, װאָס קען שפּילן, און איז אַ העלדישער גיבור און אַ מענטש פון מלחמה, און פאַרשטײט אַ זאַך, און איז אַ מענטש מיט אַ געשטאַלט, און גאָט איז מיט אים.

19 האָט שָאול געשיקט שלוחים צו יִשַין, און אָנגעזאָגט: שיק צו מיר דײן זון דודן װאָס בײ די שאָף. 20 האָט יִשַי גענומען אַן אײזל מיט ברויט, און אַ לאָגל װײן, און אײן ציגנבעקל, און געשיקט דורך דער האַנט פון זײן זון דודן צו שָאולן. 21 און דוד איז געקומען צו שָאולן, און איז געשטאַנען פאַר אים; און ער האָט אים זײער ליב געקריגן, און ער איז אים געװאָרן אַ װאָפנטרעגער. 22 און שָאול האָט געשיקט צו יִשַין, אַזױ צו זאָגן: זאָל, איך בעט דיך, דוד שטײן פאַר מיר, װאָרום ער האָט געפונען חן אין מײנע אויגן.

23 און עס איז געװען, װי דער [בײזער] גײסט פון גאָט איז געװען אויף שָאולן, אַזױ פלעגט דוד נעמען די האַרף און שפּילן מיט זײן האַנט, און שָאולן פלעגט אָפּגײן, און אים פלעגט בעסער װערן, און דער בײזער גײסט פלעגט זיך אָפּטאָן פון אים.

יז 1 און די פּלִשתּים האָבן אײנגעזאַמלט זײערע מחנות אויף מלחמה. און זײ האָבן זיך אײנגעזאַמלט אין שׂוכו װאָס געהערט צו יהודה, און האָבן געלאַגערט צװישן שׂוכו און צװישן עֲזֵקָה, אין אֶפֶס־דַמים.

2 און שָאול און די מענער פון ישׂראל האָבן זיך אײנגעזאַמלט און האָבן געלאַגערט אין טאָל אֵלָה; און זײ האָבן אָנגעריכט אַ מלחמה אַקעגן די פּלִשתּים. 3 און די פּלִשתּים זײנען געשטאַנען אויפן באַרג פון דער זײט, און די ישׂראל זײנען געשטאַנען אויפן באַרג פון דער אַנדער זײט, מיט דעם טאָל צװישן זײ. 4 איז אַרויסגעגאַנגען דער צװישנמאַן פון דעם לאַגער פון די פּלִשתּים מיטן נאָמען גָלְיָת פון גַת, װאָס זײן הײך איז געװען זעקס אײלן און אַ שפּאַן. 5 און אַ קופּערנער קיװער איז געװען אויף זײן קאָפּ, און אין אַ פּאַנצער פון שופּן איז ער געװען אָנגעטאָן, און די װאָג פון דעם פּאַנצער איז געװען פינף טויזנט שֶקל קופּער. 6 און קופּערנע בלעכן זײנען געװען אויף זײנע פיס, און אַ קופּערנע פּיקע צװישן זײנע אַקסלען. 7 און

חֲנִיתוֹ כִּמְנוֹר אֹרְגִים וְלַהֶבֶת חֲנִיתוֹ שֵׁשׁ־מֵאוֹת שְׁקָלִים
ח בַּרְזֶל וְנֹשֵׂא הַצִּנָּה הֹלֵךְ לְפָנָיו׃ וַיַּעֲמֹד וַיִּקְרָא אֶל־מַעַרְכֹת
יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר לָהֶם לָמָּה תֵצְאוּ לַעֲרֹךְ מִלְחָמָה הֲלוֹא
אָנֹכִי הַפְּלִשְׁתִּי וְאַתֶּם עֲבָדִים לְשָׁאוּל בְּרוּ־לָכֶם אִישׁ וְיֵרֵד
ט אֵלָי׃ אִם־יוּכַל לְהִלָּחֵם אִתִּי וְהִכָּנִי וְהָיִינוּ לָכֶם לַעֲבָדִים
וְאִם־אֲנִי אוּכַל־לוֹ וְהִכִּיתִיו וִהְיִיתֶם לָנוּ לַעֲבָדִים וַעֲבַדְתֶּם
י אֹתָנוּ׃ וַיֹּאמֶר הַפְּלִשְׁתִּי אֲנִי חֵרַפְתִּי אֶת־מַעַרְכוֹת יִשְׂרָאֵל
יא הַיּוֹם הַזֶּה תְּנוּ־לִי אִישׁ וְנִלָּחֲמָה יָחַד׃ וַיִּשְׁמַע שָׁאוּל וְכָל־
יִשְׂרָאֵל אֶת־דִּבְרֵי הַפְּלִשְׁתִּי הָאֵלֶּה וַיֵּחַתּוּ וַיִּרְאוּ מְאֹד׃
יב וְדָוִד בֶּן־אִישׁ אֶפְרָתִי הַזֶּה מִבֵּית לֶחֶם יְהוּדָה וּשְׁמוֹ
יִשַׁי וְלוֹ שְׁמֹנָה בָנִים וְהָאִישׁ בִּימֵי שָׁאוּל זָקֵן בָּא בַאֲנָשִׁים׃
יג וַיֵּלְכוּ שְׁלֹשֶׁת בְּנֵי־יִשַׁי הַגְּדֹלִים הָלְכוּ אַחֲרֵי־שָׁאוּל
לַמִּלְחָמָה וְשֵׁם ׀ שְׁלֹשֶׁת בָּנָיו אֲשֶׁר הָלְכוּ בַּמִּלְחָמָה
יד אֱלִיאָב הַבְּכוֹר וּמִשְׁנֵהוּ אֲבִינָדָב וְהַשְּׁלִשִׁי שַׁמָּה׃ וְדָוִד
טו הוּא הַקָּטָן וּשְׁלֹשָׁה הַגְּדֹלִים הָלְכוּ אַחֲרֵי שָׁאוּל׃ וְדָוִד
הֹלֵךְ וָשָׁב מֵעַל שָׁאוּל לִרְעוֹת אֶת־צֹאן אָבִיו בֵּית־לָחֶם׃
טז וַיִּגַּשׁ הַפְּלִשְׁתִּי הַשְׁכֵּם וְהַעֲרֵב וַיִּתְיַצֵּב אַרְבָּעִים יוֹם׃
יז וַיֹּאמֶר יִשַׁי לְדָוִד בְּנוֹ קַח־נָא לְאַחֶיךָ אֵיפַת הַקָּלִיא הַזֶּה
יח וַעֲשָׂרָה לֶחֶם הַזֶּה וְהָרֵץ הַמַּחֲנֶה לְאַחֶיךָ׃ וְאֵת עֲשֶׂרֶת
חֲרִצֵי הֶחָלָב הָאֵלֶּה תָּבִיא לְשַׂר הָאָלֶף וְאֶת־אַחֶיךָ
יט תִּפְקֹד לְשָׁלוֹם וְאֶת־עֲרֻבָּתָם תִּקָּח׃ וְשָׁאוּל וְהֵמָּה וְכָל־
אִישׁ יִשְׂרָאֵל בְּעֵמֶק הָאֵלָה נִלְחָמִים עִם־פְּלִשְׁתִּים׃
כ וַיַּשְׁכֵּם דָּוִד בַּבֹּקֶר וַיִּטֹּשׁ אֶת־הַצֹּאן עַל־שֹׁמֵר וַיִּשָּׂא וַיֵּלֶךְ
כַּאֲשֶׁר צִוָּהוּ יִשָׁי וַיָּבֹא הַמַּעְגָּלָה וְהַחַיִל הַיֹּצֵא אֶל־הַמַּעֲרָכָה
כא וְהֵרֵעוּ בַּמִּלְחָמָה׃ וַתַּעֲרֹךְ יִשְׂרָאֵל וּפְלִשְׁתִּים מַעֲרָכָה
כב לִקְרַאת מַעֲרָכָה׃ וַיִּטֹּשׁ דָּוִד אֶת־הַכֵּלִים מֵעָלָיו עַל־יַד
שׁוֹמֵר הַכֵּלִים וַיָּרָץ הַמַּעֲרָכָה וַיָּבֹא וַיִּשְׁאַל לְאֶחָיו לְשָׁלוֹם׃

ט׳ קמץ בז״ק   יב׳ דבי בפתח

דער האָלץ פון זיין שפּיז איז געווען ווי דער שטאַנג פון אַ
וועבער, און דער קלינג פון זיין שפּיז איז געווען זעקס
הונדערט שֶׁקל אײַזן. און דער שילדטרעגער איז געגאַנגען
אים פאַרויס.
8 און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט, און האָט גערופן
צו די רייען פון ישׂראל, און האָט צו זיי געזאָגט: נאָך וואָס
גייט איר אַרויס אָנריכטן אַ מלחמה? בין איך דען ניט דער
פּלִשתּי, און איר קנעכט ביי שָׁאולן? קלייבט אײַך אויס אַ
מאַן, און זאָל ער אַראָפּנידערן צו מיר. 9 אויב ער וועט
קענען מלחמה האַלטן מיט מיר, און וועט מיך דערשלאָגן,
וועלן מיר זיין קנעכט צו אײַך; און אויב איך וועל אים
בייקומען, און וועל אים דערשלאָגן, וועט איר זיין קנעכט
צו אונדז, און וועט אונדז דינען.
10 און דער פּלִשתּי האָט געזאָגט: איך שפּאָט פון די
רייען פון ישׂראל היינטיקן טאָג; גיט מיר אַ מאַן, און
לאָמיר מלחמה האַלטן מיטאַנאַנדער.
11 און שָׁאול און גאַנץ ישׂראל האָבן געהערט די
דאָזיקע ווערטער פון דעם פּלִשתּי, און זיי האָבן זיך דער־
שראָקן, און האָבן זייער מורא געהאַט.
12 און דוד איז געווען דער זון פון יענעם אֶפְרָתער
מאַן פון בֵּית־לֶחֶם־יהודה, וואָס זיין נאָמען איז געווען יִשַׁי;
און ער האָט געהאַט אַכט זין. און דער מאַן איז אין די
טעג פון שָׁאולן געווען אַ זקן וואָס קומט צווישן לייט. 13 און
די דריי עלטערע זין פון יִשַׁין זיינען נעגאַנגען נאָך שָׁאולן
אין דער מלחמה; און די נעמען פון זיינע דריי זין וואָס
זיינען געגאַנגען אין דער מלחמה, זיינען געווען: אֱליאָב
דער בְּכור, און דער צווייטער פון אים אֲבינָדָב, און דער דריטער שַׁמָּה. 14 און דוד איז געווען דער קלענסטער;
און די דריי גרעסערע זיינען געגאַנגען נאָך שָׁאולן. 15 און דוד פלעגט גיין און זיך אומקערן פון שָׁאולן צו פּיטערן די
שאָף פון זיין פאָטער אין בֵּית־לֶחֶם.
16 און דער פּלִשתּי האָט גענענט פרי און שפּעט, און האָט זיך געשטעלט פערציק טעג נאָכאַנאַנד.
17 און יִשַׁי האָט געזאָגט צו זיין זון דודן: נעם אַקאָרשט פאַר דיינע ברידער אַן אֵיפָה פון דידאָזיקע געברענטע זאַנ־
גען, און דידאָזיקע צען ברויטן, און לויף דערמיט אַריבער אין לאַגער צו דיינע ברידער. 18 און דידאָזיקע צען קעז
זאָלסטו ברענגען צו דעם הויפּטמאַן פון דעם טויזנט; און זאָלסט פרעגן דיינע ברידער אויף פריד, און נעמען פון זיי
אַ צייכן.
19 און שָׁאול און זיי און אַלע מענער פון ישׂראל זיינען געווען אין טאָל אֵלָה, אין מלחמה מיט די פּלִשתּים.
20 האָט זיך דוד געפעדערט אין דער פרי, און ער האָט איבערגעלאָזט די שאָף אויף אַ שומר, און ער האָט גענומען,
און איז געגאַנגען אַזוי ווי יִשַׁי האָט אים באַפוילן, און ער איז אָנגעקומען אין לאַגעררינג, ווען דער חיל וואָס איז אַרויס־
געגאַנגען אין שלאַכט, האָט געשאַלט אויף מלחמה. 21 און ישׂראל און די פּלִשתּים האָבן זיך אויסגעשטעלט אַ ריי קעגן
אַ ריי. 22 האָט דוד איבערגעלאָזט די זאַכן פון זיך אויף דער האַנט פון דעם שומר פון די זאַכן, און ער איז געלאָפן
צום שלאַכטפעלד; און ער איז געקומען און האָט געפרעגט זיינע ברידער אויף פריד.

כג וְהוּא ׀ מְדַבֵּר עִמָּם וְהִנֵּה אִישׁ הַבֵּנַיִם עוֹלֶה גָּלְיָת הַפְּלִשְׁתִּי
שְׁמוֹ מִגַּת מִמַּעַרְוֹת פְּלִשְׁתִּים וַיְדַבֵּר כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה
כד וַיִּשְׁמַע דָּוִד׃ וְכֹל אִישׁ יִשְׂרָאֵל בִּרְאוֹתָם אֶת־הָאִישׁ וַיָּנֻסוּ
כה מִפָּנָיו וַיִּירְאוּ מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר ׀ אִישׁ יִשְׂרָאֵל הַרְּאִיתֶם הָאִישׁ
הָעֹלֶה הַזֶּה כִּי לְחָרֵף אֶת־יִשְׂרָאֵל עֹלֶה וְהָיָה הָאִישׁ
אֲשֶׁר־יַכֶּנּוּ יַעְשְׁרֶנּוּ הַמֶּלֶךְ ׀ עֹשֶׁר גָּדוֹל וְאֶת־בִּתּוֹ יִתֶּן
כו לוֹ וְאֵת בֵּית אָבִיו יַעֲשֶׂה חָפְשִׁי בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִד אֶל־הָאֲנָשִׁים הָעֹמְדִים עִמּוֹ לֵאמֹר מַה־יֵּעָשֶׂה לָאִישׁ
אֲשֶׁר יַכֶּה אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי הַלָּז וְהֵסִיר חֶרְפָּה מֵעַל יִשְׂרָאֵל
כִּי מִי הַפְּלִשְׁתִּי הֶעָרֵל הַזֶּה כִּי חֵרֵף מַעַרְכוֹת אֱלֹהִים
כז חַיִּים׃ וַיֹּאמֶר לוֹ הָעָם כַּדָּבָר הַזֶּה לֵאמֹר כֹּה יֵעָשֶׂה
כח לָאִישׁ אֲשֶׁר יַכֶּנּוּ׃ וַיִּשְׁמַע אֱלִיאָב אָחִיו הַגָּדוֹל בְּדַבְּרוֹ
אֶל־הָאֲנָשִׁים וַיִּחַר־אַף אֱלִיאָב בְּדָוִד וַיֹּאמֶר ׀ לָמָּה־זֶּה
יָרַדְתָּ וְעַל־מִי נָטַשְׁתָּ מְעַט הַצֹּאן הָהֵנָּה בַּמִּדְבָּר אֲנִי יָדַעְתִּי
אֶת־זְדֹנְךָ וְאֵת רֹעַ לְבָבֶךָ כִּי לְמַעַן רְאוֹת הַמִּלְחָמָה
כט יָרָדְתָּ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד מֶה עָשִׂיתִי עָתָּה הֲלוֹא דָּבָר הוּא׃
ל וַיִּסֹּב מֵאֶצְלוֹ אֶל־מוּל אַחֵר וַיֹּאמֶר כַּדָּבָר הַזֶּה וַיְשִׁבֻהוּ
לא הָעָם דָּבָר כַּדָּבָר הָרִאשׁוֹן׃ וַיִּשָּׁמְעוּ הַדְּבָרִים אֲשֶׁר
לב דִּבֶּר דָּוִד וַיַּגִּדוּ לִפְנֵי־שָׁאוּל וַיִּקָּחֵהוּ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־
שָׁאוּל אַל־יִפֹּל לֵב־אָדָם עָלָיו עַבְדְּךָ יֵלֵךְ וְנִלְחַם עִם־
לג הַפְּלִשְׁתִּי הַזֶּה׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דָּוִד לֹא תוּכַל לָלֶכֶת
אֶל־הַפְּלִשְׁתִּי הַזֶּה לְהִלָּחֵם עִמּוֹ כִּי־נַעַר אַתָּה וְהוּא אִישׁ
לד מִלְחָמָה מִנְּעֻרָיו׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־שָׁאוּל רֹעֶה הָיָה עַבְדְּךָ
לְאָבִיו בַּצֹּאן וּבָא הָאֲרִי וְאֶת־הַדּוֹב וְנָשָׂא שֶׂה מֵהָעֵדֶר׃
לה וְיָצָאתִי אַחֲרָיו וְהִכִּתִיו וְהִצַּלְתִּי מִפִּיו וַיָּקָם עָלַי וְהֶחֱזַקְתִּי
לו בִּזְקָנוֹ וְהִכִּתִיו וַהֲמִיתִּיו׃ גַּם אֶת־הָאֲרִי גַּם־הַדּוֹב הִכָּה
עַבְדֶּךָ וְהָיָה הַפְּלִשְׁתִּי הֶעָרֵל הַזֶּה כְּאַחַד מֵהֶם כִּי חֵרֵף

כג׳ ממערות קרי כה׳ ר׳ דגושה לד׳ כצ״ל שה כתיב וקרי לה׳ יתיר י

23 ווי ער רעדט מיט זיי, ערשט דער צווישנמאַן וואָס זיין נאָמען איז געווען גָלְיַת דער פּלשתּי פון גַת, קומט אַרויף פון די רייען פון די פּלשתּים, און ער האָט גערעדט אַזוי ווי יענע רייד; און דוד האָט געהערט.

24 און אַלע מענער פון ישׂראל, ווי זיי האָבן דערזען דעם מאַן, אַזוי זיינען זיי אַנטלאָפן פאַר אים, און האָבן זייער מורא געהאַט. 25 און די מענער פון ישׂראל האָבן געזאָגט: האָט איר געזען דעמדאָזיקן מאַן וואָס קומט אַרויף? וואָרום צו לעסטערן ישׂראל קומט ער אַרויף; און עס וועט זיין, דער מאַן וואָס וועט אים דערשלאָגן, וועט אים דער מלך מעַשיר זיין מיט אַ גרויס עשירות, און וועט אים געבן זיין טאָכטער, און זיין פאָטערס הויז וועט ער מאַכן פריי אין ישׂראל.

26 האָט דוד געזאָגט צו די מענטשן וואָס זיינען גע־שטאַנען לעבן אים, אַזוי צו זאָגן: וואָס וועט געטאָן ווערן צו דעם מאַן וואָס וועט דערשלאָגן יענעם פּלשתּי, און וועט אָפּטאָן די שאַנד פון ישׂראל? וואָרום ווער איז דער־דאָזיקער אומבאַשניטענער פּלשתּי, אַז ער זאָל לעסטערן די רייען פון דעם לעבעדיקן גאָט? 27 האָט דאָס פאָלק אים געזאָגט אַזוי ווי דאָסדאָזיקע גערייד, אַזוי צו זאָגן: אַזוי וועט געטאָן ווערן צו דעם מאַן וואָס וועט אים דער־שלאָגן.

28 האָט אֱליאָב, זיין עלטערער ברודער, געהערט ווי ער רעדט צו די מענטשן, און דער צאָרן פון אֱליאָבן האָט געגרימט אויף דודן, און ער האָט געזאָגט: צוואָס גאָר האָסטו אַראָפּגענידערט, און אויף וועמען האָסטו איבערגעלאָזט יענע ביסל שאָף אין מדבר? איך קען דיין מוטוויליקייט, און די שלעכטיקייט פון דיין האַרצן, אַז כּדי צוצוקוקן די מלחמה האָסטו אַראָפּגענידערט. 29 האָט דוד געזאָגט: וואָס האָב איך אַצונד געטאָן? עס איז דאָך נאָר אַ גערייד.

30 און ער האָט זיך אָפּגעדרייט פון אים צו אַן אַנדערן, און האָט געפרעגט די אייגענע זאַך, און דאָס פאָלק האָט אים געענטפערט אַזוי ווי דאָס פריערדיקע גערייד.

31 זיינען געהערט געוואָרן די ווערטער וואָס דוד האָט גערעדט, און מע האָט דערציילט פאַר שָאולן, און ער האָט אים געלאָזט ברענגען צו זיך. 32 און דוד האָט געזאָגט צו שָאולן: זאָל קיין מענטשנס האַרץ ניט אַראָפּפאַלן איבער אים; דיין קנעכט וועט גיין, און וועט מלחמה האַלטן מיט דעמדאָזיקן פּלשתּי. 33 האָט שָאול געזאָגט צו דודן: קענסט ניט גיין אויף דעמדאָזיקן פּלשתּי, מלחמה צו האַלטן מיט אים, וואָרום דו ביסט אַ ייִנגל, און ער איז אַ מאַן פון מלחמה פון זיין יוגנט אָן. 34 האָט דוד געזאָגט צו שָאולן: דיין קנעכט איז געווען אַ פּאַסטוך פאַר זיין פאָטער ביי די שאָף, און אַז אַ לייב איז געקומען, אָדער אַ בער, און האָט אַוועקגעטראָגן אַ שעפּס פון דער סטאַדע, 35 בין איך אַרויסגעגאַנגען נאָך אים, און האָב אים געשלאָגן, און האָב אַרויסגעריסן פון זיין מויל; און אַז ער האָט זיך געשטעלט אַקעגן מיר, האָב איך אים אָנגענומען ביים באָרד, און האָב אים געשלאָגן און אים געטייט. 36 אי דעם לייב אי דעם בער האָט דיין קנעכט דער־שלאָגן; און דערדאָזיקער אומבאַשניטענער פּלשתּי וועט זיין ווי איינער פון זיי, ווייל ער האָט געלעסטערט די רייען פון דעם לעבעדיקן גאָט.

37 און דוד האָט געזאָגט: גאָט וואָס האָט מיך מציל געווען פון דער האַנט פון לייב, און פון דער האַנט פון בער, ער וועט מיך מציל זיין פון דער האַנט פון דעמ־דאָזיקן פלשתי. האָט שאול געזאָגט צו דודן: גיי, און זאָל גאָט זיין מיט דיר.

38 און שאול האָט אָנגעטאָן דודן זיינע קליידער, און ער האָט אַרויפגעטאָן אַ קופּערנעם קיווער אויף זיין קאָפּ, און אים אָנגעטאָן אַ פּאַנצער. 39 און דוד האָט אָנגעגורט זיין שווערד איבער זיינע קליידער, און זיך געמאַטערט צו גיין, ווייל ער איז ניט געווען צוגעוווינט. האָט דוד געזאָגט צו שאולן: איך קען ניט גיין אין די דאָזיקע, ווייל איך בין ניט צוגעוווינט. און דוד האָט זיי אויסגעטאָן פון זיך. 40 און ער האָט גענומען זיין שטעקן אין זיין האַנט, און האָט זיך אויסגעקליבן פינף גלאַטע שטיינער פון דעם באַך, און אַריינגעטאָן אין דעם פּאַסטוכזעקל וואָס ער האָט געהאַט, אין דעם בייטל; און זיין שליידערער איז געווען אין זיין האַנט; און ער האָט גענענט צו דעם פלשתי.

41 און דער פלשתי איז געגאַנגען אַלץ נענטער צו דודן, און דער מאַן וואָס טראָגט דעם שילד, אים פאָרויס. 42 און דער פלשתי האָט אַ קוק געטאָן און האָט דערזען דודן, און האָט אים פאַראַכט, וואָרום ער איז געווען אַ יינגל, און גערויטלט, אויך שיין אויפן פנים. 43 און דער פלשתי האָט געזאָגט צו דודן: צי אַ הונט בין איך, וואָס דו קומסט צו מיר מיט שטעקנס? און דער פלשתי האָט געשאָלטן דודן ביי זיין גאָט. 44 און דער פלשתי האָט געזאָגט צו דודן: קום צו מיר, און איך וועל געבן דיין פלייש צום פויגל פון הימל און צו דער חיה פון פעלד. 45 האָט דוד געזאָגט צו דעם פלשתי: דו קומסט צו מיר מיט אַ שווערד און מיט אַ שפּיז און מיט אַ פּיקע, און איך קום צו דיר אין דעם נאָמען פון יהוה פון צבאות, דעם גאָט פון די רייען פון ישראל וואָס דו האָסט געלעסטערט. 46 היינטיקן טאָג וועט דיך יהוה איבערענטפערן אין מיין האַנט, און איך וועל דיך דערשלאָגן, און וועל אַראָפּנעמען דיין קאָפּ פון דיר; און איך וועל געבן די פגרים פון דער מחנה פון די פלשתים היינטיקן טאָג צום פויגל פון הימל און צו דער חיה פון דער ערד; און די גאַנצע ערד וועט וויסן, אַז פאַראַן אַ גאָט ביי ישראל. 47 און די דאָזיקע גאַנצע איינזאַמלונג וועט וויסן, אַז ניט מיט אַ שווערד און מיט אַ שפּיז העלפט יהוה; וואָרום די מלחמה איז יהוהס, און ער וועט אייך געבן אין אונדזער האַנט.

48 און עס איז געווען, ווי דער פלשתי איז אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען און האָט גענענט אַנטקעגן דודן, אַזוי האָט דוד געאײַלט, און איז געלאָפן צום שלאַכטפעלד אַנטקעגן דעם פלשתי. 49 און דוד האָט אַריינגעשטעקט זיין האַנט אין זעקל, און האָט אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ שטיין, און אַ שליידער געטאָן, און געטראָפן דעם פלשתי אין זיין שטערן. און דער שטיין איז אַריינגעזונקען אין זיין שטערן, און ער איז געפאַלן אויף זיין פנים צו דער ערד.

לז מַעַרְכֹת אֱלֹהִים חַיִּים׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד יְהוָה אֲשֶׁר הִצִּלַנִי
מִיַּד הָאֲרִי וּמִיַּד הַדֹּב הוּא יַצִּילֵנִי מִיַּד הַפְּלִשְׁתִּי הַזֶּה
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דָּוִד לֵךְ וַיהוָה יִהְיֶה עִמָּךְ׃
לח וַיַּלְבֵּשׁ שָׁאוּל אֶת־דָּוִד מַדָּיו וְנָתַן קוֹבַע נְחֹשֶׁת עַל־רֹאשׁוֹ
לט וַיַּלְבֵּשׁ אֹתוֹ שִׁרְיוֹן׃ וַיַּחְגֹּר דָּוִד אֶת־חַרְבּוֹ מֵעַל לְמַדָּיו
וַיֹּאֶל לָלֶכֶת כִּי לֹא־נִסָּה וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־שָׁאוּל לֹא אוּכַל
מ לָלֶכֶת בָּאֵלֶּה כִּי לֹא נִסִּיתִי וַיְסִרֵם דָּוִד מֵעָלָיו׃ וַיִּקַּח
מַקְלוֹ בְּיָדוֹ וַיִּבְחַר־לוֹ חֲמִשָּׁה חַלֻּקֵי אֲבָנִים ׀ מִן־הַנַּחַל
וַיָּשֶׂם אֹתָם בִּכְלִי הָרֹעִים אֲשֶׁר־לוֹ וּבַיַּלְקוּט וְקַלְעוֹ בְיָדוֹ
מא וַיִּגַּשׁ אֶל־הַפְּלִשְׁתִּי׃ וַיֵּלֶךְ הַפְּלִשְׁתִּי הֹלֵךְ וְקָרֵב אֶל־דָּוִד
מב וְהָאִישׁ נֹשֵׂא הַצִּנָּה לְפָנָיו׃ וַיַּבֵּט הַפְּלִשְׁתִּי וַיִּרְאֶה אֶת־
דָּוִד וַיִּבְזֵהוּ כִּי־הָיָה נַעַר וְאַדְמֹנִי עִם־יְפֵה מַרְאֶה׃
מג וַיֹּאמֶר הַפְּלִשְׁתִּי אֶל־דָּוִד הֲכֶלֶב אָנֹכִי כִּי־אַתָּה בָא־אֵלַי
מד בַּמַּקְלוֹת וַיְקַלֵּל הַפְּלִשְׁתִּי אֶת־דָּוִד בֵּאלֹהָיו׃ וַיֹּאמֶר
הַפְּלִשְׁתִּי אֶל־דָּוִד לְכָה אֵלַי וְאֶתְּנָה אֶת־בְּשָׂרְךָ לְעוֹף
מה הַשָּׁמַיִם וּלְבֶהֱמַת הַשָּׂדֶה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַפְּלִשְׁתִּי
אַתָּה בָּא אֵלַי בְּחֶרֶב וּבַחֲנִית וּבְכִידוֹן וְאָנֹכִי בָא־אֵלֶיךָ
בְּשֵׁם יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי מַעַרְכוֹת יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר חֵרַפְתָּ׃
מו הַיּוֹם הַזֶּה יְסַגֶּרְךָ יְהוָה בְּיָדִי וְהִכִּיתִךָ וַהֲסִרֹתִי אֶת־
רֹאשְׁךָ מֵעָלֶיךָ וְנָתַתִּי פֶּגֶר מַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים הַיּוֹם הַזֶּה
לְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְחַיַּת הָאָרֶץ וְיֵדְעוּ כָּל־הָאָרֶץ כִּי יֵשׁ
מז אֱלֹהִים לְיִשְׂרָאֵל׃ וְיֵדְעוּ כָּל־הַקָּהָל הַזֶּה כִּי־לֹא בְּחֶרֶב
וּבַחֲנִית יְהוֹשִׁיעַ יְהוָה כִּי לַיהוָה הַמִּלְחָמָה וְנָתַן אֶתְכֶם
מח בְּיָדֵנוּ׃ וְהָיָה כִּי־קָם הַפְּלִשְׁתִּי וַיֵּלֶךְ וַיִּקְרַב לִקְרַאת דָּוִד
מט וַיְמַהֵר דָּוִד וַיָּרָץ הַמַּעֲרָכָה לִקְרַאת הַפְּלִשְׁתִּי׃ וַיִּשְׁלַח
דָּוִד אֶת־יָדוֹ אֶל־הַכֶּלִי וַיִּקַּח מִשָּׁם אֶבֶן וַיְקַלַּע וַיַּךְ אֶת־
הַפְּלִשְׁתִּי אֶל־מִצְחוֹ וַתִּטְבַּע הָאֶבֶן בְּמִצְחוֹ וַיִּפֹּל עַל־פָּנָיו

לז׳ פסקא באמצע פסוק   מה׳ פתח בס״ם

אַרְצָה׃ וַיֶּחֱזַק דָּוִד מִן־הַפְּלִשְׁתִּי בַּקֶּלַע וּבָאֶבֶן וַיַּךְ אֶת־ נ
הַפְּלִשְׁתִּי וַיְמִיתֵהוּ וְחֶרֶב אֵין בְּיַד־דָּוִד׃ וַיָּרָץ דָּוִד וַיַּעֲמֹד נא
אֶל הַפְּלִשְׁתִּי וַיִּקַּח אֶת־חַרְבּוֹ וַיִּשְׁלְפָהּ מִתַּעְרָהּ וַיְמֹתְתֵהוּ
וַיִּכְרָת־בָּהּ אֶת־רֹאשׁוֹ וַיִּרְאוּ הַפְּלִשְׁתִּים כִּי־מֵת גִּבּוֹרָם
וַיָּנֻסוּ׃ וַיָּקֻמוּ אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה וַיָּרִעוּ וַיִּרְדְּפוּ אֶת־ נב
הַפְּלִשְׁתִּים עַד־בּוֹאֲךָ גַיְא וְעַד שַׁעֲרֵי עֶקְרוֹן וַיִּפְּלוּ חַלְלֵי
פְלִשְׁתִּים בְּדֶרֶךְ שַׁעֲרַיִם וְעַד־גַּת וְעַד־עֶקְרוֹן׃ וַיָּשֻׁבוּ נג
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִדְּלֹק אַחֲרֵי פְלִשְׁתִּים וַיָּשֹׁסּוּ אֶת־מַחֲנֵיהֶם׃
וַיִּקַּח דָּוִד אֶת־רֹאשׁ הַפְּלִשְׁתִּי וַיְבִאֵהוּ יְרוּשָׁלָםִ וְאֶת־ נד
כֵּלָיו שָׂם בְּאָהֳלוֹ׃ וְכִרְאוֹת שָׁאוּל אֶת־דָּוִד יֹצֵא נה
לִקְרַאת הַפְּלִשְׁתִּי אָמַר אֶל־אַבְנֵר שַׂר הַצָּבָא בֶּן־
מִי־זֶה הַנַּעַר אַבְנֵר וַיֹּאמֶר אַבְנֵר חֵי־נַפְשְׁךָ הַמֶּלֶךְ אִם־
יָדָעְתִּי׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ שְׁאַל אַתָּה בֶּן־מִי־זֶה הָעָלֶם׃ נו
וּכְשׁוּב דָּוִד מֵהַכּוֹת אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי וַיִּקַּח אֹתוֹ אַבְנֵר נז
וַיְבִאֵהוּ לִפְנֵי שָׁאוּל וְרֹאשׁ הַפְּלִשְׁתִּי בְּיָדוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו נח
שָׁאוּל בֶּן־מִי אַתָּה הַנָּעַר וַיֹּאמֶר דָּוִד בֶּן־עַבְדְּךָ יִשַׁי
בֵּית הַלַּחְמִי׃

## יח

וַיְהִי כְּכַלֹּתוֹ לְדַבֵּר אֶל־שָׁאוּל וְנֶפֶשׁ יְהוֹנָתָן נִקְשְׁרָה א
בְּנֶפֶשׁ דָּוִד וַיֶּאֱהָבוֹ יְהוֹנָתָן כְּנַפְשׁוֹ׃ וַיִּקָּחֵהוּ שָׁאוּל בַּיּוֹם ב
הַהוּא וְלֹא נְתָנוֹ לָשׁוּב בֵּית אָבִיו׃ וַיִּכְרֹת יְהוֹנָתָן וְדָוִד ג
בְּרִית בְּאַהֲבָתוֹ אֹתוֹ כְּנַפְשׁוֹ׃ וַיִּתְפַּשֵּׁט יְהוֹנָתָן אֶת־הַמְּעִיל ד
אֲשֶׁר עָלָיו וַיִּתְּנֵהוּ לְדָוִד וּמַדָּיו וְעַד־חַרְבּוֹ וְעַד־קַשְׁתּוֹ וְעַד־
חֲגֹרוֹ׃ וַיֵּצֵא דָוִד בְּכֹל אֲשֶׁר יִשְׁלָחֶנּוּ שָׁאוּל יַשְׂכִּיל וַיְשִׂמֵהוּ ה
שָׁאוּל עַל אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה וַיִּיטַב בְּעֵינֵי כָל־הָעָם וְגַם
בְּעֵינֵי עַבְדֵי שָׁאוּל׃ וַיְהִי בְּבוֹאָם בְּשׁוּב דָּוִד מֵהַכּוֹת ו
אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי וַתֵּצֶאנָה הַנָּשִׁים מִכָּל־עָרֵי יִשְׂרָאֵל לָשׁוּר

יח, א׳ ויאהבה קרי   ו׳ לשיר קרי

[50] אַזוי האָט דוד איבערגעשטאַרקט דעם פּלשתּי מיט אַ שלײדערער און מיט אַ שטײן, און געטראָפן דעם פּלשתּי, און אים געטײט; און קײן שווערד איז ניט געווען אין דודס האַנט.

[51] און דוד איז צוגעלאָפן, און האָט זיך געשטעלט איבער דעם פּלשתּי, און האָט אָנגענומען זײן שווערד, און זי אַרויסגעצויגן פון איר שײד, און אים געטײט; און ער האָט אָפּגעשניטן מיט איר זײן קאָפּ.

און די פּלשתּים האָבן געזען, אַז זײער גיבור איז טויט, און זײ זײנען אַנטלאָפן. [52] און די מענער פון ישׂראל און יהודה זײנען אויפגעשטאַנען און האָבן געשאַלט, און נאָכגעיאָגט די פּלשתּים ביז דו קומסט קײן גַי, און ביז די טויערן פון עֶקרון. און עס זײנען געפאַלן דערשלאָגענע פון די פּלשתּים אויף דעם וועג פון שַׁעֲרַיִם, און ביז גַת, און ביז עֶקרון. [53] און די קינדער פון ישׂראל האָבן זיך אומגעקערט פון נאָכיאָגן די פּלשתּים, און זײ האָבן אויסגערויבט זײער לאַגער.

[54] און דוד האָט גענומען דעם קאָפּ פון דעם פּלשתּי, און האָט אים געבראַכט קײן ירושָלַיִם, און זײנע וואָפן האָט ער אַהינגעטאָן אין זײן געצעלט.

[55] און אַז שָאול האָט געזען דודן אַרויסגײן אַקעגן דעם פּלשתּי, האָט ער געזאָגט צו אַבנֵר דעם חיל־פירער: וועמעס זון איז דערדאָזיקער בָחור, אַבנֵר? האָט אַבנֵר געזאָגט: אַזוי ווי דײן זעל לעבט, מלך, אויב איך ווײס! [56] האָט דער מלך געזאָגט פרעג דו זיך נאָך וועמעס זון דער יונג איז.

[57] און ווי דוד האָט זיך אומגעקערט פון שלאָגן דעם פּלשתּי, אַזוי האָט אים אַבנֵר גענומען, און האָט אים גע־בראַכט פאַר שָאולן, מיט דעם קאָפּ פון דעם פּלשתּי אין זײן האַנט. [58] האָט שָאול צו אים געזאָגט: וועמעס זון ביסטו, בָחור? האָט דוד געזאָגט: דער זון פון דײן קנעכט ישַׁי פון בֵית־לֶחֶם.

## יח

[1] און עס איז געווען, ווי ער האָט געענדיקט רעדן צו שָאולן, אַזוי איז די זעל פון יהונָתָנען צוגעבונדן געוואָרן צו דער זעל פון דודן, און יהונָתָן האָט אים ליב געקריגן אַזוי ווי זײן אײגן זעל. [2] און שָאול האָט אים צוגענומען אין יענעם טאָג, און האָט אים ניט געלאָזט זיך אומקערן צו זײן פאָטערס הויז. [3] און יהונָתָן האָט געשלאָסן אַ בונד מיט דודן, ווײל ער האָט אים ליב געהאַט אַזוי ווי זײן אײגן זעל. [4] און יהונָתָן האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל וואָס אויף זיך, און האָט אים געשאָנקען דודן; אויך זײנע קלײדער, ביז אויף זײן שווערד, און ביז אויף זײן בויגן, און ביז אויף זײן גאַרטל.

[5] און אַז דוד איז אַרויסגעגאַנגען, איז, ווו נאָר שָאול פלעגט אים שיקן, פלעגט ער באַגליקן. און שָאול האָט אים אויפגעזעצט איבער די מלחמה־לײט; און ער איז וווילגעפעלן אין די אויגן פון גאַנצן פאָלק, און אויך אין די אויגן פון שָאולס קנעכט.

[6] און עס איז געווען, בײַ זײער אָנקומען, אַז דוד האָט זיך אומגעקערט פון שלאָגן דעם פּלשתּי, זײנען אַרויסגעגאַנגען די ווײַבער פון אַלע שטעט פון ישׂראל מיט געזאַנג און טענץ אַנטקעגן דעם מלך שָאולן, מיט פויקן, מיט שׂמחה, און

וְהַֽמְּחֹלוֹת לִקְרַאת שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ בְּתֻפִּים בְּשִׂמְחָה
ז וּבְשָׁלִשִׁים׃ וַתַּעֲנֶינָה הַנָּשִׁים הַֽמְשַׂחֲקוֹת וַתֹּאמַרְןָ הִכָּה
ח שָׁאוּל בַּאֲלָפָו וְדָוִד בְּרִבְבֹתָיו׃ וַיִּחַר לְשָׁאוּל מְאֹד וַיֵּרַע
בְּעֵינָיו הַדָּבָר הַזֶּה וַיֹּאמֶר נָתְנוּ לְדָוִד רְבָבוֹת וְלִי נָתְנוּ
ט הָאֲלָפִים וְעוֹד לוֹ אַךְ הַמְּלוּכָה׃ וַיְהִי שָׁאוּל עָוֹן אֶת־דָּוִד
י מֵהַיּוֹם הַהוּא וָהָלְאָה׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַתִּצְלַח רוּחַ
אֱלֹהִים ׀ רָעָה ׀ אֶל־שָׁאוּל וַיִּתְנַבֵּא בְתוֹךְ־הַבַּיִת וְדָוִד מְנַגֵּן
יא בְּיָדוֹ כְּיוֹם ׀ בְּיוֹם וְהַחֲנִית בְּיַד־שָׁאוּל׃ וַיָּטֶל שָׁאוּל אֶת־
הַחֲנִית וַיֹּאמֶר אַכֶּה בְדָוִד וּבַקִּיר וַיִּסֹּב דָּוִד מִפָּנָיו פַּעֲמָיִם׃
יב וַיִּרָא שָׁאוּל מִלִּפְנֵי דָוִד כִּי־הָיָה יְהוָה עִמּוֹ וּמֵעִם שָׁאוּל
יג סָר׃ וַיְסִרֵהוּ שָׁאוּל מֵעִמּוֹ וַיְשִׂמֵהוּ לוֹ שַׂר־אָלֶף וַיֵּצֵא וַיָּבֹא
יד לִפְנֵי הָעָם׃ וַיְהִי דָוִד לְכָל־דְּרָכָו מַשְׂכִּיל וַיהוָה
טו עִמּוֹ׃ וַיַּרְא שָׁאוּל אֲשֶׁר־הוּא מַשְׂכִּיל מְאֹד וַיָּגָר מִפָּנָיו׃
טז וְכָל־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה אֹהֵב אֶת־דָּוִד כִּי־הוּא יוֹצֵא וָבָא
יז לִפְנֵיהֶם׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דָּוִד הִנֵּה בִתִּי הַגְּדוֹלָה
מֵרַב אֹתָהּ אֶתֶּן־לְךָ לְאִשָּׁה אַךְ הֱיֵה־לִּי לְבֶן־חַיִל וְהִלָּחֵם
מִלְחֲמוֹת יְהוָה וְשָׁאוּל אָמַר אַל־תְּהִי יָדִי בּוֹ וּתְהִי־בוֹ יַד־
יח פְּלִשְׁתִּים׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־שָׁאוּל מִי אָנֹכִי וּמִי חַיַּי מִשְׁפַּחַת
יט אָבִי בְּיִשְׂרָאֵל כִּי־אֶהְיֶה חָתָן לַמֶּלֶךְ׃ וַיְהִי בְּעֵת תֵּת אֶת־
מֵרַב בַּת־שָׁאוּל לְדָוִד וְהִיא נִתְּנָה לְעַדְרִיאֵל הַמְּחֹלָתִי
כ לְאִשָּׁה׃ וַתֶּאֱהַב מִיכַל בַּת־שָׁאוּל אֶת־דָּוִד וַיַּגִּדוּ לְשָׁאוּל
כא וַיִּשַׁר הַדָּבָר בְּעֵינָיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶתְּנֶנָּה לּוֹ וּתְהִי־לוֹ
לְמוֹקֵשׁ וּתְהִי־בוֹ יַד־פְּלִשְׁתִּים וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דָּוִד
כב בִּשְׁתַּיִם תִּתְחַתֵּן בִּי הַיּוֹם׃ וַיְצַו שָׁאוּל אֶת־עֲבָדָו דַּבְּרוּ
אֶל־דָּוִד בַּלָּט לֵאמֹר הִנֵּה חָפֵץ בְּךָ הַמֶּלֶךְ וְכָל־עֲבָדָיו
כג אֲהֵבוּךָ וְעַתָּה הִתְחַתֵּן בַּמֶּלֶךְ׃ וַיְדַבְּרוּ עַבְדֵי שָׁאוּל בְּאָזְנֵי
דָוִד אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיֹּאמֶר דָּוִד הֲנְקַלָּה בְעֵינֵיכֶם

ז׳ באלפיו קרי   ט׳ עוין קרי   יד׳ דרכיו קרי   כב׳ עבדיו קרי

מיט צימבלען. 7 און די ווייבער די שפּילערינס האָבן געזונגען און געזאָגט:

שָאול האָט געשלאָגן אין זײַנע טויזנטן,

און דוד אין זײַנע צענטויזנטן.

8 האָט שָאולן זייער געבערנט, און דאָסדאָזיקע גערייד איז געווען שלעכט אין זײַנע אויגן, און ער האָט געזאָגט: דודן האָבן זיי געגעבן די צענטויזנטן, און מיר האָבן זיי געגעבן די טויזנטן, און אים פעלט נאָך בלויז די מלוכה. 9 און שָאול האָט געקוקט קרום אויף דודן פון יענעם טאָג און ווייטער.

10 און עס איז געווען אויף מאָרגן, איז אַ בייזער גייסט פון גאָט געקומען אויף שָאולן, און ער האָט אין הויז גערעדט פון זינען, און דוד האָט געשפּילט מיט זײַן האַנט אַזוי ווי טאָג אין טאָג, און אין שָאולס האַנט איז געווען דער שפּיז. 11 האָט שָאול אַ וואָרף געטאָן דעם שפּיז, און ער האָט געקלערט: איך וועל דורכשטעכן דודן ביז אין וואַנט. אָבער דוד האָט זיך אָפּגעדרייט פון אים צוויי מאָל.

12 און שָאול האָט מורא געהאַט פאַר דודן, וואָרום גאָט איז געווען מיט אים, און פון שָאולן האָט ער זיך אָפּגעטאָן. 13 און שָאול האָט אים אָפּגעטאָן פון זיך, און אים געמאַכט פאַר אַ הויפּטמאַן פון טויזנט, און ער איז געגאַנגען און געקומען דעם פאָלק פאַרויס. 14 און דוד האָט באַגליקט אין אַלע זײַנע וועגן, און גאָט איז געווען מיט אים. 15 און שָאול האָט געזען אַז ער באַגליקט זייער, און ער האָט זיך געשראָקן פאַר אים. 16 אָבער גאַנץ ישׂראל און יהודה האָט ליב געהאַט דודן, וואָרום ער פלעגט גיין און קומען זיי פאַרויס.

17 און שָאול האָט געזאָגט צו דודן: אָט איז מײַן עלטערע טאָכטער מֵרַב; זי וועל איך דיר געבן פאַר אַ ווײַב, אָבער זײַ מיר אַ העלדישער יונג, און פיר די מלחמות פון גאָט. וואָרום שָאול האָט געקלערט: זאָל ניט מײַן האַנט זײַן אויף אים, נייערט די האַנט פון די פּלשתּים זאָל זײַן אויף אים. 18 האָט דוד געזאָגט צו שָאולן: ווער בין איך? און וואָס איז מײַן לעבן, אָדער מײַן פאָטערס משפּחה אין ישׂראל, אַז איך זאָל ווערן אַן איידים בײַם מלך?

19 אָבער עס איז געווען, בעת מע האָט געזאָלט געבן מֵרַב די טאָכטער פון שָאולן צו דודן, איז זי אַוועקגעגעבן געוואָרן צו עַדריאֵלן פון מחולָה פאַר אַ ווײַב.

20 און מיכל די טאָכטער פון שָאולן האָט ליב געהאַט דודן; האָט מען דערציילט שָאולן, און די זאַך איז ווױלגעפעלן אין זײַנע אויגן. 21 און שָאול האָט געקלערט: איך וועל זי אים געבן, כּדי זי זאָל אים זײַן פאַר אַ שטרויכלונג, און די האַנט פון די פּלשתּים זאָל זײַן אויף אים. און שָאול האָט געזאָגט צו דודן: וועסט הײַנט ווערן מײַן איידים מיט דער צווייטער.

22 און שָאול האָט באַפוילן זײַנע קנעכט: רעדט צו דודן שטילערהייט, אַזוי צו זאָגן: זע, דער מלך וויל דיך, און אַלע זײַנע קנעכט האָבן דיך ליב, טאָ ווער אַצונד דעם מלכס איידים.

23 האָבן שָאולס קנעכט גערעדט אין די אויערן פון דודן דידאָזיקע ווערטער. און דוד האָט געזאָגט: גרינג אין אײַערע

הִתְחַתֵּן בַּמֶּלֶךְ וְאָנֹכִי אִישׁ־רָשׁ וְנִקְלֶה׃ וַיַּגִּדוּ עַבְדֵי כד
שָׁאוּל לוֹ לֵאמֹר כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה דִּבֶּר דָּוִד׃
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל כֹּה־תֹאמְרוּ לְדָוִד אֵין־חֵפֶץ לַמֶּלֶךְ בְּמֹהַר כה
כִּי בְּמֵאָה עָרְלוֹת פְּלִשְׁתִּים לְהִנָּקֵם בְּאֹיְבֵי הַמֶּלֶךְ וְשָׁאוּל
חָשַׁב לְהַפִּיל אֶת־דָּוִד בְּיַד־פְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּגִּדוּ עֲבָדָיו לְדָוִד כו
אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיִּשַׁר הַדָּבָר בְּעֵינֵי דָוִד לְהִתְחַתֵּן
בַּמֶּלֶךְ וְלֹא־מָלְאוּ הַיָּמִים׃ וַיָּקָם דָּוִד וַיֵּלֶךְ ׀ הוּא וַאֲנָשָׁיו כז
וַיַּךְ בַּפְּלִשְׁתִּים מָאתַיִם אִישׁ וַיָּבֵא דָוִד אֶת־עָרְלֹתֵיהֶם
וַיְמַלְאוּם לַמֶּלֶךְ לְהִתְחַתֵּן בַּמֶּלֶךְ וַיִּתֶּן־לוֹ שָׁאוּל אֶת־מִיכַל
בִּתּוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיַּרְא שָׁאוּל וַיֵּדַע כִּי יְהוָה עִם־דָּוִד וּמִיכַל כח
בַּת־שָׁאוּל אֲהֵבַתְהוּ׃ וַיֹּאסֶף שָׁאוּל לֵרֹא מִפְּנֵי דָוִד עוֹד כט
וַיְהִי שָׁאוּל אֹיֵב אֶת־דָּוִד כָּל־הַיָּמִים׃ וַיֵּצְאוּ שָׂרֵי ל
פְלִשְׁתִּים וַיְהִי ׀ מִדֵּי צֵאתָם שָׂכַל דָּוִד מִכֹּל עַבְדֵי שָׁאוּל
וַיִּיקַר שְׁמוֹ מְאֹד׃

יט

וַיְדַבֵּר שָׁאוּל אֶל־יוֹנָתָן בְּנוֹ וְאֶל־כָּל־עֲבָדָיו לְהָמִית אֶת־ א
דָּוִד וִיהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל חָפֵץ בְּדָוִד מְאֹד׃ וַיַּגֵּד יְהוֹנָתָן ב
לְדָוִד לֵאמֹר מְבַקֵּשׁ שָׁאוּל אָבִי לַהֲמִיתֶךָ וְעַתָּה הִשָּׁמֶר־
נָא בַבֹּקֶר וְיָשַׁבְתָּ בַסֵּתֶר וְנַחְבֵּאתָ׃ וַאֲנִי אֵצֵא וְעָמַדְתִּי ג
לְיַד־אָבִי בַּשָּׂדֶה אֲשֶׁר אַתָּה שָׁם וַאֲנִי אֲדַבֵּר בְּךָ אֶל־אָבִי
וְרָאִיתִי מָה וְהִגַּדְתִּי לָךְ׃ וַיְדַבֵּר יְהוֹנָתָן בְּדָוִד טוֹב ד
אֶל־שָׁאוּל אָבִיו וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַל־יֶחֱטָא הַמֶּלֶךְ בְּעַבְדּוֹ
בְדָוִד כִּי לוֹא חָטָא לָךְ וְכִי מַעֲשָׂיו טוֹב־לְךָ מְאֹד׃ וַיָּשֶׂם ה
אֶת־נַפְשׁוֹ בְכַפּוֹ וַיַּךְ אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי וַיַּעַשׂ יְהוָה תְּשׁוּעָה
גְדוֹלָה לְכָל־יִשְׂרָאֵל רָאִיתָ וַתִּשְׂמָח וְלָמָּה תֶחֱטָא בְּדָם
נָקִי לְהָמִית אֶת־דָּוִד חִנָּם׃ וַיִּשְׁמַע שָׁאוּל בְּקוֹל יְהוֹנָתָן ו
וַיִּשָּׁבַע שָׁאוּל חַי־יְהוָה אִם־יוּמָת׃ וַיִּקְרָא יְהוֹנָתָן לְדָוִד ז

יח, כח׳ פתח בס״פ    כט׳ ויוסף קרי

אויגן צו ווערן דעם מלכס איידים, אַז איך בין אַן אָרימאַן און גרינגגעשאַצט?

[24] האָבן די קנעכט פון שָאולן אים דערציילט, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי דידאָזיקע ווערטער האָט דוד גערעדט. [25] האָט שָאול געזאָגט: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו דודן: דער מלך וויל ניט קיין נדן, נייערט הונדערט פאָרהויטן פון די פּלִשתּים, זיך נוקם צו זיין אָן דעם מלכס פיינט. און שָאול האָט גערעכנט צו מאַכן פאַלן דודן דורך דער האַנט פון די פּלִשתּים.

[26] האָבן זיינע קנעכט דערציילט דודן דידאָזיקע ווערטער, און די זאַך איז ווילגעפעלן אין די אויגן פון דודן, צו ווערן דעם מלכס איידים. און די טעג זיינען נאָך צומאָל ניט דערפילט געוואָרן, [27] איז דוד אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען, ער מיט זיינע מענטשן, און ער האָט געשלאָגן פון די פּלִשתּים צוויי הונדערט מאַן. און דוד האָט געבראַכט זייערע פאָרהויטן, און מע האָט זיי איבער־געגעבן פאַרפול צום מלך, כדי ער זאָל ווערן דעם מלכס איידים. און שָאול האָט אים געגעבן זיין טאָכטער מיכלען פאַר אַ ווייב.

[28] און שָאול האָט געזען און פאַרשטאַנען אַז גאָט איז מיט דודן; און מיכל די טאָכטער פון שָאולן האָט אים ליב געהאַט. [29] און שָאול האָט נאָך מער מורא געקריגן פאַר דודן. און שָאול איז געווען דודן אַ שׂונא אַלע טעג.

[30] און די האַרן פון די פּלִשתּים פלעגן אַרויסגיין; און עס איז געווען, ווען נאָר זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, האָט דוד באַגליקט מער פון אַלע קנעכט פון שָאולן, און זיין נאָמען איז געווען זייער געאַכט.

יט

[1] און שָאול האָט גערעדט צו יוֹנָתָן זיין זון און צו אַלע זיינע קנעכט, צו טייטן דודן; אָבער יהוֹנָתָן דער זון פון שָאולן האָט זייער געגאַרט דודן. [2] און יהוֹנָתָן האָט דערציילט דודן, אַזוי צו זאָגן: מיין פאָטער שָאול זוכט דיך צו טייטן. און אַצונד, איך בעט דיך, זיי אָפּגעהיט אין דער פרי, און זאָלסט זיצן אין פאַרבאָרגעניש און זיך באַהאַלטן. [3] און איך וועל אַרויסגיין, און וועל שטיין לעבן מיין פאָטער אויף דעם פעלד וואָס דו ביסט דאָרטן. און איך וועל רעדן וועגן דיר צו מיין פאָטער, און אַז איך וועל וואָס מערקן, וועל איך דיר זאָגן.

[4] און יהוֹנָתָן האָט גערעדט גוטס אויף דודן צו זיין פאָטער שָאולן, און ער האָט צו אים געזאָגט: זאָל דער מלך ניט זינדיקן אַקעגן זיין קנעכט, אַקעגן דודן, ווייל ער האָט אַקעגן דיר ניט געזינדיקט, און ווייל זיינע טואונגען זיינען גע־ווען זייער גוט פאַר דיר. [5] און ער האָט גענומען זיין לעבן אין זיין האַנט, און האָט געשלאָגן דעם פּלִשתּי, און גאָט האָט געטאָן אַ גרויסע ישועה פאַר גאַנץ ישׂראל; האָסט עס געזען, און האָסט זיך געפרייט. און פאַרוואָס זאָלסטו זיך פאַר־זינדיקן אָן אומשולדיקן בלוט, צו טייטן דודן אומזיסט?

[6] האָט שָאול צוגעהערט צו דעם קָול פון יהוֹנָתָנען, און שָאול האָט געשוואָרן: אַזוי ווי גאָט לעבט, אויב ער וועט גע־טייט ווערן!

וַיַּגֶּד־לוֹ יְהוֹנָתָן אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיָּבֵא יְהוֹנָתָן אֶת־
ח דָּוִד אֶל־שָׁאוּל וַיְהִי לְפָנָיו כְּאֶתְמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃ וַתּוֹסֶף
הַמִּלְחָמָה לִהְיוֹת וַיֵּצֵא דָוִד וַיִּלָּחֶם בַּפְּלִשְׁתִּים וַיַּךְ בָּהֶם
ט מַכָּה גְדוֹלָה וַיָּנֻסוּ מִפָּנָיו׃ וַתְּהִי רוּחַ יְהוָה ׀ רָעָה אֶל־
שָׁאוּל וְהוּא בְּבֵיתוֹ יֹשֵׁב וַחֲנִיתוֹ בְּיָדוֹ וְדָוִד מְנַגֵּן בְּיָד׃
י וַיְבַקֵּשׁ שָׁאוּל לְהַכּוֹת בַּחֲנִית בְּדָוִד וּבַקִּיר וַיִּפְטַר מִפְּנֵי
שָׁאוּל וַיַּךְ אֶת־הַחֲנִית בַּקִּיר וְדָוִד נָס וַיִּמָּלֵט בַּלַּיְלָה הוּא׃
יא וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל מַלְאָכִים אֶל־בֵּית דָּוִד לְשָׁמְרוֹ וְלַהֲמִיתוֹ
בַּבֹּקֶר וַתַּגֵּד לְדָוִד מִיכַל אִשְׁתּוֹ לֵאמֹר אִם־אֵינְךָ מְמַלֵּט
יב אֶת־נַפְשְׁךָ הַלַּיְלָה מָחָר אַתָּה מוּמָת׃ וַתֹּרֶד מִיכַל אֶת־
יג דָּוִד בְּעַד הַחַלּוֹן וַיֵּלֶךְ וַיִּבְרַח וַיִּמָּלֵט׃ וַתִּקַּח מִיכַל אֶת־
הַתְּרָפִים וַתָּשֶׂם אֶל־הַמִּטָּה וְאֵת כְּבִיר הָעִזִּים שָׂמָה
יד מְרַאֲשֹׁתָיו וַתְּכַס בַּבָּגֶד׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל מַלְאָכִים לָקַחַת
טו אֶת־דָּוִד וַתֹּאמֶר חֹלֶה הוּא׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל אֶת־הַמַּלְאָכִים
לִרְאוֹת אֶת־דָּוִד לֵאמֹר הַעֲלוּ אֹתוֹ בַמִּטָּה אֵלַי לַהֲמִתוֹ׃
טז וַיָּבֹאוּ הַמַּלְאָכִים וְהִנֵּה הַתְּרָפִים אֶל־הַמִּטָּה וּכְבִיר הָעִזִּים
יז מְרַאֲשֹׁתָיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־מִיכַל לָמָּה כָּכָה רִמִּיתִנִי
וַתְּשַׁלְּחִי אֶת־אֹיְבִי וַיִּמָּלֵט וַתֹּאמֶר מִיכַל אֶל־שָׁאוּל הוּא־
יח אָמַר אֵלַי שַׁלְּחִנִי לָמָה אֲמִיתֵךְ׃ וְדָוִד בָּרַח וַיִּמָּלֵט וַיָּבֹא
אֶל־שְׁמוּאֵל הָרָמָתָה וַיַּגֶּד־לוֹ אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה־לוֹ שָׁאוּל
יט וַיֵּלֶךְ הוּא וּשְׁמוּאֵל וַיֵּשְׁבוּ בְּנָוֹית׃ וַיֻּגַּד לְשָׁאוּל לֵאמֹר
כ הִנֵּה דָוִד בְּנָוֹית בָּרָמָה׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל מַלְאָכִים לָקַחַת
אֶת־דָּוִד וַיַּרְא אֶת־לַהֲקַת הַנְּבִיאִים נִבְּאִים וּשְׁמוּאֵל עֹמֵד
נִצָּב עֲלֵיהֶם וַתְּהִי עַל־מַלְאֲכֵי שָׁאוּל רוּחַ אֱלֹהִים וַיִּתְנַבְּאוּ
כא גַּם־הֵמָּה׃ וַיַּגִּדוּ לְשָׁאוּל וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֲחֵרִים וַיִּתְנַבְּאוּ
גַּם־הֵמָּה וַיֹּסֶף שָׁאוּל וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים שְׁלִשִׁים וַיִּתְנַבְּאוּ
כב גַּם־הֵמָּה׃ וַיֵּלֶךְ גַּם־הוּא הָרָמָתָה וַיָּבֹא עַד־בּוֹר הַגָּדוֹל

ז׳ כא לשאול   י׳ סבירין הדוא   יח׳ בניות קרי   יט׳ בניות קרי

7 און יהונתן האָט גערופֿן דודן, און יהונתן האָט אים
דערציילט אַלע די דאָזיקע ווערטער. און יהונתן האָט
געבראַכט דודן צו שאולן, און ער איז געווען פֿאַר אים
אַזוי ווי נעכטן־אײערנעכטן.
8 איז ווידער געוואָרן אַ מלחמה, און דוד איז אַרויס־
געגאַנגען, און האָט מלחמה געהאַלטן אַקעגן די פּלשתּים,
און ער האָט געשלאָגן צווישן זיי אַ גרויסן שלאַק, און זיי
זיינען אַנטלאָפֿן פֿאַר אים.
9 און אַ בייזער גייסט פֿון גאָט איז געקומען אויף
שאולן בעת ער איז געזעסן אין זיין הויז מיט זיין שפּיז אין
זיין האַנט; און דוד האָט געשפּילט מיט דער האַנט.
10 האָט שאול געזוכט דורכצושטעכן דודן מיטן שפּיז ביז
אין וואַנט, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעמאַכט פֿון שאולן,
און ער האָט אַריינגעשטאָכן דעם שפּיז אין וואַנט. און דוד
איז אַנטלאָפֿן און איז אַנטרונען געוואָרן אין יענער נאַכט.
11 האָט שאול געשיקט שלוחים צו דודס הויז, אים צו
היטן, און אים צו טייטן אין דער פֿרי. אָבער זיין ווייב
מיכל האָט אָנגעזאָגט דודן, אַזוי צו זאָגן: אויב דו ראַטע־
וועסט ניט דיין נפֿש די נאַכט, וועסטו מאָרגן געטייט.
12 און מיכל האָט אַראָפּגעלאָזט דודן דורכן פֿענצ־
טער, און ער איז אַוועק און איז אַנטלאָפֿן און אַנטרונען
געוואָרן. 13 און מיכל האָט גענומען דעם תּרפֿים, און
אַרויפֿגעלייגט אויפֿן בעט, און אַ געשטריק פֿון ציגנהאָר
האָט זי אים געלייגט צו קאָפּנס, און איבערגעדעקט מיט
אַ בגד. 14 און אַז שאול האָט געשיקט שלוחים צו נעמען דודן, האָט זי געזאָגט: ער איז קראַנק.
15 האָט שאול געשיקט שלוחים צו זען דודן, אַזוי צו זאָגן: ברענגט אים אַרויף מיטן בעט צו מיר, אים צו טייטן.
16 זיינען די שלוחים געקומען, ערשט דער תּרפֿים איז אויפֿן בעט, און דאָס געשטריק פֿון ציגנהאָר אים צוקאָפּנס.
17 האָט שאול געזאָגט צו מיכלען: פֿאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי אָפּגענאַרט, און האָסט אַוועקגעלאָזט מיין שונא, און
ער איז אַנטרונען געוואָרן? האָט מיכל געזאָגט צו שאולן: ער האָט צו מיר געזאָגט: לאָז מיך אַוועק, נאָך וואָס זאָל
איך דיך טייטן?
18 און דוד איז אַנטלאָפֿן און אַנטרונען געוואָרן, און ער איז געקומען צו שמואלן קיין רמה, און האָט אים דערציילט
אַלץ וואָס שאול האָט אים געטאָן. און ער און שמואל זיינען געגאַנגען און האָבן זיך באַזעצט אין נָיוֹת.
19 איז אָנגעזאָגט געוואָרן שאולן, אַזוי צו זאָגן: זע, דוד איז אין נָיוֹת אין רמה. 20 און שאול האָט געשיקט שלוחים
צו נעמען דודן. האָבן זיי געזען דאָס געזעמל נביאים נביאות זאָגן, און שמואל שטייט געשטעלט איבער זיי; און דער
גייסט פֿון גאָט איז געווען אויף די שלוחים פֿון שאולן, און זיי אויך האָבן נביאות געזאָגט.
21 האָט מען אָנגעזאָגט שאולן, און ער האָט געשיקט אַנדערע שלוחים. האָבן זיי אויך נביאות געזאָגט. האָט שאול
ווידער געשיקט דריטע שלוחים, און זיי אויך האָבן נביאות געזאָגט.
22 איז ער אויך געגאַנגען קיין רמה, און ער איז געקומען ביז דער גרויסער גרוב וואָס אין שכו, און

אֲשֶׁר בַּשֶּׂכוּ וַיִּשְׁאַל וַיֹּאמֶר אֵיפֹה שְׁמוּאֵל וְדָוִד וַיֹּאמֶר
הִנֵּה בְּנָיוֹת בָּרָמָה׃ וַיֵּלֶךְ שָׁם אֶל־נָיוֹת בָּרָמָה וַתְּהִי כג
עָלָיו גַּם־הוּא רוּחַ אֱלֹהִים וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וַיִּתְנַבֵּא עַד־בֹּאוֹ
בְּנָיוֹת בָּרָמָה׃ וַיִּפְשַׁט גַּם־הוּא בְּגָדָיו וַיִּתְנַבֵּא גַם־הוּא כד
לִפְנֵי שְׁמוּאֵל וַיִּפֹּל עָרֹם כָּל־הַיּוֹם הַהוּא וְכָל־הַלָּיְלָה עַל־
כֵּן יֹאמְרוּ הֲגַם שָׁאוּל בַּנְּבִיאִם׃

כ

וַיִּבְרַח דָּוִד מִנָּיוֹת בָּרָמָה וַיָּבֹא וַיֹּאמֶר ׀ לִפְנֵי יְהוֹנָתָן מֶה א
עָשִׂיתִי מֶה־עֲוֺנִי וּמֶה־חַטָּאתִי לִפְנֵי אָבִיךָ כִּי מְבַקֵּשׁ אֶת־
נַפְשִׁי׃ וַיֹּאמֶר לוֹ חָלִילָה לֹא תָמוּת הִנֵּה לוֹ־עָשָׂה אָבִי ב
דָּבָר גָּדוֹל אוֹ דָּבָר קָטֹן וְלֹא יִגְלֶה אֶת־אָזְנִי וּמַדּוּעַ יַסְתִּיר
אָבִי מִמֶּנִּי אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה אֵין זֹאת׃ וַיִּשָּׁבַע עוֹד דָּוִד ג
וַיֹּאמֶר יָדֹעַ יָדַע אָבִיךָ כִּי־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ וַיֹּאמֶר אַל־
יֵדַע־זֹאת יְהוֹנָתָן פֶּן־יֵעָצֵב וְאוּלָם חַי־יְהוָה וְחֵי נַפְשֶׁךָ כִּי
כְפֶשַׂע בֵּינִי וּבֵין הַמָּוֶת׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן אֶל־דָּוִד מַה־תֹּאמַר ד
נַפְשְׁךָ וְאֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־יְהוֹנָתָן הִנֵּה־חֹדֶשׁ ה
מָחָר וְאָנֹכִי יָשֹׁב־אֵשֵׁב עִם־הַמֶּלֶךְ לֶאֱכוֹל וְשִׁלַּחְתַּנִי
וְנִסְתַּרְתִּי בַשָּׂדֶה עַד הָעֶרֶב הַשְּׁלִשִׁית׃ אִם־פָּקֹד יִפְקְדֵנִי ו
אָבִיךָ וְאָמַרְתָּ נִשְׁאֹל נִשְׁאַל מִמֶּנִּי דָוִד לָרוּץ בֵּית־לֶחֶם
עִירוֹ כִּי זֶבַח הַיָּמִים שָׁם לְכָל־הַמִּשְׁפָּחָה׃ אִם־כֹּה יֹאמַר ז
טוֹב שָׁלוֹם לְעַבְדֶּךָ וְאִם־חָרֹה יֶחֱרֶה לוֹ דַּע כִּי־כָלְתָה
הָרָעָה מֵעִמּוֹ׃ וְעָשִׂיתָ חֶסֶד עַל־עַבְדֶּךָ כִּי בִּבְרִית יְהוָה ח
הֵבֵאתָ אֶת־עַבְדְּךָ עִמָּךְ וְאִם־יֶשׁ־בִּי עָוֺן הֲמִיתֵנִי אַתָּה וְעַד־
אָבִיךָ לָמָּה־זֶּה תְבִיאֵנִי׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן חָלִילָה לָּךְ כִּי ׀ ט
אִם־יָדֹעַ אֵדַע כִּי־כָלְתָה הָרָעָה מֵעִם אָבִי לָבוֹא עָלֶיךָ וְלֹא
אֹתָהּ אַגִּיד לָךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־יְהוֹנָתָן מִי יַגִּיד לִי אוֹ י
מַה־יַּעַנְךָ אָבִיךָ קָשָׁה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן אֶל־דָּוִד לְכָה וְנֵצֵא יא

---

יט,כב׳ סבירין ויאמרו   בנוית קרי   כג׳ נוית קרי   בנית קרי   כ, א׳ מנוית קרי
ב׳ לא יעשה קרי

האָט זיך נאָכגעפרעגט און געזאָגט: וווּ זיינען שמואל און דוד? האָט מען אים געזאָגט: אָן, אין נָיוֹת אין רָמָה. 23 איז ער אַוועק אַהין קיין נָיוֹת אין רָמָה, און אויך אויף אים איז געווען דער גייסט פון גאָט, און ער איז גע־גאַנגען און גייענדיק נביאות געזאָגט, ביז ער איז געקומען קיין נָיוֹת אין רָמָה. 24 און ער אויך האָט אויסגעטאָן זיינע קליידער, און ער אויך האָט נביאות געזאָגט פאַר שמואלן, און איז געלעגן אַ נאַקעטער יענעם גאַנצן טאָג, און די גאַנצע נאַכט. דעריבער זאָגט מען: איז אויך שָׁאוּל צווישן די נביאים?

כ

1 און דוד איז אַנטלאָפן פון נָיוֹת אין רָמָה, און ער איז געקומען, און האָט געזאָגט פאַר יהוֹנָתָנען: וואָס האָב איך געטאָן? און וואָס איז מיין פאַרברעך, און וואָס איז מיין חטא פאַר דיין פאָטער, וואָס ער זוכט מיין לעבן? 2 האָט ער צו אים געזאָגט: חלילה! וועסט ניט שטאַרבן. זע, מיין פאָטער טוט ניט אַ גרויסע זאַך אָדער אַ קליינע זאַך, אַוו ער אַנטפּלעקט ניט מיין אויער, און פאַרוואָס זאָל מיין פאָטער פאַרבאָרגן פון מיר דידאָזיקע זאַך? עס איז ניט אַזוי. 3 האָט דוד ווידער געשוואָרן, און גע־זאָגט: ווייסן ווייס דיין פאָטער אַז איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן, און ער קלערט: זאָל יהוֹנָתָן דערפון ניט וויסן, כדי ער זאָל זיך ניט קלעמען. אָבער אַזוי ווי גאָט לעבט, און אַזוי ווי דיין זעל לעבט, אַז אַזוי ווי אַ טריט איז צווישן מיר און צווישן טויט! 4 האָט יהוֹנָתָן געזאָגט צו דודן: וואָס וויל דיין זעל, איך זאָל פאַר דיר טאָן? 5 האָט דוד געזאָגט צו יהוֹנָתָנען: אָט איז מאָרגן ראש־חודש, ווען זיצן דאַרף איך זיצן מיטן מלך צום עסן; זאָלסטו מיך לאָזן גיין, און איך וועל זיך באַהאַלטן אין פעלד ביז איבערמאָרגן אָוונט. 6 אויב נאָכפרעגן וועט זיך נאָכפרעגן דיין פאָטער אויף מיר, זאָלסטו זאָגן: אָפּבעטן האָט זיך אָפּגעבעטן דוד ביי מיר, כדי אַריבערצולויפן אין זיין שטאָט בֵּית־לֶחֶם, וואָרום די יערלעכע אָפּפערשלאַכטונג איז דאָרטן ביי דער גאַנצער משפחה. 7 אויב ער וועט אַזוי זאָגן: גוט! איז פריד צו דיין קנעכט; אויב אָבער צערענען וועט ער צערענען, זיי וויסן אַז שלעכטס איז באַשלאָסן ביי אים. 8 און זאָלסט טאָן חסד מיט דיין קנעכט, וואָרום אין אַ בונד פון גאָט האָסטו געבראַכט דיין קנעכט מיט דיר; און אויב אין מיר איז דאָ אַ פאַרברעך, טייט מיך דו; און נאָך וואָס דען זאָלסטו מיך ברענגען צו דיין פאָטער? 9 האָט יהוֹנָתָן געזאָגט: חלילה דיר! וואָרום אויב דערוויסן וועל איך זיך דערוויסן אַז ביי מיין פאָטער איז באַשלאָסן, דיר זאָל געשען בייז, צי וועל איך דאָס דיר ניט דערציילן? 10 האָט דוד געזאָגט צו יהוֹנָתָנען: ווער וועט מיר דערציילן אויב דיין פאָטער וועט דיר ענטפערן האַרט? 11 האָט יהוֹנָתָן געזאָגט צו דודן: קום, און לאָמיר אַרויסגיין אין פעלד.

זיינען זיי ביידע אַרויסגעגאַנגען אין פעלד. [12] און יהונתן האָט געזאָגט צו דודן: ביי יהוה דעם גאָט פון ישראל! אַז איך וועל אויספאָרשן מיין פאָטער מאָרגן אָדער איבערמאָרגן אין דער צייט, ערשט ער איז גוט צו דודן, צי וועל איך דענסמאָל ניט שיקן צו דיר, און אַנטפּלעקן דיין אויער? [13] זאָל גאָט טאָן צו יהונתנען אַזוי און נאָך מער! אויב מיין פאָטער וועט וויל געפעלן צו ברענגען אויף דיר שלעכטס, וועל איך אַנטפּלעקן דיין אויער, און וועל דיך אַוועקשיקן, און וועסט גיין בשלום, און גאָט וועט זיין מיט דיר אַזוי ווי ער איז געווען מיט מיין פאָטער. [14] און ניט נאָר ווען איך לעב נאָך—ניט נאָר זאָלסטו טאָן מיט מיר אַ גאָטס חסד, אַז איך זאָל ניט שטאַרבן; [15] נייערט זאָלסט ניט אָפּשניידן דיין חסד פון מיין הויז ביז אייביק; ניט צומאָל ווען גאָט וועט פאַרשניידן דודס פיינט ביז איינעם פון דעם געזיכט פון דער ערד.

[16] און יהונתן האָט געשלאָסן אַ בונד מיט דעם הויז פון דודן: זאָל גאָט אויפמאָנען פון דער האַנט פון דודס פיינט! [17] און יהונתן האָט ווידער באַשוואָרן דודן ביי זיין ליבשאַפט צו אים, וואָרום ליב ווי זיין זעל האָט ער אים ליב געהאַט. [18] און יהונתן האָט צו אים געזאָגט: מאָרגן איז ראש־חודש, און דו וועסט פעלן, ווייל דיין זיץ וועט זיין ליידיק. [19] זאָלסטו איבערמאָרגן טיף אַראָפּנידערן, און קומען צו דעם אָרט וואָס דו האָסט זיך דאָרטן פאַרבאָרגן אין דעם וואָכעדיקן טאָג, און זיצן לעבן דעם שטיין אֶזֶל. [20] און איך וועל וואַרפן דריי פיילן אָן אַ זייט, אַזוי ווי איך וואָלט שיסן אין אַ ציל. [21] און זע, איך וועל שיקן דעם יינגל: גיי, געפין די פיילן. אויב זאָגן וועל איך זאָגן צום יינגל: „אָן זיינען די פיילן אַהערצו פון דיר, נעם עס", טאָ קום, וואָרום פריד איז צו דיר, און עס איז גאָרנישט, אַזוי ווי גאָט לעבט! [22] אויב אָבער איך וועל אַזוי זאָגן צום יונג: „אָן זיינען די פיילן אַהינצו פון דיר", גיי אַוועק, וואָרום גאָט שיקט דיך אַוועק. [23] און וועגן דער זאַך וואָס מיר האָבן גערעדט, איך און דו, אָט איז גאָט [אַן עדות] צווישן מיר און צווישן דיר אויף אייביק.

[24] האָט דוד זיך באַהאַלטן אין פעלד; און אַז עס איז געווען ראש־חודש, האָט דער מלך זיך געזעצט צום מאָלצייט עסן. [25] און דער מלך איז געזעסן אויף זיין זיץ אַזוי ווי אַלע מאָל, אויף דעם זיץ ביי דער וואַנט; און יהונתן איז געשטאַנען, און אַבנר איז געזעסן ביין זייט פון שאולן; און דודס אָרט איז געווען ליידיק. [26] און שאול האָט גאָרנישט גערעדט אין יענעם טאָג, וואָרום ער האָט געקלערט: אַ סיבה איז דאָס; ער איז ניט ריין, ער איז אַוודאי אומריין.

[27] און עס איז געווען אויף מאָרגן נאָך ראש־חודש, דעם צווייטן טאָג, אַז דודס אָרט איז געווען ליידיק, האָט שאול געזאָגט צו יהונתן זיין זון: פאַרוואָס איז ניט געקומען דער זון פון ישַין אי נעכטן אי היינט צום מאָלצייט?

יב הַשָּׂדֶה וַיֵּצְאוּ שְׁנֵיהֶם הַשָּׂדֶה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן אֶל־דָּוִד
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כִּי־אֶחְקֹר אֶת־אָבִי כָּעֵת ׀ מָחָר
הַשְּׁלִשִׁית וְהִנֵּה־טוֹב אֶל־דָּוִד וְלֹא־אָז אֶשְׁלַח אֵלֶיךָ וְגָלִיתִי
יג אֶת־אָזְנֶךָ׃ כֹּה־יַעֲשֶׂה יְהוָה לִיהוֹנָתָן וְכֹה יֹסִיף כִּי־יֵיטִב
אֶל־אָבִי אֶת־הָרָעָה עָלֶיךָ וְגָלִיתִי אֶת־אָזְנֶךָ וְשִׁלַּחְתִּיךָ
וְהָלַכְתָּ לְשָׁלוֹם וִיהִי יְהוָה עִמָּךְ כַּאֲשֶׁר הָיָה עִם־אָבִי׃
יד וְלֹא אִם־עוֹדֶנִּי חָי וְלֹא־תַעֲשֶׂה עִמָּדִי חֶסֶד יְהוָה וְלֹא אָמוּת׃
טו וְלֹא־תַכְרִית אֶת־חַסְדְּךָ מֵעִם בֵּיתִי עַד־עוֹלָם וְלֹא בְּהַכְרִת
טז יְהוָה אֶת־אֹיְבֵי דָוִד אִישׁ מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וַיִּכְרֹת יְהוֹנָתָן
יז עִם־בֵּית דָּוִד וּבִקֵּשׁ יְהוָה מִיַּד אֹיְבֵי דָוִד׃ וַיּוֹסֶף יְהוֹנָתָן
לְהַשְׁבִּיעַ אֶת־דָּוִד בְּאַהֲבָתוֹ אֹתוֹ כִּי־אַהֲבַת נַפְשׁוֹ אֲהֵבוֹ׃
יח וַיֹּאמֶר־לוֹ יְהוֹנָתָן מָחָר חֹדֶשׁ וְנִפְקַדְתָּ כִּי יִפָּקֵד
יט מוֹשָׁבֶךָ׃ וְשִׁלַּשְׁתָּ תֵּרֵד מְאֹד וּבָאתָ אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־
נִסְתַּרְתָּ שָּׁם בְּיוֹם הַמַּעֲשֶׂה וְיָשַׁבְתָּ אֵצֶל הָאֶבֶן הָאָזֶל׃
כ וַאֲנִי שְׁלֹשֶׁת הַחִצִּים צִדָּה אוֹרֶה לְשַׁלַּח־לִי לְמַטָּרָה׃
כא וְהִנֵּה אֶשְׁלַח אֶת־הַנַּעַר לֵךְ מְצָא אֶת־הַחִצִּים אִם־אָמֹר
אֹמַר לַנַּעַר הִנֵּה הַחִצִּים ׀ מִמְּךָ וָהֵנָּה קָחֶנּוּ וָבֹאָה כִּי־שָׁלוֹם
כב לְךָ וְאֵין דָּבָר חַי־יְהוָה׃ וְאִם־כֹּה אֹמַר לָעֶלֶם הִנֵּה הַחִצִּים
כג מִמְּךָ וָהָלְאָה לֵךְ כִּי שִׁלַּחֲךָ יְהוָה׃ וְהַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבַּרְנוּ
כד אֲנִי וָאָתָּה הִנֵּה יְהוָה בֵּינִי וּבֵינְךָ עַד־עוֹלָם׃ וַיִּסָּתֵר
דָּוִד בַּשָּׂדֶה וַיְהִי הַחֹדֶשׁ וַיֵּשֶׁב הַמֶּלֶךְ עַל־הַלֶּחֶם לֶאֱכוֹל׃
כה וַיֵּשֶׁב הַמֶּלֶךְ עַל־מוֹשָׁבוֹ כְּפַעַם ׀ בְּפַעַם אֶל־מוֹשַׁב הַקִּיר
וַיָּקָם יְהוֹנָתָן וַיֵּשֶׁב אַבְנֵר מִצַּד שָׁאוּל וַיִּפָּקֵד מְקוֹם דָּוִד׃
כו וְלֹא־דִבֶּר שָׁאוּל מְאוּמָה בַּיּוֹם הַהוּא כִּי אָמַר מִקְרֶה
כז הוּא בִּלְתִּי טָהוֹר הוּא כִּי־לֹא טָהוֹר׃ וַיְהִי מִמָּחֳרַת
הַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי וַיִּפָּקֵד מְקוֹם דָּוִד וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־יְהוֹנָתָן
בְּנוֹ מַדּוּעַ לֹא־בָא בֶן־יִשַׁי גַּם־תְּמוֹל גַּם־הַיּוֹם אֶל־הַלָּחֶם׃

יח׳ הפטרת מחר חדש אם אינו שבת ר״ח ואין מברכין בו אלול
כ׳ ה׳ רפה כד׳ אל קרי

כח וַיַּעַן יְהוֹנָתָן אֶת־שָׁאוּל נִשְׁאֹל נִשְׁאַל דָּוִד מֵעִמָּדִי עַד־בֵּית
כט לָחֶם׃ וַיֹּאמֶר שַׁלְּחֵנִי נָא כִּי זֶבַח מִשְׁפָּחָה לָנוּ בָּעִיר וְהוּא
צִוָּה־לִי אָחִי וְעַתָּה אִם־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אִמָּלְטָה נָּא
וְאֶרְאֶה אֶת־אֶחָי עַל־כֵּן לֹא־בָא אֶל־שֻׁלְחַן הַמֶּלֶךְ׃
ל וַיִּחַר־אַף שָׁאוּל בִּיהוֹנָתָן וַיֹּאמֶר לוֹ בֶּן־נַעֲוַת הַמַּרְדּוּת
הֲלוֹא יָדַעְתִּי כִּי־בֹחֵר אַתָּה לְבֶן־יִשַׁי לְבָשְׁתְּךָ וּלְבֹשֶׁת
לא עֶרְוַת אִמֶּךָ׃ כִּי כָל־הַיָּמִים אֲשֶׁר בֶּן־יִשַׁי חַי עַל־הָאֲדָמָה
לֹא תִכּוֹן אַתָּה וּמַלְכוּתֶךָ וְעַתָּה שְׁלַח וְקַח אֹתוֹ אֵלַי כִּי
לב בֶן־מָוֶת הוּא׃ וַיַּעַן יְהוֹנָתָן אֶת־שָׁאוּל אָבִיו וַיֹּאמֶר אֵלָיו
לג לָמָּה יוּמַת מֶה עָשָׂה׃ וַיָּטֶל שָׁאוּל אֶת־הַחֲנִית עָלָיו
לְהַכֹּתוֹ וַיֵּדַע יְהוֹנָתָן כִּי־כָלָה הִיא מֵעִם אָבִיו לְהָמִית אֶת־
לד דָּוִד׃ וַיָּקָם יְהוֹנָתָן מֵעִם הַשֻּׁלְחָן בָּחֳרִי־אָף וְלֹא־אָכַל
בְּיוֹם־הַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי לֶחֶם כִּי נֶעְצַב אֶל־דָּוִד כִּי הִכְלִמוֹ
לה אָבִיו׃ וַיְהִי בַבֹּקֶר וַיֵּצֵא יְהוֹנָתָן הַשָּׂדֶה לְמוֹעֵד דָּוִד
לו וְנַעַר קָטֹן עִמּוֹ׃ וַיֹּאמֶר לְנַעֲרוֹ רֻץ מְצָא־נָא אֶת־הַחִצִּים
אֲשֶׁר אָנֹכִי מוֹרֶה הַנַּעַר רָץ וְהוּא־יָרָה הַחֵצִי לְהַעֲבִרוֹ׃
לז וַיָּבֹא הַנַּעַר עַד־מְקוֹם הַחֵצִי אֲשֶׁר יָרָה יְהוֹנָתָן וַיִּקְרָא
יְהוֹנָתָן אַחֲרֵי הַנַּעַר וַיֹּאמֶר הֲלוֹא הַחֵצִי מִמְּךָ וָהָלְאָה׃
לח וַיִּקְרָא יְהוֹנָתָן אַחֲרֵי הַנַּעַר מְהֵרָה חוּשָׁה אַל־תַּעֲמֹד וַיְלַקֵּט
לט נַעַר יְהוֹנָתָן אֶת־הַחִצִּי וַיָּבֹא אֶל־אֲדֹנָיו׃ וְהַנַּעַר לֹא־יָדַע
מ מְאוּמָה אַךְ יְהוֹנָתָן וְדָוִד יָדְעוּ אֶת־הַדָּבָר׃ וַיִּתֵּן יְהוֹנָתָן
אֶת־כֵּלָיו אֶל־הַנַּעַר אֲשֶׁר־לוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ לֵךְ הָבֵיא הָעִיר׃
מא הַנַּעַר בָּא וְדָוִד קָם מֵאֵצֶל הַנֶּגֶב וַיִּפֹּל לְאַפָּיו אַרְצָה וַיִּשְׁתַּחוּ
שָׁלֹשׁ פְּעָמִים וַיִּשְּׁקוּ ׀ אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ וַיִּבְכּוּ אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ
מב עַד־דָּוִד הִגְדִּיל׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן לְדָוִד לֵךְ לְשָׁלוֹם אֲשֶׁר
נִשְׁבַּעְנוּ שְׁנֵינוּ אֲנַחְנוּ בְּשֵׁם יְהוָה לֵאמֹר יְהוָה יִהְיֶה ׀ בֵּינִי
וּבֵינֶךָ וּבֵין זַרְעִי וּבֵין זַרְעֲךָ עַד־עוֹלָם׃ *

לח׳ החצים קרי   מב׳ עד כאן

28 האָט יהוֹנָתָן געענטפערט שָׁאולן: אָפּבעטן האָט זיך אָפּגעבעטן דוד בײַ מיר קיין בֵּית־לֶחֶם; 29 און ער האָט געזאָגט: לאָז מיך גיין, איך בעט דיך, וואָרום אַן אָפּפער־שלאַכטונג פון דער משפּחה איז בײַ אונדז אין שטאָט, און מיין ברודער, ער האָט מיר באַפוילן; און אַצונד, אויב איך האָב געפונען לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן, לאָמיך, איך בעט דיך, זיך אַריבערכאַפּן, און זען מײַנע ברידער. דעריבער איז ער ניט געקומען צום מלכס טיש. 30 האָט געגרימט דער צאָרן פון שָׁאולן אויף יהוֹנָתָנען, און ער האָט צו אים געזאָגט: דו זון פון פאַרקערטער ווידער־שפּעניקייט, ווייס איך דען ניט, אַז דו האָסט אויסדער־ווײַלט דעם זון פון יִשַׁין, צו דײַן שאַנד און צו דער שאַנד פון דײַן מוטערס נאַקעטקייט? 31 וואָרום כּל־זמן דער זון פון יִשַׁין לעבט אויף דער ערד, וועסט דו און דײַן מלוכה ניט האָבן קיין באַשטאַנד. און אַצונד, שיק און נעם אים צו מיר, וואָרום טויט קומט אים. 32 האָט יהוֹנָתָן געענט־פערט זײַן פאָטער שָׁאולן, און האָט צו אים געזאָגט: פאַר־וואָס זאָל ער געטייט ווערן? וואָס האָט ער געטאָן?

33 האָט שָׁאול אַ וואָרף געטאָן אויף אים דעם שפּיז, אים צו טרעפן; און יהוֹנָתָן האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז באַשלאָסן בײַ זײַן פאָטער צו טייטן דודן.

34 איז יהוֹנָתָן אויפגעשטאַנען פון טיש אין גרימצאָרן; און ער האָט דעם צווייטן טאָג פון חודש ניט געגעסן קיין שפּײַז, ווײַל ער האָט זיך געקלעמט וועגן דודן, און ווײַל זײַן פאָטער האָט אים פאַרשעמט. 35 און עס איז געווען אין דער פרי, איז יהוֹנָתָן אַרויסגעגאַנגען אין פעלד, צו דער צײַט וואָס איז געווען אָפּגעמאַכט מיט דודן, און אַ קליין יִנגל איז געווען מיט אים. 36 און ער האָט געזאָגט צו זײַן יִנגל: לויף, געפין אַקאָרשט די פײַלן וואָס איך וואַרף. איז דער יִנגל געלאָפן, און ער האָט געוואָרפן אַ פײַל אים אַריבערצוויאָגן. 37 און ווי דער יִנגל איז צוגעקומען צו דעם אָרט פון דער פײַל וואָס יהוֹנָתָן האָט געוואָרפן, אַזוי האָט יהוֹנָתָן נאָכגערופן דעם יִנגל, און געזאָגט: די פײַל איז דאָך אַהינצו פון דיר. 38 און יהוֹנָתָן האָט נאָכגערופן דעם יִנגל: גיכער, אײַל זיך, זאָלסט זיך ניט אָפּשטעלן. און יהוֹנָתָנס יִנגל האָט אויפגעקליבן די פײַלן, און איז געקומען צו זײַן האַר.

39 און דער יִנגל האָט פון גאָרנישט געוווּסט, נאָר יהוֹנָתָן און דוד האָבן געוווּסט פון דער זאַך. 40 האָט יהוֹנָתָן גע־געבן זײַנע וואָפן צו זײַן יִנגל, און האָט צו אים געזאָגט: גיי, ברענג זיי אין שטאָט.

41 ווי דער יִנגל איז אַוועקגעגאַנגען, אַזוי איז דוד אויפגעשטאַנען פון דָרום־זײַט, און ער איז געפאַלן אויף זײַן פּנים צו דער ערד, און האָט זיך געבוקט דרײַ מאָל. און זיי האָבן געקושט איינער דעם אַנדערן, און געוויינט איינער מיטן אַנדערן, ביז דוד האָט איבערגעשטיגן.

42 און יהוֹנָתָן האָט געזאָגט צו דודן: גיי בשלום; [געדענק] וואָס מיר האָבן זיך ביידע געשוואָרן בײַם נאָמען פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: גאָט זאָל זײַן [אַן עדות] צווישן מיר און צווישן דיר, און צווישן מײַן זאָמען און צווישן דײַן זאָמען ביז אייביק.

# כא

1 און ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגע־
גאַנגען; און יהוֹנתן איז אַריין אין שטאָט.

2 און דוד איז געקומען קיין נוֹב צו אַחימֶלֶך דעם
כּהן, און אַחימֶלֶך האָט געאײַלט דודן אַנטקעגן, און האָט
צו אים געזאָגט: פֿאַרוואָס ביסטו אַליין, און קיינער איז
ניט מיט דיר? 3 האָט דוד געזאָגט צו אַחימֶלֶך דעם כּהן:
דער מלך האָט מיר באַפֿוילן אַ זאַך, און האָט צו מיר גע־
זאָגט: קיינער זאָל גאָרנישט וויסן פֿון דער זאַך וועגן וואָס
איך שיק דיך, און וואָס איך האָב דיר באַפֿוילן; און די
יונגען האָב איך באַשטעלט אין יענעם און יענעם אָרט.
4 און אַצונד, וואָס איז דאָ אונטער דײַן האַנט? גיב אין מײַן
האַנט אַ פֿינף ברויטן, אָדער וואָס עס געפֿינט זיך. 5 האָט
דער כּהן געענטפֿערט דודן, און האָט געזאָגט: וואָכעדיק
ברויט איז ניטאָ אונטער מײַן האַנט, נאָר בלויז הייליק
ברויט איז דאָ, אויב די יונגען האָבן זיך נאָר אָפּגעהיט פֿון
אַ ווײַב. 6 האָט דוד געענטפֿערט דעם כּהן, און האָט צו
אים געזאָגט: פֿאַרוואָר, אַ ווײַב איז פֿאַרמיטן פֿון אונדז
אַזוי ווי אַלע מאָל אַז איך גיי אַרויס; און די כּלים פֿון די
יונגען ווערן געהאַלטן הייליק; און דאָס איז דער שטייגער
מיט וואָכעדיקן, און ווי שוין הײַנט, אַז הייליקס וועט זײַן
אין דער כּלי!

7 האָט אים דער כּהן געגעבן הייליקס; וואָרום
דאָרטן איז ניט געווען קיין ברויט, נאָר בלויז דאָס ברויט
פֿון אָנגעזיכט וואָס איז אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון פֿאַר
גאָט, כּדי אַוועקצולייגן וואַרעם ברויט, אין דעם טאָג וואָס עס איז אַוועקגענומען געוואָרן.
8 און דאָרטן איז געווען אַ מאַן פֿון שָאולס קנעכט אין יענעם טאָג וואָס האָט זיך אויפֿגעהאַלטן פֿאַר גאָט, און זײַן
נאָמען איז געווען דוֹאֵג דער אֲדוֹמי, דער הויפּט פֿון די פּאַסטוכער וואָס בײַ שָאולן.
9 און דוד האָט געזאָגט צו אַחימֶלֶכן: און איז ניטאָ דאָ אונטער דײַן האַנט אַ שפּיז אָדער אַ שווערד? וואָרום אַפֿילו
מײַן שווערד, און אַפֿילו מײַנע וואָפֿן, האָב איך ניט מיטגענומען מיט זיך, ווײַל די זאַך פֿון דעם מלך איז געווען אײַליק.
10 האָט דער כּהן געזאָגט: די שווערד פֿון גָלְיַת דעם פּלשתּי וואָס דו האָסט געשלאָגן אין טאָל אֵלָה, אָט איז זי אײַנגע־
וויקלט אין אַ טוך הינטער דעם אֵפוֹד; אויב דו ווילסט זי דיר נעמען, נעם, וואָרום קיין אַנדערע חוץ איר איז דאָ ניטאָ.
11 האָט דוד געזאָגט: ניטאָ איר גלײַכן; גיב זי מיר.

11 און דוד איז אויפֿגעשטאַנען, און איז אַנטלאָפֿן אין יענעם טאָג פֿון שָאולן, און איז געקומען צו אָכיש דעם מלך
פֿון גַת.
12 האָבן די קנעכט פֿון אָכישן געזאָגט צו אים: איז דאָס ניט דוד דער מלך פֿון לאַנד? האָט מען ניט אויף דעם־
דאָזיקן געזונגען מיט טענץ, אַזוי צו זאָגן:

שָאול האָט געשלאָגן אין זײַנע טויזנטן,
און דוד אין זײַנע צענטויזנטן?

13 האָט דוד זיך אַרײַנגענומען דידאָזיקע ווערטער אין האַרצן, און ער האָט זייער מורא געהאַט פֿאַר

## כא

א וַיָּקָם וַיֵּלַךְ וִיהוֹנָתָן בָּא הָעִיר׃ ב וַיָּבֹא דָוִד נֹבֶה אֶל־
אֲחִימֶלֶךְ הַכֹּהֵן וַיֶּחֱרַד אֲחִימֶלֶךְ לִקְרַאת דָּוִד וַיֹּאמֶר
ג לוֹ מַדּוּעַ אַתָּה לְבַדֶּךָ וְאִישׁ אֵין אִתָּךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד
לַאֲחִימֶלֶךְ הַכֹּהֵן הַמֶּלֶךְ צִוַּנִי דָבָר וַיֹּאמֶר אֵלַי אִישׁ אַל־
יֵדַע מְאוּמָה אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר־אָנֹכִי שֹׁלֵחֲךָ וַאֲשֶׁר צִוִּיתִךָ
ד וְאֶת־הַנְּעָרִים יוֹדַעְתִּי אֶל־מְקוֹם פְּלֹנִי אַלְמֹנִי׃ וְעַתָּה מַה־
יֵּשׁ תַּחַת־יָדְךָ חֲמִשָּׁה־לֶחֶם תְּנָה בְיָדִי אוֹ הַנִּמְצָא׃
ה וַיַּעַן הַכֹּהֵן אֶת־דָּוִד וַיֹּאמֶר אֵין־לֶחֶם חֹל אֶל־תַּחַת יָדִי
כִּי־אִם־לֶחֶם קֹדֶשׁ יֵשׁ אִם־נִשְׁמְרוּ הַנְּעָרִים אַךְ מֵאִשָּׁה׃
ו וַיַּעַן דָּוִד אֶת־הַכֹּהֵן וַיֹּאמֶר לוֹ כִּי אִם־אִשָּׁה עֲצֻרָה־
לָנוּ כִּתְמוֹל שִׁלְשֹׁם בְּצֵאתִי וַיִּהְיוּ כְלֵי־הַנְּעָרִים קֹדֶשׁ וְהוּא
ז דֶּרֶךְ חֹל וְאַף כִּי־הַיּוֹם יִקְדַּשׁ בַּכֶּלִי׃ וַיִּתֶּן־לוֹ הַכֹּהֵן קֹדֶשׁ
כִּי לֹא־הָיָה שָׁם לֶחֶם כִּי־אִם־לֶחֶם הַפָּנִים הַמּוּסָרִים
ח מִלִּפְנֵי יְהוָה לָשׂוּם לֶחֶם חֹם בְּיוֹם הִלָּקְחוֹ׃ וְשָׁם אִישׁ
מֵעַבְדֵי שָׁאוּל בַּיּוֹם הַהוּא נֶעְצָר לִפְנֵי יְהוָה וּשְׁמוֹ דֹּאֵג
ט הָאֲדֹמִי אַבִּיר הָרֹעִים אֲשֶׁר לְשָׁאוּל׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד
לַאֲחִימֶלֶךְ וְאִין יֶשׁ־פֹּה תַחַת־יָדְךָ חֲנִית אוֹ־חָרֶב כִּי גַם־
חַרְבִּי וְגַם־כֵּלַי לֹא־לָקַחְתִּי בְיָדִי כִּי־הָיָה דְבַר־הַמֶּלֶךְ
י נָחוּץ׃ וַיֹּאמֶר הַכֹּהֵן חֶרֶב גָּלְיָת הַפְּלִשְׁתִּי אֲשֶׁר־
הִכִּיתָ ׀ בְּעֵמֶק הָאֵלָה הִנֵּה־הִיא לוּטָה בַשִּׂמְלָה אַחֲרֵי
הָאֵפוֹד אִם־אֹתָהּ תִּקַּח־לְךָ קָח כִּי אֵין אַחֶרֶת זוּלָתָהּ
יא בָּזֶה ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֵין כָּמוֹהָ תְּנֶנָּה לִּי׃ וַיָּקָם
דָּוִד וַיִּבְרַח בַּיּוֹם־הַהוּא מִפְּנֵי שָׁאוּל וַיָּבֹא אֶל־אָכִישׁ
יב מֶלֶךְ גַּת׃ וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי אָכִישׁ אֵלָיו הֲלוֹא־זֶה דָוִד
מֶלֶךְ הָאָרֶץ הֲלוֹא לָזֶה יַעֲנוּ בַמְּחֹלוֹת לֵאמֹר הִכָּה שָׁאוּל
יג בַּאֲלָפָו וְדָוִד בְּרִבְבֹתָו׃ וַיָּשֶׂם דָּוִד אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה

---

ט׳ כצ״ל   י׳ קמץ בז״ק   הכ׳ בפתח   פסקא באמצע פסוק   יא׳ פתח בס״פ
יב׳ באלפו קרי   ברבבתו קרי

בְּלִבָבוֹ וַיִּרָא מְאֹד מִפְּנֵי אָכִישׁ מֶלֶךְ־גַּת׃ וַיְשַׁנּוֹ אֶת־ יד
טַעְמוֹ בְּעֵינֵיהֶם וַיִּתְהֹלֵל בְּיָדָם וַיְתָו עַל־דַּלְתוֹת הַשַּׁעַר
וַיּוֹרֶד רִירוֹ אֶל־זְקָנוֹ׃ וַיֹּאמֶר אָכִישׁ אֶל־עֲבָדָיו טו
הִנֵּה תִרְאוּ אִישׁ מִשְׁתַּגֵּעַ לָמָּה תָּבִיאוּ אֹתוֹ אֵלָי׃ חֲסַר טז
מְשֻׁגָּעִים אָנִי כִּי־הֲבֵאתֶם אֶת־זֶה לְהִשְׁתַּגֵּעַ עָלָי הֲזֶה
יָבוֹא אֶל־בֵּיתִי׃

כב

וַיֵּלֶךְ דָּוִד מִשָּׁם וַיִּמָּלֵט אֶל־מְעָרַת עֲדֻלָּם וַיִּשְׁמְעוּ אֶחָיו א
וְכָל־בֵּית אָבִיו וַיֵּרְדוּ אֵלָיו שָׁמָּה׃ וַיִּתְקַבְּצוּ אֵלָיו כָּל־ ב
אִישׁ מָצוֹק וְכָל־אִישׁ אֲשֶׁר־לוֹ נֹשֶׁא וְכָל־אִישׁ מַר־נֶפֶשׁ
וַיְהִי עֲלֵיהֶם לְשָׂר וַיִּהְיוּ עִמּוֹ כְּאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ׃ וַיֵּלֶךְ ג
דָּוִד מִשָּׁם מִצְפֵּה מוֹאָב וַיֹּאמֶר ׀ אֶל־מֶלֶךְ מוֹאָב יֵצֵא־
נָא אָבִי וְאִמִּי אִתְּכֶם עַד אֲשֶׁר אֵדַע מַה־יַּעֲשֶׂה־לִּי
אֱלֹהִים׃ וַיַּנְחֵם אֶת־פְּנֵי מֶלֶךְ מוֹאָב וַיֵּשְׁבוּ עִמּוֹ כָּל־יְמֵי ד
הֱיוֹת־דָּוִד בַּמְּצוּדָה׃ וַיֹּאמֶר גָּד הַנָּבִיא אֶל־דָּוִד לֹא תֵשֵׁב ה
בַּמְּצוּדָה לֵךְ וּבָאתָ־לְּךָ אֶרֶץ יְהוּדָה וַיֵּלֶךְ דָּוִד וַיָּבֹא יַעַר
חָרֶת׃ וַיִּשְׁמַע שָׁאוּל כִּי נוֹדַע דָּוִד וַאֲנָשִׁים אֲשֶׁר ו
אִתּוֹ וְשָׁאוּל יוֹשֵׁב בַּגִּבְעָה תַּחַת־הָאֶשֶׁל בָּרָמָה וַחֲנִיתוֹ
בְיָדוֹ וְכָל־עֲבָדָיו נִצָּבִים עָלָיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לַעֲבָדָיו ז
הַנִּצָּבִים עָלָיו שִׁמְעוּ־נָא בְּנֵי יְמִינִי גַּם־לְכֻלְּכֶם יִתֵּן בֶּן־
יִשַׁי שָׂדוֹת וּכְרָמִים לְכֻלְּכֶם יָשִׂים שָׂרֵי אֲלָפִים וְשָׂרֵי
מֵאוֹת׃ כִּי קְשַׁרְתֶּם כֻּלְּכֶם עָלַי וְאֵין־גֹּלֶה אֶת־אָזְנִי בִּכְרָת־ ח
בְּנִי עִם־בֶּן־יִשַׁי וְאֵין־חֹלֶה מִכֶּם עָלַי וְגֹלֶה אֶת־אָזְנִי כִּי
הֵקִים בְּנִי אֶת־עַבְדִּי עָלַי לְאֹרֵב כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וַיַּעַן ט
דֹּאֵג הָאֲדֹמִי וְהוּא נִצָּב עַל־עַבְדֵי־שָׁאוּל וַיֹּאמַר רָאִיתִי
אֶת־בֶּן־יִשַׁי בָּא נֹבֶה אֶל־אֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֲחִטוּב׃ וַיִּשְׁאַל־לוֹ י
בַּיהוָה וְצֵידָה נָתַן לוֹ וְאֵת חֶרֶב גָּלְיָת הַפְּלִשְׁתִּי נָתַן לוֹ׃

כא, יג׳ פתח בס״פ   כב, ה׳ נ״א אל־ארץ

אָכיש דעם מלך פון גַת. [14] האָט ער געביטן זיין שׂכל פאַר זייערע אויגן, און האָט זיך משוגע געמאַכט פאַר זיי, און האָט געצייכנט אויף די טירן פון טויער, און געלאָזט רינען זיין שפייעכץ אויף זיין באָרד. [15] האָט אָכיש געזאָגט צו זיינע קנעכט: אַז איר זעט אַ מענטש איז משוגע, נאָך וואָס ברענגט איר אים צו מיר? [16] צי פעלן מיר משוגעים, וואָס איר האָט מיר געבראַכט דעמדאָזיקן צו זיין משוגע ביי מיר? זאָל דערדאָזיקער קומען אין מיין הויז?

## כב

[1] און דוד איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן, און איז אַנטרונען געוואָרן צו דער הייל פון עֲדוּלָם. האָבן דערהערט זיינע ברידער און דאָס גאַנצע הויז פון זיין פאָטער, און זיי האָבן אַראָפּגענידערט אַהין צו אים.

[2] און עס האָבן זיך אויפגעקליבן צו אים ווו נאָר אַ מענטש אַ געדריקטער, און ווו נאָר אַ מענטש וואָס האָט אַ בעל־חוב, און ווו נאָר אַ מענטש מיט אַ ביטער געמיט; און ער איז געוואָרן פאַר אַ הויפּטמאַן איבער זיי. און עס זיינען געווען מיט אים אַרום פיר הונדערט מאַן.

[3] און דוד איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן קיין מִצְפֵּה־מוֹאָב, און ער האָט געזאָגט צום מלך פון מוֹאָב: זאָל, איך בעט דיך, אַרויסקומען מיין פאָטער און מיין מוטער צו זיין ביי אייך, ביז וואַנען איך וועל וויסן וואָס גאָט וועט טאָן מיט מיר.

[4] און ער האָט זיי געבראַכט צו פירן פאַר דעם מלך פון מוֹאָב, און זיי זיינען געזעסן ביי אים אַלע טעג וואָס דוד איז געווען אין דער באַרגפעסטונג.

[5] און גָד דער נביא האָט געזאָגט צו דודן: זאָלסט ניט זיצן אין דער באַרגפעסטונג; קום, און זאָלסט גיין אין לאַנד יהודה. איז דוד געגאַנגען, און ער איז געקומען אין וואַלד חֶרֶת.

[6] האָט געהערט שָאוּל, אַז דוד און די מענטשן וואָס מיט אים זיינען אויסגעפונען געוואָרן; און שָאוּל איז געזעסן אין גִבְעָה, אונטער דעם טאַמאַריסקנבוים אין רָמָה, מיט זיין שפּיז אין זיין האַנט; און אַלע זיינע קנעכט זיינען געשטאַנען לעבן אים. [7] האָט שָאוּל געזאָגט צו זיינע קנעכט וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים: הערט אַקאָרשט, איר בנימינער, וועט דען דער זון פון יִשַי אייך אַלעמען געבן פעלדער און וויינגאָרטנער, וועט ער אייך אַלעמען מאַכן פאַר הויפּט־לייט פון טויזנט, און הויפּטלייט פון הונדערט, [8] וואָס איר האָט אַלע געמאַכט אַ בונט אויף מיר, און קיינער אַנטפּלעקט ניט מיין אויער, ווען מיין זון שליסט אַ בונד מיט דעם זון פון יִשַי, און קיינער ניט פון אייך קימערט זיך אום מיר און אַנטפּלעקט מיין אויער, אַז מיין זון האָט אָנגעשטעלט מיין קנעכט אויף מיר פאַר אַ לויערער, אַזוי ווי היינטיקן טאָג? [9] האָט זיך אָפּגערופן דוֹאֵג דער אַדוֹמי, וואָס איז געשטאַנען מיט די קנעכט פון שָאוּלן, און ער האָט געזאָגט: איך האָב געזען דעם זון פון יִשַי קומען קיין נוֹב צו אַחימֶלֶך דעם זון פון אַחיטובן. [10] און ער האָט געפרעגט פאַר אים ביי גאָט; אויך צערונג האָט ער אים געגעבן, און די שווערד פון גָלְיַת דעם פּלשתי האָט ער אים געגעבן.

11 האָט דער מלך געשיקט רופן אַחימֶלֶך דעם זון
פון אַחיטוב דעם כּהן, און דאָס גאַנצע הויז פון זיין
פאָטער, די כּהנים וואָס אין נוב; און זיי זיינען אַלע גע־
קומען צום מלך. 12 האָט שָאול געזאָגט: הער אַקאָרשט,
דו זון פון אַחיטובן. האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך, מיין
האַר. 13 האָט שָאול צו אים געזאָגט: פאַרוואָס האָט איר
געמאַכט אַ בונט אויף מיר, דו און דער זון פון יִשַין, ווען
דו האָסט אים געגעבן ברויט און אַ שווערד, און געפרעגט
פאַר אים ביי גאָט, כּדי ער זאָל אויפשטיין קעגן מיר פאַר
אַ לויערער, אַזוי ווי היינטיקן טאָג? 14 האָט אַחימֶלֶך גע־
ענטפערט דעם מלך, און האָט געזאָגט: און ווער צווישן
אַלע דיינע קנעכט איז באַגלויבט ווי דוד, וואָס איז דעם
מלכס איידים, און דער האַר איבער דיין לייבוואַך, און
אָנגעזען אין דיין הויז? 15 האָב איך דען היינט אָנגעהויבן
פרעגן פאַר אים ביי גאָט? באַהיט זאָל איך זיין! זאָל דער
מלך ניט אַרויפלייגן אַ חשד אויף זיין קנעכט, אויף דעם
גאַנצן הויז פון מיין פאָטער, וואָרום דיין קנעכט האָט פון
דעם אַלעם ניט געוווּסט קיין זאַך, קליין אָדער גרויס.
16 האָט דער מלך געזאָגט: שטאַרבן מוזטו שטאַרבן,
אַחימֶלֶך, דו און דאָס גאַנצע הויז פון דיין פאָטער.
17 און דער מלך האָט געזאָגט צו די לויפערס וואָס
זיינען געשטאַנען לעבן אים: דרייט אַייך אום, און טייט
די כּהנים פון גאָט, ווייל אויך זייער האַנט איז געווען מיט
דודן, און ווייל זיי האָבן געוווּסט אַז ער אַנטלויפט, און האָבן ניט אַנטפּלעקט מיין אויער. אָבער די קנעכט פון
מלך האָבן ניט געוואָלט אויסשטרעקן זייער האַנט אָנצופאַלן אויף די כּהנים פון גאָט. 18 האָט דער מלך געזאָגט
צו דואֵגן: דריי זיך דו אום, און פאַל־צו אויף די כּהנים. האָט דוֹאֵג דער אַדומי זיך אומגעדרייט, און ער איז אָנגע־
פאַלן אויף די כּהנים, און האָט געטייט אין יענעם טאָג פינף און אַכציק מאַן וואָס האָבן געטראָגן אַ ליינענעם אֵפוד.
19 און נוב די שטאָט פון די כּהנים האָט ער געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, פון אַ מאַן און ביז אַ פרוי, פון אַ קינד
און ביז אַ זויגעדיקן, און אַן אָקס און אַן אייזל און אַ שעפּס, מיטן שאַרף פון שווערד.
20 און איין זון פון אַחימֶלֶך דעם זון פון אַחיטובן, וואָס זיין נאָמען איז געווען אֶביָתָר, איז אַנטרונען געוואָרן, און איז
אַנטלאָפן נאָך דודן. 21 און אֶביָתָר האָט דערציילט דודן, אַז שָאול האָט געהרגעט די כּהנים פון גאָט. 22 האָט דוד גע־
זאָגט צו אֶביָתָרן: איך האָב געוווּסט אין יענעם טאָג, אויב דוֹאֵג דער אַדומי איז דאָרטן, אַז דערציילן וועט ער דער־
ציילן שָאולן. איך בין געווען די סיבה אין דעם טויט פון אַלע נפשות פון דיין פאָטערס הויז. 23 זיץ ביי מיר, זאָלסט ניט
מורא האָבן; וואָרום נאָר דער וואָס וועט זוכן מיין לעבן, וועט זוכן דיין לעבן; ווייל אָפגעהיט וועסטו זיין ביי מיר.

יא וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ לִקְרֹא אֶת־אֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֲחִיטוּב הַכֹּהֵן וְאֵת
כָּל־בֵּית אָבִיו הַכֹּהֲנִים אֲשֶׁר בְּנֹב וַיָּבֹאוּ כֻלָּם אֶל־הַמֶּלֶךְ׃
יב וַיֹּאמֶר שָׁאוּל שְׁמַע־נָא בֶּן־אֲחִיטוּב וַיֹּאמֶר הִנְנִי אֲדֹנִי׃
יג וַיֹּאמֶר אֵלָו שָׁאוּל לָמָּה קְשַׁרְתֶּם עָלַי אַתָּה וּבֶן־יִשָׁי בְּתִתְּךָ
לוֹ לֶחֶם וְחֶרֶב וְשָׁאוֹל לוֹ בֵּאלֹהִים לָקוּם אֵלַי לְאֹרֵב כַּיּוֹם
יד הַזֶּה׃ וַיַּעַן אֲחִימֶלֶךְ אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמַר וּמִי בְכָל־
עֲבָדֶיךָ כְּדָוִד נֶאֱמָן וַחֲתַן הַמֶּלֶךְ וְסָר אֶל־מִשְׁמַעְתֶּךָ
טו וְנִכְבָּד בְּבֵיתֶךָ׃ הַיּוֹם הַחִלֹּתִי לִשְׁאָל־לוֹ בֵאלֹהִים חָלִילָה
לִּי אַל־יָשֵׂם הַמֶּלֶךְ בְּעַבְדּוֹ דָבָר בְּכָל־בֵּית אָבִי כִּי לֹא־
טז יָדַע עַבְדְּךָ בְּכָל־זֹאת דָּבָר קָטֹן אוֹ גָדוֹל׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
יז מוֹת תָּמוּת אֲחִימֶלֶךְ אַתָּה וְכָל־בֵּית אָבִיךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
לָרָצִים הַנִּצָּבִים עָלָיו סֹבּוּ וְהָמִיתוּ ׀ כֹּהֲנֵי יְהוָה כִּי גַם־
יָדָם עִם־דָּוִד וְכִי יָדְעוּ כִּי־בֹרֵחַ הוּא וְלֹא גָלוּ אֶת־אָזְנוֹ
וְלֹא־אָבוּ עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ לִשְׁלֹחַ אֶת־יָדָם לִפְגֹעַ בְּכֹהֲנֵי
יח יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְדוֹיֵג סֹב אַתָּה וּפְגַע בַּכֹּהֲנִים
וַיִּסֹּב דּוֹיֵג הָאֲדֹמִי וַיִּפְגַּע הוּא בַּכֹּהֲנִים וַיָּמֶת ׀ בַּיּוֹם
יט הַהוּא שְׁמֹנִים וַחֲמִשָּׁה אִישׁ נֹשֵׂא אֵפוֹד בָּד׃ וְאֵת נֹב
עִיר־הַכֹּהֲנִים הִכָּה לְפִי־חֶרֶב מֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה מֵעוֹלֵל
כ וְעַד־יוֹנֵק וְשׁוֹר וַחֲמוֹר וָשֶׂה לְפִי־חָרֶב׃ וַיִּמָּלֵט בֵּן־אֶחָד
כא לַאֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֲחִטוּב וּשְׁמוֹ אֶבְיָתָר וַיִּבְרַח אַחֲרֵי דָוִד׃ וַיַּגֵּד
כב אֶבְיָתָר לְדָוִד כִּי הָרַג שָׁאוּל אֵת כֹּהֲנֵי יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד
לְאֶבְיָתָר יָדַעְתִּי בַּיּוֹם הַהוּא כִּי־שָׁם דּוֹיֵג הָאֲדֹמִי כִּי־הַגֵּד
כג יַגִּיד לְשָׁאוּל אָנֹכִי סַבֹּתִי בְּכָל־נֶפֶשׁ בֵּית אָבִיךָ׃ שְׁבָה
אִתִּי אַל־תִּירָא כִּי אֲשֶׁר־יְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשִׁי יְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשֶׁךָ
כִּי־מִשְׁמֶרֶת אַתָּה עִמָּדִי׃

## כג

א וַיַּגִּדוּ לְדָוִד לֵאמֹר הִנֵּה פְלִשְׁתִּים נִלְחָמִים בִּקְעִילָה

כב, יג׳ אליו ק׳ טו׳ יתיר ו יז׳ אזני ק׳ יח׳ לדואג ק׳ דואג קרי
כ׳ צרי בסמך כב׳ דואג קרי

## כג

1 האָט מען אָנגעזאָגט דודן, אַזוי צו זאָגן: זע, די פּלשתּים האַלטן מלחמה אויף קעִילָה, און זיי רויבן די שייערן.

וְהֵמָּה שֹׁסִים אֶת־הַגֳּרָנוֹת׃ וַיִּשְׁאַל דָּוִד בַּיהוָה לֵאמֹר ב
הַאֵלֵךְ וְהִכֵּיתִי בַּפְּלִשְׁתִּים הָאֵלֶּה וַיֹּאמֶר יְהוָה
אֶל־דָּוִד לֵךְ וְהִכִּיתָ בַפְּלִשְׁתִּים וְהוֹשַׁעְתָּ אֶת־קְעִילָה׃
וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי דָוִד אֵלָיו הִנֵּה אֲנַחְנוּ פֹה בִּיהוּדָה יְרֵאִים ג
וְאַף כִּי־נֵלֵךְ קְעִלָה אֶל־מַעַרְכוֹת פְּלִשְׁתִּים׃ וַיּוֹסֶף ד
עוֹד דָּוִד לִשְׁאוֹל בַּיהוָה וַיַּעֲנֵהוּ יְהוָה וַיֹּאמֶר קוּם רֵד
קְעִילָה כִּי־אֲנִי נֹתֵן אֶת־פְּלִשְׁתִּים בְּיָדֶךָ׃ וַיֵּלֶךְ דָּוִד וַאֲנָשָׁו ה
קְעִילָה וַיִּלָּחֶם בַּפְּלִשְׁתִּים וַיִּנְהַג אֶת־מִקְנֵיהֶם וַיַּךְ בָּהֶם
מַכָּה גְדוֹלָה וַיֹּשַׁע דָּוִד אֵת יֹשְׁבֵי קְעִילָה׃ וַיְהִי בִּבְרֹחַ ו
אֶבְיָתָר בֶּן־אֲחִימֶלֶךְ אֶל־דָּוִד קְעִילָה אֵפוֹד יָרַד בְּיָדוֹ׃
וַיֻּגַּד לְשָׁאוּל כִּי־בָא דָוִד קְעִילָה וַיֹּאמֶר שָׁאוּל נִכַּר אֹתוֹ ז
אֱלֹהִים בְּיָדִי כִּי נִסְגַּר לָבוֹא בְּעִיר דְּלָתַיִם וּבְרִיחַ׃
וַיְשַׁמַּע שָׁאוּל אֶת־כָּל־הָעָם לַמִּלְחָמָה לָרֶדֶת קְעִילָה ח
לָצוּר אֶל־דָּוִד וְאֶל־אֲנָשָׁיו׃ וַיֵּדַע דָּוִד כִּי עָלָיו שָׁאוּל ט
מַחֲרִישׁ הָרָעָה וַיֹּאמֶר אֶל־אֶבְיָתָר הַכֹּהֵן הַגִּישָׁה הָאֵפוֹד׃
וַיֹּאמֶר דָּוִד יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל שָׁמֹעַ שָׁמַע עַבְדְּךָ י
כִּי־מְבַקֵּשׁ שָׁאוּל לָבוֹא אֶל־קְעִילָה לְשַׁחֵת לָעִיר בַּעֲבוּרִי׃
הֲיַסְגִּרֻנִי בַעֲלֵי קְעִילָה בְיָדוֹ הֲיֵרֵד שָׁאוּל כַּאֲשֶׁר שָׁמַע יא
עַבְדֶּךָ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הַגֶּד־נָא לְעַבְדֶּךָ וַיֹּאמֶר
יְהוָה יֵרֵד׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד הֲיַסְגִּרוּ בַּעֲלֵי קְעִילָה אֹתִי יב
וְאֶת־אֲנָשַׁי בְּיַד־שָׁאוּל וַיֹּאמֶר יְהוָה יַסְגִּירוּ׃ וַיָּקָם דָּוִד יג
וַאֲנָשָׁיו כְּשֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ וַיֵּצְאוּ מִקְּעִלָה וַיִּתְהַלְּכוּ בַּאֲשֶׁר
יִתְהַלָּכוּ וּלְשָׁאוּל הֻגַּד כִּי־נִמְלַט דָּוִד מִקְּעִילָה וַיֶּחְדַּל
לָצֵאת׃ וַיֵּשֶׁב דָּוִד בַּמִּדְבָּר בַּמְּצָדוֹת וַיֵּשֶׁב בָּהָר בְּמִדְבַּר־ יד
זִיף וַיְבַקְשֵׁהוּ שָׁאוּל כָּל־הַיָּמִים וְלֹא־נְתָנוֹ אֱלֹהִים בְּיָדוֹ׃
וַיַּרְא דָוִד כִּי־יָצָא שָׁאוּל לְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשׁוֹ וְדָוִד בְּמִדְבַּר־ טו
זִיף בַּחֹרְשָׁה׃ וַיָּקָם יְהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל וַיֵּלֶךְ אֶל־דָּוִד טז

ב׳ פסקא באמצע פסוק ה׳ ואנשו ק׳ יא׳ פסקא באמצע פסוק

[2] האָט דוד געפרעגט בײַ גאָט, אַזוי צו זאָגן: זאָל איך גײן, און שלאָגן די דאָזיקע פּלשתּים? האָט גאָט געזאָגט צו דודן: גײ, און זאָלסט שלאָגן די פּלשתּים, און העלפֿן קעִילָה.

[3] האָבן די מענטשן פֿון דודן צו אים געזאָגט: זע, דאָ אין יהודה זײַנען מיר אין מורא, הײַנט װי שױן אַז מיר װעלן גײן קײן קעִילָה, אַקעגן די רײען פֿון די פּלשתּים?

[4] האָט דוד װידער געפרעגט בײַ גאָט, און גאָט האָט אים געענטפֿערט און געזאָגט: שטײ אױף, נידער אַראָפּ קײן קעִילָה, װאָרום איך גיב די פּלשתּים אין דײַן האַנט.

[5] איז געגאַנגען דוד און זײַנע מענטשן קײן קעִילָה, און האָט מלחמה געהאַלטן אױף די פּלשתּים, און אַװעקגעפֿירט זײערע פֿי, און געשלאָגן צװישן זײ אַ גרױסן שלאַק. און דוד האָט געהאָלפֿן די באַװױנער פֿון קעִילָה.

[6] און עס איז געװען, אַז אֶבְיָתָר דער זון פֿון אַחימֶלֶכן איז אַנטלאָפֿן צו דודן קײן קעִילָה, האָט ער אַראָפּגענידערט מיטן אֵפוד אין זײַן האַנט.

[7] איז אָנגעזאָגט געװאָרן שָאולן, אַז דוד איז געקומען קײן קעִילָה, און שָאול האָט געזאָגט: גאָט האָט אים איבערגעענטפֿערט אין מײַן האַנט, װאָרום ער האָט זיך אַלײן אײַנגעשלאָסן דורך קומען אין אַ שטאָט מיט טירן און ריגלען. [8] און שָאול האָט צונױפֿגערופֿן דאָס גאַנצע פֿאָלק אױף מלחמה, צו נידערן אױף קעִילָה, צו לעגערן אױף דודן און אױף זײַנע מענטשן.

[9] האָט דוד זיך דערװוּסט, אַז שָאול טראַכט קעגן אים שלעכטס, און ער האָט געזאָגט צו אֶבְיָתָר דעם כּהן: גענען דעם אֵפוד. [10] און דוד האָט געזאָגט: יהוה דו גאָט פֿון ישׂראל, הערן האָט געהערט דײַן קנעכט, אַז שָאול װיל קומען קײן קעִילָה, צו צעשטערן די שטאָט פֿון מײַנעטװעגן. [11] װעלן די מענער פֿון קעִילָה מיך איבערענטפֿערן אין זײַן האַנט? װעט שָאול אַראָפּנידערן, אַזױ װי דײַן קנעכט האָט געהערט? יהוה דו גאָט פֿון ישׂראל, זאָג, איך בעט דיך, צו דײַן קנעכט. האָט גאָט געזאָגט: ער װעט אַראָפּנידערן. [12] האָט דוד געזאָגט: װעלן די מענער פֿון קעִילָה איבערענטפֿערן מיך און מײַנע מענטשן אין דער האַנט פֿון שָאולן? האָט גאָט געזאָגט: זײ װעלן איבערענטפֿערן.

[13] איז דוד אױפֿגעשטאַנען מיט זײַנע מענטשן, אַרום זעקס הונדערט מאַן, און זײ זײַנען אַרױס פֿון קעִילָה, און זײַנען געגאַנגען װוּ זײ האָט זיך געמאַכט.

איז שָאולן אָנגעזאָגט געװאָרן, אַז דוד איז אַנטרונען געװאָרן פֿון קעִילָה; און ער האָט זיך פֿאַרמיטן פֿון אַרױסצוגײן.

[14] און דוד איז געזעסן אין מדבר, אין די פֿעסטונגען; און ער איז געזעסן אױפֿן באַרג אין מדבר זיף. און שָאול האָט אַלע טאָג געזוכט, אָבער גאָט האָט אים ניט געגעבן אין זײַן האַנט. [15] און דוד האָט געזען, אַז שָאול איז אַרױסגעגאַנגען זוכן זײַן לעבן; און דוד איז געװען אין מדבר זיף, אין חורשָה.

[16] און יהוֹנָתָן דער זון פֿון שָאולן איז אױפֿגעשטאַנען, און איז געגאַנגען צו דודן קײן חורשָה, און ער האָט

יז חָרְשָׁה וַיְחַזֵּק אֶת־יָדוֹ בֵּאלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַל־תִּירָא
כִּי לֹא תִמְצָאֲךָ יַד־שָׁאוּל אָבִי וְאַתָּה תִּמְלֹךְ עַל־יִשְׂרָאֵל
יח וְאָנֹכִי אֶהְיֶה־לְּךָ לְמִשְׁנֶה וְגַם־שָׁאוּל אָבִי יֹדֵעַ כֵּן׃ וַיִּכְרְתוּ
שְׁנֵיהֶם בְּרִית לִפְנֵי יְהוָה וַיֵּשֶׁב דָּוִד בַּחֹרְשָׁה וִיהוֹנָתָן
יט הָלַךְ לְבֵיתוֹ׃ וַיַּעֲלוּ זִפִים אֶל־שָׁאוּל הַגִּבְעָתָה
לֵאמֹר הֲלוֹא דָוִד מִסְתַּתֵּר עִמָּנוּ בַמְּצָדוֹת בַּחֹרְשָׁה
כ בְּגִבְעַת הַחֲכִילָה אֲשֶׁר מִימִין הַיְשִׁימוֹן׃ וְעַתָּה לְכָל־אַוַּת
כא נַפְשְׁךָ הַמֶּלֶךְ לָרֶדֶת רֵד וְלָנוּ הַסְגִּירוֹ בְּיַד הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר
כב שָׁאוּל בְּרוּכִים אַתֶּם לַיהוָה כִּי חֲמַלְתֶּם עָלָי׃ לְכוּ־נָא
הָכִינוּ עוֹד וּדְעוּ וּרְאוּ אֶת־מְקוֹמוֹ אֲשֶׁר תִּהְיֶה רַגְלוֹ מִי
כג רָאָהוּ שָׁם כִּי אָמַר אֵלַי עָרוֹם יַעְרִם הוּא׃ וּרְאוּ וּדְעוּ מִכֹּל
הַמַּחֲבֹאִים אֲשֶׁר יִתְחַבֵּא שָׁם וְשַׁבְתֶּם אֵלַי אֶל־נָכוֹן
וְהָלַכְתִּי אִתְּכֶם וְהָיָה אִם־יֶשְׁנוֹ בָאָרֶץ וְחִפַּשְׂתִּי אֹתוֹ בְּכֹל
כד אַלְפֵי יְהוּדָה׃ וַיָּקוּמוּ וַיֵּלְכוּ זִיפָה לִפְנֵי שָׁאוּל וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו
כה בְּמִדְבַּר מָעוֹן בָּעֲרָבָה אֶל יְמִין הַיְשִׁימוֹן׃ וַיֵּלֶךְ שָׁאוּל
וַאֲנָשָׁיו לְבַקֵּשׁ וַיַּגִּדוּ לְדָוִד וַיֵּרֶד הַסֶּלַע וַיֵּשֶׁב בְּמִדְבַּר
מָעוֹן וַיִּשְׁמַע שָׁאוּל וַיִּרְדֹּף אַחֲרֵי־דָוִד מִדְבַּר מָעוֹן׃
כו וַיֵּלֶךְ שָׁאוּל מִצַּד הָהָר מִזֶּה וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו מִצַּד הָהָר מִזֶּה
וַיְהִי דָוִד נֶחְפָּז לָלֶכֶת מִפְּנֵי שָׁאוּל וְשָׁאוּל וַאֲנָשָׁיו עֹטְרִים
כז אֶל־דָּוִד וְאֶל־אֲנָשָׁיו לְתָפְשָׂם׃ וּמַלְאָךְ בָּא אֶל־שָׁאוּל
כח לֵאמֹר מַהֲרָה וְלֵכָה כִּי־פָשְׁטוּ פְלִשְׁתִּים עַל־הָאָרֶץ׃ וַיָּשָׁב
שָׁאוּל מִרְדֹף אַחֲרֵי דָוִד וַיֵּלֶךְ לִקְרַאת פְּלִשְׁתִּים עַל־כֵּן
כט קָרְאוּ לַמָּקוֹם הַהוּא סֶלַע הַמַּחְלְקוֹת׃ · וַיַּעַל דָּוִד מִשָּׁם
וַיֵּשֶׁב בִּמְצָדוֹת עֵין־גֶּדִי׃

## כד

א וַיְהִי כַּאֲשֶׁר שָׁב שָׁאוּל מֵאַחֲרֵי פְּלִשְׁתִּים וַיַּגִּדוּ לוֹ לֵאמֹר
ב הִנֵּה דָוִד בְּמִדְבַּר עֵין גֶּדִי׃ וַיִּקַּח שָׁאוּל שְׁלֹשֶׁת

כג, כה׳ כא לְבַקֵּשׁ אֶת־דָּוִד   כט׳ בכא כאן התחלת סימן כ״ד

---

געשטאַרקט זיין האַנט אין גאָט. [17] און ער האָט צו אים געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרום די האַנט פון מיין פאָטער שָאולן וועט דיך ניט געפינען, און דו וועסט קיניגן איבער ישראל, און איך וועל דיר זיין פאַר אַ שֵני־למלך; און אויך מיין פאָטער שָאול ווייס דאָס.

[18] און זיי האָבן ביידע געשלאָסן אַ בונד פאַר גאָט; און דוד איז געבליבן אין חורשָה, און יהוֹנָתָן איז אַוועק־געגאַנגען צו זיין הויז.

[19] און די זיפער זיינען אַרויפגעגאַנגען צו שָאולן קיין גִבעָה, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָר, דוד באַהאַלט זיך ביי אונדז אין די פעסטונגען אין חורשָה, אויפן בערגל חֲכילָה וואָס רעכטס פון ישימון. [20] און אַצונד, מלך, ווען נאָר דיין האַרץ געלוסט אַראָפצונידערן, נידער אַראָפּ, און אויף אונדז איז אים איבערצוענטפערן אין דער האַנט פון מלך. [21] האָט שָאול געזאָגט: געבענטשט זאָלט איר זיין פון גאָט, וואָס איר האָט אַייך דערבאַרימט אויף מיר. [22] גייט, איך בעט אַייך, פאַסט ווידער אויף, און ווערט געוואָר, און מערקט זיין אָרט ווו זיין פוס איז, ווער עס האָט אים דאָרטן געזען; וואָרום מע האָט מיר געזאָגט, ער איז זייער ליסטיק. [23] דרום זעט, און ווערט געוואָר אַלע באַהעלטענישן וואָס ער באַהאַלט זיך דאָרטן, און איר זאָלט זיך אומקערן צו מיר מיט זיכערן, און איך וועל גיין מיט אַייך; און עס וועט זיין, אויב ער איז אין לאַנד, וועל איך אים אַרומזוכן צווישן אַלע טויזנטן פון יהודה.

[24] זיינען זיי אויפגעשטאַנען און זיינען געגאַנגען קיין זיף פאַרויס פאַר שָאולן. און דוד און זיינע מענטשן זיינען געווען אין מדבר מָעון, אין דעם פלוין, רעכטס פון ישימון.

[25] און ווי שָאול און זיינע מענטשן זיינען געגאַנגען זוכן, אַזוי האָט מען אָנגעזאָגט דודן, און ער האָט אַראָפּגענידערט צום פעלז, און האָט זיך באַזעצט אין מדבר מָעון. האָט שָאול דערהערט, און ער האָט נאָכגעיאָגט דודן אין מדבר מָעון. [26] און שָאול איז געגאַנגען פון דער זייט באַרג, און דוד און זיינע מענטשן פון דער אַנדער זייט באַרג; און דוד האָט זיך געאַיילט אַוועקצוגיין פון שָאולן, און שָאול און זיינע מענטשן האָבן אַרומגערינגלט דודן און זיינע מענטשן זיי צו כאַפּן. [27] איז אָנגעקומען אַ שליח צו שָאולן, אַזוי צו זאָגן: איַיל זיך און קום, וואָרום די פלִשתים זיינען אָנגעפאַלן אויפן לאַנד. [28] האָט שָאול זיך אומגעקערט פון נאָכיאָגן דודן, און ער איז געגאַנגען אַקעגן די פלִשתים. דעריבער האָט מען גערופן יענעם אָרט סֶלַע־הַמַחלְקוֹת[א].

## כד

[1] און דוד איז אַרויפגעגאַנגען פון דאָרטן, און האָט זיך באַזעצט אין די באַרגפעסטונגען פון עֵין־גֶדי.

[2] און עס איז געווען, אַז שָאול האָט זיך אומגעקערט פון הינטער די פלִשתים, האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַזוי צו זאָגן: זע, דוד איז אין מדבר פון עֵין־גֶדי. [3] האָט שָאול גענומען דריי טויזנט געקליבענע

[א] פעלז פון צעטיילונג.

אֲלָפִים אִישׁ בָּחוּר מִכָּל־יִשְׂרָאֵל וַיֵּלֶךְ לְבַקֵּשׁ אֶת־דָּוִד
וַאֲנָשָׁיו עַל־פְּנֵי צוּרֵי הַיְּעֵלִים׃ וַיָּבֹא אֶל־גִּדְרוֹת הַצֹּאן ג
עַל־הַדֶּרֶךְ וְשָׁם מְעָרָה וַיָּבֹא שָׁאוּל לְהָסֵךְ אֶת־רַגְלָיו
וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו בְּיַרְכְּתֵי הַמְּעָרָה יֹשְׁבִים׃ וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי ד
דָוִד אֵלָיו הִנֵּה הַיּוֹם אֲשֶׁר־אָמַר יְהוָה אֵלֶיךָ הִנֵּה אָנֹכִי
נֹתֵן אֶת־אֹיבְךָ בְּיָדֶךָ וְעָשִׂיתָ לּוֹ כַּאֲשֶׁר יִטַב בְּעֵינֶיךָ
וַיָּקָם דָּוִד וַיִּכְרֹת אֶת־כְּנַף־הַמְּעִיל אֲשֶׁר־לְשָׁאוּל בַּלָּט׃
וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיַּךְ לֵב־דָּוִד אֹתוֹ עַל אֲשֶׁר כָּרַת אֶת־כָּנָף ה
אֲשֶׁר לְשָׁאוּל׃ וַיֹּאמֶר לַאֲנָשָׁיו חָלִילָה לִּי מֵיְהוָה אִם־ ו
אֶעֱשֶׂה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה לַאדֹנִי לִמְשִׁיחַ יְהוָה לִשְׁלֹחַ יָדִי
בּוֹ כִּי־מְשִׁיחַ יְהוָה הוּא׃ וַיְשַׁסַּע דָּוִד אֶת־אֲנָשָׁיו בַּדְּבָרִים ז
וְלֹא נְתָנָם לָקוּם אֶל־שָׁאוּל וְשָׁאוּל קָם מֵהַמְּעָרָה וַיֵּלֶךְ
בַּדָּרֶךְ׃ וַיָּקָם דָּוִד אַחֲרֵי־כֵן וַיֵּצֵא מִן הַמְּעָרָה ח
וַיִּקְרָא אַחֲרֵי־שָׁאוּל לֵאמֹר אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ וַיַּבֵּט שָׁאוּל
אַחֲרָיו וַיִּקֹּד דָּוִד אַפַּיִם אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד ט
לְשָׁאוּל לָמָּה תִשְׁמַע אֶת־דִּבְרֵי אָדָם לֵאמֹר הִנֵּה דָוִד
מְבַקֵּשׁ רָעָתֶךָ׃ הִנֵּה הַיּוֹם הַזֶּה רָאוּ עֵינֶיךָ אֵת אֲשֶׁר־ י
נְתָנְךָ יְהוָה ׀ הַיּוֹם ׀ בְּיָדִי בַּמְּעָרָה וְאָמַר לַהֲרָגְךָ וַתָּחָס עָלֶיךָ
וָאֹמַר לֹא־אֶשְׁלַח יָדִי בַּאדֹנִי כִּי־מְשִׁיחַ יְהוָה הוּא׃ וְאָבִי יא
רְאֵה גַּם רְאֵה אֶת־כְּנַף מְעִילְךָ בְּיָדִי כִּי בְּכָרְתִי אֶת־כְּנַף
מְעִילְךָ וְלֹא הֲרַגְתִּיךָ דַּע וּרְאֵה כִּי אֵין בְּיָדִי רָעָה וָפֶשַׁע
וְלֹא־חָטָאתִי לָךְ וְאַתָּה צֹדֶה אֶת־נַפְשִׁי לְקַחְתָּהּ׃ יִשְׁפֹּט יב
יְהוָה בֵּינִי וּבֵינֶךָ וּנְקָמַנִי יְהוָה מִמֶּךָּ וְיָדִי לֹא תִהְיֶה־בָּךְ׃
כַּאֲשֶׁר יֹאמַר מְשַׁל הַקַּדְמֹנִי מֵרְשָׁעִים יֵצֵא רֶשַׁע וְיָדִי לֹא יג
תִהְיֶה־בָּךְ׃ אַחֲרֵי מִי יָצָא מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אַחֲרֵי מִי אַתָּה יד
רֹדֵף אַחֲרֵי כֶּלֶב מֵת אַחֲרֵי פַּרְעֹשׁ אֶחָד׃ וְהָיָה יְהוָה טו
לְדַיָּן וְשָׁפַט בֵּינִי וּבֵינֶךָ וְיֵרֶא וְיָרֵב אֶת־רִיבִי וְיִשְׁפְּטֵנִי

ד׳ יתיר י   ח׳ מהמערה קרי

מענער פון גאַנץ ישראל, און ער איז געגאַנגען זוכן דודן מיט זיינע מענטשן אויף די שטיינבעקפעלזן. 4 און ער איז געקומען צו די שאָפגעהעפטן ביים וועג, און דאָרטן איז געווען אַ הייל; איז שָאול אַריינגעגאַנגען אויף זיין באַדערפעניש[א]. און דוד און זיינע מענטשן זיינען געזעסן אין די ווינקלען פון דער הייל. 5 האָבן די מענטשן פון דודן צו אים געזאָגט: זע, דאָס איז דער טאָג, וואָס גאָט האָט דיר אָנגעזאָגט: זע, איך גיב דיין שׂונא אין דיין האַנט, און וועסט טאָן צו אים אַזוי ווי עס וועט זיין גוט אין דיינע אויגן.

איז דוד אויפגעשטאַנען, און האָט אָפּגעשניטן דעם ברעג פון שָאולס מאַנטל שטילערהייט.

6 און עס איז געווען נאָך דעם, האָט דודס האַרץ אים געפּלאָגט פאַרוואָס ער האָט אָפּגעשניטן דעם ברעג פון שָאולן. 7 און ער האָט געזאָגט צו זיינע מענטשן: באַהיט זאָל איך ווערן פון גאָט, אַז איך זאָל טאָן דידאָזיקע זאַך צו מיין האַר, צום געזאַלבטן פון גאָט, אויסצושטרעקן מיין האַנט אויף אים, וואָרום דער געזאַלבטער פון גאָט איז ער. 8 און דוד האָט אָפּגעהאַקט זיינע מענטשן מיט די ווערטער, און ער האָט זיי ניט געלאָזן אויפשטיין אַקעגן שָאולן. און שָאול איז אויפגעשטאַנען פון דער הייל, און איז געגאַנגען אין וועג.

9 איז דוד דערנאָך אויפגעשטאַנען, און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער הייל, און ער האָט נאָכגערופן שָאולן, אַזוי צו זאָגן: מיין האַר מלך! האָט שָאול זיך אומגעקוקט הינטער זיך, און דוד האָט זיך גענייגט מיטן פנים צו דער ערד, און זיך געבוקט. 10 און דוד האָט געזאָגט צו שָאולן: פאַרוואָס הערסטו צו די רייד פון אַ מענטשן, אַזוי צו זאָגן: זע, דוד זוכט דיר שלעכטס? 11 אָט האָבן היינטיקן טאָג דיינע אויגן געזען, אַז גאָט האָט דיך געגעבן אין מיין האַנט אין דער הייל; און מע האָט גערעדט דיך צו הרגען, אָבער [מיין אויג] האָט דיך געשוינט, און איך האָב געזאָגט: איך וועל ניט אויסשטרעקן מיין האַנט אויף מיין האַר, וואָרום דער געזאַלבטער פון גאָט איז ער. 12 און זע, מיין פאָטער, אַדרבה זע דעם ברעג פון דיין מאַנטל אין מיין האַנט; וואָרום אַז איך האָב אָפּגעשניטן דעם ברעג פון דיין מאַנטל, און האָב דיך ניט געהרגעט, פאַרשטיי און זע, אַז אין מיין האַנט איז ניטאָ קיין בייז און קיין פאַרברעך, און איך האָב ניט געזינדיקט קעגן דיר; און דו לויערסט מיין לעבן צו נעמען. 13 זאָל גאָט משפטן צווישן מיר און צווישן דיר, און זאָל גאָט זיך פאַר מיר נוקם זיין אָן דיר; אָבער מיין האַנט זאָל ניט זיין אויף דיר. 14 אַזוי ווי דאָס שפּריכוואָרט פון די פאַרצייטיקע זאָגט: פון שלעכטע קומט אַרויס שלעכטס; אָבער מיין האַנט זאָל ניט זיין אויף דיר. 15 נאָך וועמען איז אַרויסגעגאַנגען דער מלך פון ישראל? נאָך וועמען יאָגסטו זיך? נאָך אַ טויטן הונט, נאָך אַן איינציקער פלוי? 16 און זאָל גאָט זיין צום דיין, און משפטן צווישן מיר און צווישן דיר, און זען, און קריגן מיין קריג, און מיך העלפן פון דיין האַנט.

[א] אין טעקסט: לְהָסֵךְ אֶת רַגְלָיו, צו פאַרדעקן זיינע פיס.

[17] און עס איז געווען, ווי דוד האָט געענדיקט רעדן דידאָזיקע רייד צו שָאולן, אַזוי האָט שָאול געזאָגט: איז דאָס דיין קָול, דוד מיין זון? און שָאול האָט אויפגעהויבן זיין קָול, און האָט געוויינט. [18] און ער האָט געזאָגט צו דודן: דו ביסט גערעכטער פון מיר, וואָרום דו האָסט מיר געטאָן גוטס, און איך האָב דיר אָפּגעטאָן שלעכטס. [19] און דו האָסט באַוויזן היינט ווי דו האָסט גוטס געטאָן מיט מיר, ווען גאָט האָט מיך איבערגעענטפערט אין דיין האַנט, און דו האָסט מיך ניט געהרגעט. [20] און ווען דען עמיצער טרעפן זיין פיינט, און אים לאָזן גיין מיט אַ גוטן וועג? דרום זאָל דיר גאָט אָפּצאָלן גוטס פאַר וואָס דו האָסט מיר געטאָן היינטיקן טאָג. [21] און אַצונד, זע, איך ווייס אַז קיניגן וועסטו קיניגן, און אין דיין האַנט וועט זיך אָפּשטעלן די מלוכה פון ישׂראל. [22] דרום שווער מיר אַצונד ביי גאָט, אויב דו וועסט פאַרשניידן מיין זאָמען נאָך מיר, און אויב דו וועסט פאַרטיליקן מיין נאָמען פון מיין פאָטערס הויז.

[23] האָט דוד געשוואָרן שָאולן; און שָאול איז אַוועק געגאַנגען צו זיין הויז, און דוד און זיינע מענטשן זיינען אַרויפגעגאַנגען אויף דער באַרגפעסטונג.

טז מִיָּדֶךָ׃ וַיְהִי ׀ כְּכַלּוֹת דָּוִד לְדַבֵּר אֶת־הַדְּבָרִים
הָאֵלֶּה אֶל־שָׁאוּל וַיֹּאמֶר שָׁאוּל הֲקֹלְךָ זֶה בְּנִי דָוִד וַיִּשָּׂא
יז שָׁאוּל קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ׃ וַיֹּאמֶר אֶל־דָּוִד צַדִּיק אַתָּה מִמֶּנִּי כִּי
יח אַתָּה גְּמַלְתַּנִי הַטּוֹבָה וַאֲנִי גְּמַלְתִּיךָ הָרָעָה׃ וְאַתְּ הִגַּדְתָּ
הַיּוֹם אֵת אֲשֶׁר־עָשִׂיתָה אִתִּי טוֹבָה אֵת אֲשֶׁר סִגְּרַנִי יְהוָה
יט בְּיָדְךָ וְלֹא הֲרַגְתָּנִי׃ וְכִי־יִמְצָא אִישׁ אֶת־אֹיְבוֹ וְשִׁלְּחוֹ
בְּדֶרֶךְ טוֹבָה וַיהוָה יְשַׁלֶּמְךָ טוֹבָה תַּחַת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר
כ עָשִׂיתָה לִי׃ וְעַתָּה הִנֵּה יָדַעְתִּי כִּי מָלֹךְ תִּמְלוֹךְ וְקָמָה
כא בְּיָדְךָ מַמְלֶכֶת יִשְׂרָאֵל׃ וְעַתָּה הִשָּׁבְעָה לִּי בַּיהוָה אִם־
תַּכְרִית אֶת־זַרְעִי אַחֲרָי וְאִם־תַּשְׁמִיד אֶת־שְׁמִי מִבֵּית אָבִי׃
כב וַיִּשָּׁבַע דָּוִד לְשָׁאוּל וַיֵּלֶךְ שָׁאוּל אֶל־בֵּיתוֹ וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו
עָלוּ עַל־הַמְּצוּדָה׃

## כה

א וַיָּמָת שְׁמוּאֵל וַיִּקָּבְצוּ כָל־יִשְׂרָאֵל וַיִּסְפְּדוּ־לוֹ וַיִּקְבְּרֻהוּ
בְּבֵיתוֹ בָּרָמָה וַיָּקָם דָּוִד וַיֵּרֶד אֶל־מִדְבַּר פָּארָן׃
ב וְאִישׁ בְּמָעוֹן וּמַעֲשֵׂהוּ בַכַּרְמֶל וְהָאִישׁ גָּדוֹל מְאֹד וְלוֹ צֹאן
שְׁלֹשֶׁת־אֲלָפִים וְאֶלֶף עִזִּים וַיְהִי בִּגְזֹז אֶת־צֹאנוֹ בַּכַּרְמֶל׃
ג וְשֵׁם הָאִישׁ נָבָל וְשֵׁם אִשְׁתּוֹ אֲבִגָיִל וְהָאִשָּׁה טוֹבַת־
שֶׂכֶל וִיפַת תֹּאַר וְהָאִישׁ קָשֶׁה וְרַע מַעֲלָלִים וְהוּא כָלִבּוֹ׃
ד ה וַיִּשְׁמַע דָּוִד בַּמִּדְבָּר כִּי־גֹזֵז נָבָל אֶת־צֹאנוֹ׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד
עֲשָׂרָה נְעָרִים וַיֹּאמֶר דָּוִד לַנְּעָרִים עֲלוּ כַרְמֶלָה וּבָאתֶם
ו אֶל־נָבָל וּשְׁאֶלְתֶּם־לוֹ בִשְׁמִי לְשָׁלוֹם׃ וַאֲמַרְתֶּם כֹּה
לֶחָי וְאַתָּה שָׁלוֹם וּבֵיתְךָ שָׁלוֹם וְכֹל אֲשֶׁר־לְךָ שָׁלוֹם׃
ז וְעַתָּה שָׁמַעְתִּי כִּי גֹזְזִים לָךְ עַתָּה הָרֹעִים אֲשֶׁר־לְךָ הָיוּ
עִמָּנוּ לֹא הֶכְלַמְנוּם וְלֹא־נִפְקַד לָהֶם מְאוּמָה כָּל־יְמֵי
ח הֱיוֹתָם בַּכַּרְמֶל׃ שְׁאַל אֶת־נְעָרֶיךָ וְיַגִּידוּ לָךְ וְיִמְצְאוּ
הַנְּעָרִים חֵן בְּעֵינֶיךָ כִּי־עַל־יוֹם טוֹב בָּנוּ תְּנָה־נָּא אֵת

כד, יח׳ ואתה ק׳   כב׳ כא אל   כה, ג׳ כלבו ק׳   ח׳ חסר אלף

## כה

[1] און שמואל איז געשטאָרבן, און גאַנץ ישׂראל האָבן זיך אײַנגעזאַמלט, און האָבן אים באַקלאָגט; און זיי האָבן אים באַגראָבן אין זיין היים אין רָמה.

און דוד איז אויפגעשטאַנען, און האָט אַראָפּגענידערט צום מדבר פּאָרן.

[2] און אין מָעון איז געווען אַ מאַן, וואָס זיין ווירטשאַפט איז געווען אין כַּרמֶל. און דער מאַן איז געווען זייער רייך, און ער האָט געהאַט דריי טויזנט שאָף, און טויזנט ציגן; און ער איז געווען ביים שערן פון זיינע שאָף אין כַּרמֶל. [3] און דער נאָמען פון דעם מאַן איז געווען נָבָל, און דער נאָמען פון זיין ווייב אַביגַיִל. און די פרוי איז געווען ווילפאַרשטאַנדיק און שיין אין געשטאַלט; אָבער דער מאַן איז געווען האַרט און שלעכט אין מעשׂים; און ער איז געווען פון כָּלֵבס משפּחה.

[4] האָט דוד געהערט אין מדבר אַז נָבָל שערט זיינע שאָף. [5] און דוד האָט געשיקט צען יונגען, און דוד האָט געזאָגט צו די יונגען: גייט אַרויף קיין כַּרמֶל, און קומט צו נָבָלן און פרעגט אים אין מיין נאָמען אויף פריד. [6] און אַזוי זאָלט איר זאָגן: צום לעבן! און פריד צו דיר, און פריד צו דיין הויז, און פריד צו אַלץ וואָס איז דיינס! [7] און אַצונד האָב איך געהערט, אַז מע שערט ביי דיר; אַצונד: די פּאַסטוכער וואָס ביי דיר זיינען געווען מיט אונדז; ניט מיר האָבן זיי געקריוודעט, און ניט ביי זיי איז עפּעס געמינערט געוואָרן אַלע טעג וואָס זיי זיינען געווען אין כַּרמֶל— [8] פרעג דיינע יונגען, און זיי וועלן דיר דערציילן—טאָ זאָלן די יונגען געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן; וואָרום אין אַ גוטן טאָג זיינען מיר געקומען. גיב, איך בעט

ט אֲשֶׁר תִּמְצָא יָדְךָ לַעֲבָדֶיךָ וּלְבִנְךָ לְדָוִד׃ וַיָּבֹאוּ נַעֲרֵי דָוִד
וַיְדַבְּרוּ אֶל־נָבָל כְּכָל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בְּשֵׁם דָּוִד וַיָּנוּחוּ׃
י וַיַּעַן נָבָל אֶת־עַבְדֵי דָוִד וַיֹּאמֶר מִי דָוִד וּמִי בֶן־יִשָׁי הַיּוֹם
יא רַבּוּ עֲבָדִים הַמִּתְפָּרְצִים אִישׁ מִפְּנֵי אֲדֹנָיו׃ וְלָקַחְתִּי
אֶת־לַחְמִי וְאֶת־מֵימַי וְאֵת טִבְחָתִי אֲשֶׁר טָבַחְתִּי לְגֹזְזָי
יב וְנָתַתִּי לַאֲנָשִׁים אֲשֶׁר לֹא יָדַעְתִּי אֵי מִזֶּה הֵמָּה׃ וַיַּהַפְכוּ
נַעֲרֵי־דָוִד לְדַרְכָּם וַיָּשֻׁבוּ וַיָּבֹאוּ וַיַּגִּדוּ לוֹ כְּכֹל הַדְּבָרִים
יג הָאֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד לַאֲנָשָׁיו חִגְרוּ ׀ אִישׁ אֶת־חַרְבּוֹ
וַיַּחְגְּרוּ אִישׁ אֶת־חַרְבּוֹ וַיַּחְגֹּר גַּם־דָּוִד אֶת־חַרְבּוֹ וַיַּעֲלוּ ׀
אַחֲרֵי דָוִד כְּאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ וּמָאתַיִם יָשְׁבוּ עַל־
יד הַכֵּלִים׃ וְלַאֲבִיגַיִל אֵשֶׁת נָבָל הִגִּיד נַעַר־אֶחָד מֵהַנְּעָרִים
לֵאמֹר הִנֵּה שָׁלַח דָּוִד מַלְאָכִים ׀ מֵהַמִּדְבָּר לְבָרֵךְ אֶת־
טו אֲדֹנֵינוּ וַיָּעַט בָּהֶם׃ וְהָאֲנָשִׁים טֹבִים לָנוּ מְאֹד וְלֹא
הָכְלַמְנוּ וְלֹא־פָקַדְנוּ מְאוּמָה כָּל־יְמֵי הִתְהַלַּכְנוּ אִתָּם
טז בִּהְיוֹתֵנוּ בַּשָּׂדֶה׃ חוֹמָה הָיוּ עָלֵינוּ גַּם־לַיְלָה גַּם־יוֹמָם
יז כָּל־יְמֵי הֱיוֹתֵנוּ עִמָּם רֹעִים הַצֹּאן׃ וְעַתָּה דְּעִי וּרְאִי
מַה־תַּעֲשִׂי כִּי־כָלְתָה הָרָעָה אֶל־אֲדֹנֵינוּ וְעַל־כָּל־בֵּיתוֹ
יח וְהוּא בֶּן־בְּלִיַּעַל מִדַּבֵּר אֵלָיו׃ וַתְּמַהֵר אֲבוֹגַיִל וַתִּקַּח
מָאתַיִם לֶחֶם וּשְׁנַיִם נִבְלֵי־יַיִן וְחָמֵשׁ צֹאן עֲשׂוּוֹת וְחָמֵשׁ
סְאִים קָלִי וּמֵאָה צִמֻּקִים וּמָאתַיִם דְּבֵלִים וַתָּשֶׂם עַל־
יט הַחֲמֹרִים׃ וַתֹּאמֶר לִנְעָרֶיהָ עִבְרוּ לְפָנַי הִנְנִי אַחֲרֵיכֶם
כ בָּאָה וּלְאִישָׁהּ נָבָל לֹא הִגִּידָה׃ וְהָיָה הִיא ׀ רֹכֶבֶת עַל־
הַחֲמוֹר וְיֹרֶדֶת בְּסֵתֶר הָהָר וְהִנֵּה דָוִד וַאֲנָשָׁיו יֹרְדִים
כא לִקְרָאתָהּ וַתִּפְגֹּשׁ אֹתָם׃ וְדָוִד אָמַר אַךְ לַשֶּׁקֶר שָׁמַרְתִּי
אֶת־כָּל־אֲשֶׁר לָזֶה בַּמִּדְבָּר וְלֹא־נִפְקַד מִכָּל־אֲשֶׁר־לוֹ
כב מְאוּמָה וַיָּשֶׁב־לִי רָעָה תַּחַת טוֹבָה׃ כֹּה־יַעֲשֶׂה אֱלֹהִים
לְאֹיְבֵי דָוִד וְכֹה יֹסִיף אִם־אַשְׁאִיר מִכָּל־אֲשֶׁר־לוֹ עַד־אוֹר

יח׳ אביגל ק׳ עשויות ק׳

דיך, וואָס דיין האַנט וועט געפינען, צו דיינע קנעכט און צו דיין זון דודן.

[9] זיינען געקומען די יונגען פון דודן, און האָבן גערעדט צו נָבָלן אַזוי ווי אַלע דידאָזיקע רייד אין נאָמען פון דודן; און זיי האָבן זיך פאַררוט. [10] האָט נָבָל געענטפערט די קנעכט פון דודן, און האָט געזאָגט: ווער איז דוד? און ווער איז דער זון פון ישַין? היינט צו טאָג זיינען דאָ אַ סך קנעכט וואָס רייסן זיך אַוועק איטלעכער פון זיין האַר. [11] און איך זאָל נעמען מיין ברויט און מיין וואַסער, און מיין שעכטונג וואָס איך האָב געשאָכטן פאַר מיינע שערערס, און אַוועקשענקען צו מענטשן וואָס איך ווייס ניט פון וואַנען זיי זיינען?

[12] האָבן די יונגען פון דודן זיך פאַרקערט אויף זייער וועג, און זיי זיינען צוריקגעגאַנגען, און זיינען געקומען, און האָבן אים דערציילט אַזוי ווי אַלע דידאָזיקע ווערטער. [13] האָט דוד געזאָגט צו זיינע מענטשן: גורט אָן איטלעכער זיין שווערד. האָבן זיי איטלעכער אָנגעגורט זיין שווערד, אויך דוד האָט אָנגעגורט זיין שווערד; און עס זיינען אַרויפגעגאַנגען נאָך דודן אַרום פיר הונדערט מאַן; און צוויי הונדערט זיינען געבליבן ביי די זאַכן.

[14] און אַביגַיִלן, נָבָלס ווייב, האָט דערציילט איין יונג פון די יונגען, אַזוי צו זאָגן: זע, דוד האָט געשיקט שלוחים פון מדבר אָנצווינטשן אונדזער האַר, און ער איז אויף זיי אָנגעפאַלן. [15] און די מענטשן זיינען געווען זייער גוט צו אונדז, און ניט מיר זיינען געקריוודעט געוואָרן, און ניט ביי אונדז איז עפּעס געמינערט געוואָרן, אַלע טעג וואָס מיר זיינען אומגעגאַנגען מיט זיי, ווען מיר זיינען געווען אין פעלד. [16] זיי זיינען געווען אַ מויער אַרום אונדז אי ביי נאַכט אי ביי טאָג, אַלע טעג וואָס מיר זיינען געווען מיט זיי, פּיטערנדיק די שאָף. [17] און אַצונד ווייס און זע וואָס דו זאָלסט טאָן, ווייל אַן אומגליק איז באַשלאָסן אויף אונדזער האַר און אויף זיין גאַנצן הויז; און ער איז אַ נידערטרעכטיקער יונג, אַז עס איז ניט צו רעדן צו אים.

[18] האָט אַביגַיִל געאײַלט און האָט גענומען צוויי הונדערט ברויטן, און צוויי לאָגלען וויין, און פינף געמאַכטע שאָף, און פינף סְאָה געברעגטע זאַנגען, און הונדערט בינטלעך ראָזינקעס, און צוויי הונדערט קוכנס פייגן, און אַרויפגעטאָן אויף אייזלען. [19] און זי האָט געזאָגט צו אירע יונגען: גייט אַוועק מיר פאַרויס; אָט קום איך אײַך נאָך. און איר מאַן נָבָלן האָט זי ניט דערציילט.

[20] און עס איז געווען, ווי זי רייט אויף איר אייזל, און נידערט אַראָפּ אונטער דעם צודעק פון באַרג, ערשט דוד מיט זיינע מענטשן נידערן אַראָפּ איר אַנטקעגן, און זי האָט זיי אָנגעטראָפן.

[21] און דוד האָט געזאָגט: בלויז אומנישט האָב איך געהיט אַלץ וואָס געהערט צו דעמדאָזיקן אין מדבר, און גאָרנישט איז געמינערט געוואָרן פון אַלץ וואָס געהערט צו אים; און ער האָט מיר אומגעקערט אַ רעה פאַר אַ טובה. [22] זאָל גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער צו די פיינט פון דודן, אויב איך וועל איבערלאָזן פון

אַלע וואָס געהערן צו אים ביזן ליכט פון פרימאָרגן אַ מאַנספאַרשויןא!

[23] און ווי אַביגַיִל האָט דערזען דודן, אַזוי האָט זי געאײַלט און אַראָפּגענידערט פון אייזל, און איז געפאַלן אויף איר פּנים פאַר דודס אָנגעזיכט, און האָט זיך געבוקט צו דער ערד. [24] און זי איז געפאַלן צו זיינע פיס, און האָט געזאָגט: אויף מיר אַליין, מיין האַר, די שולד! און זאָל דיין דינסט, איך בעט דיך, רעדן אין דיינע אויערן, און הער צו די ווערטער פון דיין דינסט. [25] זאָל, איך בעט דיך, מיין האַר ניט טאָן זיין האַרץ אויף דעמדאָזיקן נידער־טרעכטיקן מענטשן, אויף נָבָלן, וואָרום אַזוי ווי זיין נאָמען, אַזוי איז ער. נָבָל איז זיין נאָמען, און מנוולדיקייט איז אין אים. און איך דיין דינסט האָב ניט געזען די יונגען פון מיין האַר, וואָס דו האָסט געשיקט. [26] און אַצונד, מיין האַר, אַזוי ווי גאָט לעבט, און אַזוי ווי דיין זעל לעבט, אַז דאָס האָט דיך גאָט פאַרמיטן פון באַגיין בלוטפאַרגיסונג, און זיך העלפן מיט דיין אייגענער האַנט! און אַצונד, זאָלן ווערן אַזוי ווי נָבָל דיינע שׂונאים און די וואָס זוכן שלעכטס אויף מיין האַר. [27] און אַצונד, זאָל דידאָזיקע מתנה, וואָס דיין דינסט האָט געבראַכט צו מיין האַר, געגעבן ווערן צו די יונגען וואָס גייען הינטער מיין האַר. [28] פאַרגיב, איך בעט דיך, דעם פאַרברעך פון דיין דינסט, וואָרום מאַכן וועט גאָט מאַכן מיין האַר אַ זיכער הויז, ווייל די מלחמות פון גאָט פירט מיין האַר, און קיין בייז איז ניט געפונען געוואָרן אין דיר פון דיין לעבטאָג אָן. [29] הגם אַ מענטש איז אויפגעשטאַנען זיך צו יאָגן נאָך דיר, און צו זוכן דיין לעבן, וועט די זעל פון מיין האַר זיין אַיינגעבונדן אין דעם בונד פון לעבן ביי יהוה דיין גאָט, און די זעל פון דיינע פיינט, זי וועט ער אַוועקשליידערן אין אַ שליידערלעפל. [30] און עס וועט זיין, אַז גאָט וועט טאָן צו מיין האַר אַזוי ווי אַלדאָס גוטס וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אויף דיר, און ער וועט דיך באַפעלן פאַר אַ פירשט איבער ישראל, [31] זאָל דאָס דיר ניט זיין פאַר אַ שטרויכלונג, און פאַר אַ פאָרוווּרף פון האַרצן פאַר מיין האַר, וואָס דו האָסט פאַרגאָסן בלוט אומזיסט, און וואָס מיין האַר האָט זיך אַליין געהאָלפן. און אַז גאָט וועט באַגיטיקן מיין האַר, זאָלסטו זיך דערמאָנען אָן דיין דינסט.

[32] האָט דוד געזאָגט צו אַביגַיִלן: געלויבט איז יהוה דער גאָט פון ישראל, וואָס האָט דיך הייִנטיקן טאָג געשיקט מיר אַנטקעגן. [33] און געבענטשט זאָל זיין דיין שׂכל, און געבענטשט זאָלסט דו זיין, וואָס דו האָסט מיך הייִנטיקן טאָג פאַרמיטן פון באַגיין בלוטפאַרגיסונג, און זיך העלפן מיט מיין אייגענער האַנט. [34] וואָרום פאַרוואָר, אַזוי ווי עס לעבט יהוה דער גאָט פון ישראל וואָס האָט מיך פאַרמיטן פון דיר שלעכטס צו טאָן, אַז ווען דו וואָלסט ניט געאײַלט און גע־קומען מיר אַנטקעגן, אויב עס וואָלט געבליבן ביי נָבָלן ביזן ליכט פון פרימאָרגן אַ מאַנספאַרשוין!

[35] און דוד האָט אָנגענומען פון איר האַנט וואָס זי האָט אים געבראַכט, און צו איר האָט ער געזאָגט: גיי אַרויף בשלום צו דיין הויז. זע, איך האָב צוגעהערט צו דיין קָול, און האָב געשוינט דיין פּנים.

[א] אין טעקסט: מַשְׁתִּין בְּקִיר.

כג הַבֹּקֶר מַשְׁתִּין בְּקִיר׃ וַתֵּרֶא אֲבִיגַיִל אֶת־דָּוִד וַתְּמַהֵר
וַתֵּרֶד מֵעַל הַחֲמוֹר וַתִּפֹּל לְאַפֵּי דָוִד עַל־פָּנֶיהָ וַתִּשְׁתַּחוּ
כד אָרֶץ׃ וַתִּפֹּל עַל־רַגְלָיו וַתֹּאמֶר בִּי־אֲנִי אֲדֹנִי הֶעָוֺן וּתְדַבֶּר־
כה נָא אֲמָתְךָ בְּאָזְנֶיךָ וּשְׁמַע אֵת דִּבְרֵי אֲמָתֶךָ׃ אַל־נָא יָשִׂים
אֲדֹנִי ׀ אֶת־לִבּוֹ אֶל־אִישׁ הַבְּלִיַּעַל הַזֶּה עַל־נָבָל כִּי כִשְׁמוֹ
כֶּן־הוּא נָבָל שְׁמוֹ וּנְבָלָה עִמּוֹ וַאֲנִי אֲמָתְךָ לֹא רָאִיתִי
כו אֶת־נַעֲרֵי אֲדֹנִי אֲשֶׁר שָׁלָחְתָּ׃ וְעַתָּה אֲדֹנִי חַי־יְהוָה וְחֵי־
נַפְשְׁךָ אֲשֶׁר מְנָעֲךָ יְהוָה מִבּוֹא בְדָמִים וְהוֹשֵׁעַ יָדְךָ לָךְ
וְעַתָּה יִהְיוּ כְנָבָל אֹיְבֶיךָ וְהַמְבַקְשִׁים אֶל־אֲדֹנִי רָעָה׃
כז וְעַתָּה הַבְּרָכָה הַזֹּאת אֲשֶׁר־הֵבִיא שִׁפְחָתְךָ לַאדֹנִי וְנִתְּנָה
כח לַנְּעָרִים הַמִּתְהַלְּכִים בְּרַגְלֵי אֲדֹנִי׃ שָׂא נָא לְפֶשַׁע אֲמָתֶךָ
כִּי עָשֹׂה־יַעֲשֶׂה יְהוָה לַאדֹנִי בַּיִת נֶאֱמָן כִּי־מִלְחֲמוֹת
כט יְהוָה אֲדֹנִי נִלְחָם וְרָעָה לֹא־תִמָּצֵא בְךָ מִיָּמֶיךָ׃ וַיָּקָם
אָדָם לִרְדָפְךָ וּלְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשֶׁךָ וְהָיְתָה נֶפֶשׁ אֲדֹנִי
צְרוּרָה ׀ בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֵת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְאֵת נֶפֶשׁ
ל אֹיְבֶיךָ יְקַלְּעֶנָּה בְּתוֹךְ כַּף הַקָּלַע׃ וְהָיָה כִּי־יַעֲשֶׂה יְהוָה
לַאדֹנִי כְּכֹל אֲשֶׁר־דִּבֶּר אֶת־הַטּוֹבָה עָלֶיךָ וְצִוְּךָ לְנָגִיד עַל־
לא יִשְׂרָאֵל׃ וְלֹא תִהְיֶה זֹאת ׀ לְךָ לְפוּקָה וּלְמִכְשׁוֹל לֵב
לַאדֹנִי וְלִשְׁפָּךְ־דָּם חִנָּם וּלְהוֹשִׁיעַ אֲדֹנִי לוֹ וְהֵיטִב יְהוָה
לב לַאדֹנִי וְזָכַרְתָּ אֶת־אֲמָתֶךָ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד לַאֲבִיגַל
בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר שְׁלָחֵךְ הַיּוֹם הַזֶּה לִקְרָאתִי׃
לג וּבָרוּךְ טַעְמֵךְ וּבְרוּכָה אָתְּ אֲשֶׁר כְּלִתִנִי הַיּוֹם הַזֶּה מִבּוֹא
לד בְדָמִים וְהֹשֵׁעַ יָדִי לִי׃ וְאוּלָם חַי־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
אֲשֶׁר מְנָעַנִי מֵהָרַע אֹתָךְ כִּי ׀ לוּלֵי מִהַרְתְּ וַתָּבֹאתִי לִקְרָאתִי
לה כִּי אִם־נוֹתַר לְנָבָל עַד־אוֹר הַבֹּקֶר מַשְׁתִּין בְּקִיר׃ וַיִּקַּח
דָּוִד מִיָּדָהּ אֵת אֲשֶׁר־הֵבִיאָה לוֹ וְלָהּ אָמַר עֲלִי לְשָׁלוֹם
לו לְבֵיתֵךְ רְאִי שָׁמַעְתִּי בְקוֹלֵךְ וָאֶשָּׂא פָּנָיִךְ׃ וַתָּבֹא אֲבִיגַיִל ׀

לב׳ פתח באתנח   לד׳ ס״א לולא   ותבאת ק׳

אֶל־נָבָל וְהִנֵּה־לוֹ מִשְׁתֶּה בְּבֵיתוֹ כְּמִשְׁתֵּה הַמֶּלֶךְ וְלֵב
נָבָל טוֹב עָלָיו וְהוּא שִׁכֹּר עַד־מְאֹד וְלֹא־הִגִּידָה לּוֹ דָּבָר
קָטֹן וְגָדוֹל עַד־אוֹר הַבֹּקֶר׃ וַיְהִי בַבֹּקֶר בְּצֵאת הַיַּיִן מִנָּבָל לז
וַתַּגֶּד־לוֹ אִשְׁתּוֹ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיָּמָת לִבּוֹ בְּקִרְבּוֹ
וְהוּא הָיָה לְאָבֶן׃ וַיְהִי כַּעֲשֶׂרֶת הַיָּמִים וַיִּגֹּף יְהוָה אֶת־נָבָל לח
וַיָּמֹת׃ וַיִּשְׁמַע דָּוִד כִּי מֵת נָבָל וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה אֲשֶׁר לט
רָב אֶת־רִיב חֶרְפָּתִי מִיַּד נָבָל וְאֶת־עַבְדּוֹ חָשַׂךְ מֵרָעָה
וְאֵת רָעַת נָבָל הֵשִׁיב יְהוָה בְּרֹאשׁוֹ וַיִּשְׁלַח דָּוִד וַיְדַבֵּר
בַּאֲבִיגַיִל לְקַחְתָּהּ לוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי דָוִד אֶל־ מ
אֲבִיגַיִל הַכַּרְמֶלָה וַיְדַבְּרוּ אֵלֶיהָ לֵאמֹר דָּוִד שְׁלָחָנוּ אֵלַיִךְ
לְקַחְתֵּךְ לוֹ לְאִשָּׁה׃ וַתָּקָם וַתִּשְׁתַּחוּ אַפַּיִם אָרְצָה וַתֹּאמֶר מא
הִנֵּה אֲמָתְךָ לְשִׁפְחָה לִרְחֹץ רַגְלֵי עַבְדֵי אֲדֹנִי׃ וַתְּמַהֵר מב
וַתָּקָם אֲבִיגַיִל וַתִּרְכַּב עַל־הַחֲמוֹר וְחָמֵשׁ נַעֲרֹתֶיהָ הַהֹלְכוֹת
לְרַגְלָהּ וַתֵּלֶךְ אַחֲרֵי מַלְאֲכֵי דָוִד וַתְּהִי־לוֹ לְאִשָּׁה׃ וְאֶת־ מג
אֲחִינֹעַם לָקַח דָּוִד מִיִּזְרְעֶאל וַתִּהְיֶיןָ גַּם־שְׁתֵּיהֶן לוֹ לְנָשִׁים׃
וְשָׁאוּל נָתַן אֶת־מִיכַל בִּתּוֹ אֵשֶׁת דָּוִד לְפַלְטִי בֶן־לַיִשׁ מד
אֲשֶׁר מִגַּלִּים׃

כו

וַיָּבֹאוּ הַזִּפִים אֶל־שָׁאוּל הַגִּבְעָתָה לֵאמֹר הֲלוֹא דָוִד א
מִסְתַּתֵּר בְּגִבְעַת הַחֲכִילָה עַל פְּנֵי הַיְשִׁימֹן׃ וַיָּקָם שָׁאוּל ב
וַיֵּרֶד אֶל־מִדְבַּר־זִיף וְאִתּוֹ שְׁלֹשֶׁת־אֲלָפִים אִישׁ בְּחוּרֵי
יִשְׂרָאֵל לְבַקֵּשׁ אֶת־דָּוִד בְּמִדְבַּר־זִיף׃ וַיִּחַן שָׁאוּל בְּגִבְעַת ג
הַחֲכִילָה אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הַיְשִׁימֹן עַל־הַדָּרֶךְ וְדָוִד יֹשֵׁב
בַּמִּדְבָּר וַיַּרְא כִּי בָא שָׁאוּל אַחֲרָיו הַמִּדְבָּרָה׃ וַיִּשְׁלַח ד
דָּוִד מְרַגְּלִים וַיֵּדַע כִּי־בָא שָׁאוּל אֶל־נָכוֹן׃ וַיָּקָם דָּוִד ה
וַיָּבֹא אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר חָנָה־שָׁם שָׁאוּל וַיַּרְא דָּוִד אֶת־
הַמָּקוֹם אֲשֶׁר שָׁכַב־שָׁם שָׁאוּל וְאַבְנֵר בֶּן־נֵר שַׂר־צְבָאוֹ

36 און אַבִיגַיִל איז געקומען צו נָבָלן, ערשט ער האָט אַ מאָלצייט בײַ זיך אין הויז, אַזוי ווי אַ מאָלצייט פֿון אַ מלך, און נָבָלס האַרץ איז אים פֿריילעך, און ער איז שיכּור ביז גאָר. האָט זי אים קיין זאַך ניט דערציילט, קליין אָדער גרויס, ביזן ליכט פֿון פֿרימאָרגן.

37 און עס איז געווען אין דער פֿרי, אַז דער ווײַן איז אַרויס פֿון נָבָלן, האָט אים זײַן ווײַב דערציילט די דאָזיקע זאַכן, און זײַן האַרץ איז אָפּגעשטאָרבן אין אים, און ער איז געוואָרן אַזוי ווי שטיין. 38 און עס איז געווען אין אַרום צען טעג, האָט גאָט געשלאָגן נָבָלן, און ער איז געשטאָרבן.

39 האָט דוד געהערט, אַז נָבָל איז געשטאָרבן, און ער האָט געזאָגט: געלויבט איז גאָט וואָס האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פֿון מײַן חרפּה פֿון נָבָלס האַנט, און האָט פֿאַרמיטן זײַן קנעכט פֿון שלעכטס; און דאָס שלעכטס פֿון נָבָלן האָט גאָט אומגעקערט אויף זײַן קאָפּ. און דוד האָט געשיקט און גערעדט צו אַבִיגַיִלן, זי צו נעמען צו זיך פֿאַר אַ ווײַב.

40 זײַנען געקומען דודס קנעכט צו אַבִיגַיִלן קיין כּרמֶל, און זײ האָבן גערעדט צו איר, אַזוי צו זאָגן: דוד האָט אונדז געשיקט צו דיר, דיך צו נעמען צו אים פֿאַר אַ ווײַב.

41 איז זי אויפֿגעשטאַנען, און האָט זיך געבוקט מיטן פּנים צו דער ערד, און זי האָט געזאָגט: אָט איז דײַן דינסט פֿאַר אַ שקלאַפֿין צו וואַשן די פֿיס פֿון מײַן האַרס קנעכט.

42 און אַבִיגַיִל האָט געאײַלט און איז אויפֿגעשטאַנען, און האָט זיך געזעצט אויפֿן אייזל, מיט אירע פֿינף מיידלעך וואָס זײַנען געגאַנגען הינטער איר, און זי איז געגאַנגען נאָך די שלוחים פֿון דודן. און זי איז אים געוואָרן פֿאַר אַ ווײַב.

43 און אַחינוֹעַמען האָט דוד גענומען פֿון יִזרְעֶאל; און זײ זײַנען אים בײדע געוואָרן פֿאַר ווײַבער.

44 און שָאול האָט אַוועקגעגעבן זײַן טאָכטער מיכל, דודס ווײַב, צו פַּלטי דעם זון פֿון לַיִשן וואָס פֿון גַלים.

כו 1 און די זיפֿער זײַנען געקומען צו שָאולן קיין גִבעָה, אַזוי צו זאָגן: פֿאַרוואָר, דוד באַהאַלט זיך אויף דעם בערגל חֲכילָה פֿאַר ישימון.

2 איז שָאול אויפֿגעשטאַנען, און האָט אַראָפּגענידערט צום מדבר זיף מיט דרײַ טויזנט געקליבענע מענער פֿון ישׂראל, צו זוכן דודן אין מדבר זיף. 3 און שָאול האָט געלאַגערט אויפֿן בערגל חֲכילָה וואָס פֿאַר ישימון, בײַם וועג. און דוד איז געזעסן אין מדבר, און ער האָט געמערקט, אַז שָאול איז געקומען נאָך אים אין מדבר. 4 און דוד האָט געשיקט אויסקוקערס, און איז געוואָר געוואָרן אויף געוויס, אַז שָאול איז געקומען. 5 איז דוד אויפֿגעשטאַנען, און איז צוגעקומען צו דעם אָרט וואָס שָאול האָט דאָרטן געלאַגערט, און דוד האָט געזען דעם אָרט וואָס דאָרטן איז געלעגן שָאול און אַבנֵר דער זון פֿון נֵרן,

ו וְשָׁאוּל שֹׁכֵב בַּמַּעְגָּל וְהָעָם חֹנִים סְבִיבֹתָו: וַיַּעַן דָּוִד
וַיֹּאמֶר ׀ אֶל־אֲחִימֶלֶךְ הַחִתִּי וְאֶל־אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה אֲחִי
יוֹאָב לֵאמֹר מִי־יֵרֵד אִתִּי אֶל־שָׁאוּל אֶל־הַמַּחֲנֶה וַיֹּאמֶר
ז אֲבִישַׁי אֲנִי אֵרֵד עִמָּךְ: וַיָּבֹא דָוִד וַאֲבִישַׁי ׀ אֶל־הָעָם
לַיְלָה וְהִנֵּה שָׁאוּל שֹׁכֵב יָשֵׁן בַּמַּעְגָּל וַחֲנִיתוֹ מְעוּכָה־
בָאָרֶץ מְרַאֲשֹׁתָו וְאַבְנֵר וְהָעָם שֹׁכְבִים סְבִיבֹתָו:
ח וַיֹּאמֶר אֲבִישַׁי אֶל־דָּוִד סִגַּר אֱלֹהִים הַיּוֹם אֶת־אוֹיִבְךָ
בְּיָדֶךָ וְעַתָּה אַכֶּנּוּ נָא בַּחֲנִית וּבָאָרֶץ פַּעַם אַחַת וְלֹא
ט אֶשְׁנֶה לוֹ: וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אֲבִישַׁי אַל־תַּשְׁחִיתֵהוּ כִּי מִי
י שָׁלַח יָדוֹ בִּמְשִׁיחַ יְהוָה וְנִקָּה: וַיֹּאמֶר דָּוִד חַי־יְהוָה כִּי
אִם־יְהוָה יִגָּפֶנּוּ אוֹ־יוֹמוֹ יָבוֹא וָמֵת אוֹ בַמִּלְחָמָה יֵרֵד
יא וְנִסְפָּה: חָלִילָה לִּי מֵיהוָה מִשְּׁלֹחַ יָדִי בִּמְשִׁיחַ יְהוָה
וְעַתָּה קַח־נָא אֶת־הַחֲנִית אֲשֶׁר מְרַאֲשֹׁתָו וְאֶת־צַפַּחַת
יב הַמַּיִם וְנֵלְכָה־לָּנוּ: וַיִּקַּח דָּוִד אֶת־הַחֲנִית וְאֶת־צַפַּחַת
הַמַּיִם מֵרַאֲשֹׁתֵי שָׁאוּל וַיֵּלְכוּ לָהֶם וְאֵין רֹאֶה וְאֵין יוֹדֵעַ
וְאֵין מֵקִיץ כִּי כֻלָּם יְשֵׁנִים כִּי תַּרְדֵּמַת יְהוָה נָפְלָה
יג עֲלֵיהֶם: וַיַּעֲבֹר דָּוִד הָעֵבֶר וַיַּעֲמֹד עַל־רֹאשׁ־הָהָר מֵרָחֹק
יד רַב הַמָּקוֹם בֵּינֵיהֶם: וַיִּקְרָא דָוִד אֶל־הָעָם וְאֶל־אַבְנֵר
בֶּן־נֵר לֵאמֹר הֲלוֹא תַעֲנֶה אַבְנֵר וַיַּעַן אַבְנֵר וַיֹּאמֶר מִי
טו אַתָּה קָרָאתָ אֶל־הַמֶּלֶךְ: וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אַבְנֵר
הֲלוֹא־אִישׁ אַתָּה וּמִי כָמוֹךָ בְּיִשְׂרָאֵל וְלָמָּה לֹא שָׁמַרְתָּ
אֶל־אֲדֹנֶיךָ הַמֶּלֶךְ כִּי־בָא אַחַד הָעָם לְהַשְׁחִית אֶת־הַמֶּלֶךְ
טז אֲדֹנֶיךָ: לֹא־טוֹב הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר עָשִׂיתָ חַי־יְהוָה כִּי
בְנֵי־מָוֶת אַתֶּם אֲשֶׁר לֹא־שְׁמַרְתֶּם עַל־אֲדֹנֵיכֶם עַל־מְשִׁיחַ
יְהוָה וְעַתָּה ׀ רְאֵה אֵי־חֲנִית הַמֶּלֶךְ וְאֶת־צַפַּחַת הַמַּיִם
יז אֲשֶׁר מְרַאֲשֹׁתָו: וַיַּכֵּר שָׁאוּל אֶת־קוֹל דָּוִד וַיֹּאמֶר הֲקוֹלְךָ
יח זֶה בְּנִי דָוִד וַיֹּאמֶר דָּוִד קוֹלִי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ: וַיֹּאמֶר לָמָּה

ה׳ סביבותו ק   ז׳ מראשתו ק   סביבותיו ק   יא׳ טז׳ מראשתו ק

זיין חיל־פירער. און שָאול איז געלעגן אין לאַגעררינג, און דאָס פאָלק האָט געלאַגערט רונד אַרום אים.

6 האָט זיך אָפּגערופן דוד און האָט געזאָגט צו אַחימֶלֶך דעם חִתּי, און צו אבִישַי דעם זון פון צרויָהן, יוֹאָבס ברודער, אַזוי צו זאָגן: ווער וויל אַראָפּנידערן מיט מיר צו שָאולן אין לאַגער? האָט אבִישַי געזאָגט: איך וועל אַראָפּנידערן מיט דיר.

7 איז געקומען דוד און אבישי צו דעם פאָלק ביי נאַכט, ערשט שָאול ליגט און שלאָפט אין לאַגעררינג, און זיין שפּיז איז אַריינגעשטעקט אין דער ערד אים צוקאָפּנס, און אַבנר און דאָס פאָלק ליגן רונד אַרום אים.

8 האָט אבישי געזאָגט צו דודן: גאָט האָט היינט איבערגעענטפערט דיין פיינט אין דיין האַנט; און אַצונד, לאָמיך אָקאָרשט אים איין מאָל אַ שטאָך טאָן מיטן שפּיז ביז אין דער ערד, און איך וועל אים ניט דאַרפן טאָן אַ צווייטן. 9 האָט דוד געזאָגט צו אבישין: זאָלסט אים ניט אומברענגען, וואָרום ווער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף דעם געזאַלבטן פון גאָט, און איז אָפּגעקומען גלאַט? 10 און דוד האָט געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, אַז נאָר גאָט זאָל אים שלאָגן! ענטוועדער זיין טאָג וועט קומען, און ער וועט שטאַרבן, אָדער ער וועט נידערן אין מלחמה און אומקומען. 11 באַהיט זאָל איך ווערן פון גאָט, אויסצושטרעקן מיין האַנט אויף דעם געזאַלבטן פון גאָט. און אַצונד, נעם, איך בעט דיך, דעם שפּיז וואָס ביי אים צוקאָפּנס, און דעם קרוג וואַסער, און לאָמיר זיך גיין.

12 און דוד האָט גענומען דעם שפּיז און דעם קרוג וואַסער פון שָאולס צוקאָפּנס, און זיי זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען; און קיינער האָט ניט געזען און ניט געמערקט, און קיינער האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט, וויל זיי זיינען אַלע געשלאָפן, וואָרום אַ גאָטס שלאָף איז געפאַלן אויף זיי.

13 און דוד איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדער זייט, און ער האָט זיך געשטעלט אויפן שפּיץ באַרג פון דער ווייטן, מיט אַ ברייט אָרט צווישן זיי. 14 און דוד האָט גערופן צו דעם פאָלק און צו אַבנר דעם זון פון נרן, אַזוי צו זאָגן: ווילסטו ניט ענטפערן, אַבנר? האָט אַבנר זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט: ווער ביסטו, וואָס דו רופסט צום מלך? 15 האָט דוד געזאָגט צו אַבנרן: דו ביסט דאָך אַ מאַן, און ווער איז דיין גלייכן אין ישׂראל, היינט פאַרוואָס האָסטו ניט אָפּגעהיט דעם מלך דיין האַר? וואָרום איינער פון פאָלק איז געקומען אומצוברענגען דעם מלך דיין האַר. 16 ניט גוט איז די דאָזיקע זאַך וואָס דו האָסט געטאָן. אַזוי ווי גאָט לעבט, אַז טויט זייט איר ווערט, וואָס איר האָט ניט אָפּגעהיט אייער האַר, דעם געזאַלבטן פון גאָט! און אַצונד זע, ווו איז דער שפּיז פון דעם מלך, און דער קרוג וואַסער וואָס איז געווען ביי אים צוקאָפּנס?

17 האָט שָאול דערקענט דודס קול, און ער האָט געזאָגט: איז דאָס דיין קול, מיין זון דוד? האָט דוד געזאָגט: מיין קול, מיין האַר מלך. 18 און ער האָט געזאָגט: פאַרוואָס יאָגט זיך מיין האַר נאָך זיין קנעכט?

זה אדני רדף אחרי עבדו כי מה עשיתי ומה־בידי
רעה: ועתה ישמע־נא אדני המלך את דברי עבדו אם־ יט
יהוה הסיתך בי ירח מנחה ואם ׀ בני האדם ארורים
הם לפני יהוה כי־גרשוני היום מהסתפח בנחלת יהוה
לאמר לך עבד אלהים אחרים: ועתה אל־יפל דמי כ
ארצה מנגד פני יהוה כי־יצא מלך ישראל לבקש את־
פרעש אחד כאשר ירדף הקרא בהרים: ויאמר שאול כא
חטאתי שוב בני־דוד כי לא־ארע לך עוד תחת אשר
יקרה נפשי בעיניך היום הזה הנה הסכלתי ואשגה
הרבה מאד: ויען דוד ויאמר הנה החנית המלך ויעבר כב
אחד מהנערים ויקחה: ויהוה ישיב לאיש את־צדקתו כג
ואת־אמנתו אשר נתנך יהוה ׀ היום ביד ולא אביתי
לשלח ידי במשיח יהוה: והנה כאשר גדלה נפשך היום כד
הזה בעיני כן תגדל נפשי בעיני יהוה ויצלני מכל־צרה:
ויאמר שאול אל־דוד ברוך אתה בני דוד גם כה
עשה תעשה וגם יכל תוכל וילך דוד לדרכו ושאול
שב למקומו:

כז

ויאמר דוד אל־לבו עתה אספה יום־אחד ביד־שאול א
אין־לי טוב כי המלט אמלט ׀ אל־ארץ פלשתים ונואש
ממני שאול לבקשני עוד בכל־גבול ישראל ונמלטתי
מידו: ויקם דוד ויעבר הוא ושש־מאות איש אשר עמו ב
אל־אכיש בן־מעוך מלך גת: וישב דוד עם־אכיש בגת ג
הוא ואנשיו איש וביתו דוד ושתי נשיו אחינעם היזרעאלת
ואביגיל אשת־נבל הכרמלית: ויגד לשאול כי־ברח ד
דוד גת ולא־יוסף עוד לבקשו: ויאמר דוד אל־ ה
אכיש אם־נא מצאתי חן בעיניך יתנו־לי מקום באחת

כו, כב' חנית קרי כו, ב' פתח בס"פ ד' פתח באתנח יוסף קרי

וואָס האָב איך דען געטאָן? און וואָס פאַר אַ בייז איז אין מיין האַנט? [19] און אַצונד, זאָל, איך בעט דיך, מיין האַר דער מלך צוהערן די ווערטער פון זיין קנעכט: אויב גאָט האָט דיך אָנגערייצט אויף מיר, וועט ער אָננעמען אַ קרבן; אויב אָבער מענטשנקינדער, זאָלן זיי זיין פאַרשאָלטן פאַר גאָט, וואָס זיי האָבן מיך פאַרטריבן היינט פון זיין באַהעפט אָן דער נחלה פון יהוה, אַזוי צו זאָגן: גיי, דין פרעמדע געטער. [20] און אַצונד, זאָל מיין בלוט ניט פאַלן צו דער ערד אַוועק פון גאָטס פנים; וואָרום דער מלך פון ישראל איז אַרויסגעגאַנגען זוכן אַן איינציקע פלוי, אַזוי ווי מע יאָגט אַ פעלדהון אין די בערג.

[21] האָט שָאול געזאָגט: איך האָב געזינדיקט; קער זיך אום, מיין זון דוד, וואָרום איך וועל דיר מער ניט בייז טאָן, דערפאַר וואָס מיין לעבן איז טייער געווען אין דיינע אויגן היינטיקן טאָג. זע, איך האָב זיך נאַריש באַגאַנגען, און האָב פאַרזען זייער פיל.

[22] האָט זיך אָפגערופן דוד און האָט געזאָגט: אָט איז דעם מלכס שפיז, און זאָל איינער פון די יונגען אַריבערקומען, און אים נעמען. [23] און גאָט וועט אומקערן איטלעכן זיין גערעכטיקייט און זיין טריישאַפט; וואָרום גאָט האָט דיך היינט איבערגעענטפערט אין מיין האַנט, און איך האָב ניט געוואָלט אויסשטרעקן מיין האַנט אויף דעם געזאַלבטן פון גאָט. [24] און אָט אַזוי ווי דיין לעבן איז געווען גרויסגעשאַצט אין מיינע אויגן היינטיקן טאָג, אַזוי זאָל מיין לעבן זיין גרויסגעשאַצט אין די אויגן פון גאָט, אַז ער זאָל מיך מציל זיין פון יעטוועדער צרה.

[25] האָט שָאול געזאָגט צו דודן: געבענטשט זאָלסטו זיין, מיין זון דוד; אי טאָן וועסטו טאָן, אי אויספירן וועסטו אויספירן.

און דוד איז געגאַנגען אויף זיין וועג, און שָאול האָט זיך אומגעקערט צו זיין אָרט.

# כז

[1] און דוד האָט געזאָגט ביי זיך אין האַרצן: אַצונד וועל איך איין טאָג אומגעבראַכט ווערן דורך שָאולס האַנט. ניטאָ בעסערס פאַר מיר, ווי אַנטרונען ווערן אין לאַנד פון די פלשתים, און שָאול וועט זיך מיַאֵש זיין פון מיר, מיך ווייטער צו זוכן אין גאַנצן געמאַרק פון ישראל; אַזוי וועל איך אַנטרונען ווערן פון זיין האַנט.

[2] איז דוד אויפגעשטאַנען און איז אַריבערגעגאַנגען, ער און די זעקס הונדערט מאַן וואָס מיט אים, צו אָכיש דעם זון פון מָעוכן, דעם מלך פון גַת. [3] און דוד איז געזעסן ביי אָכישן אין גַת, ער און זיינע מענטשן, איטלעכער מיט זיין הויזגעזינט, דוד מיט זיינע צוויי ווייבער, אַחינועם פון יִזרְעֶאל, און אַביגַיִל די ווייב פון נָבָלן פון כַּרמֶל.

[4] איז אָנגעזאָגט געוואָרן שָאולן, אַז דוד איז אַנטלאָפן קיין גַת, אָבער ער האָט אים מער ווייטער ניט געזוכט.

[5] און דוד האָט געזאָגט צו אָכישן: אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, זאָל מען מיר

עָרֵי הַשָּׂדֶה וְאֵשְׁבָה שָׁם וְלָמָּה יֵשֵׁב עַבְדְּךָ בְּעִיר
ו הַמַּמְלָכָה עִמָּךְ׃ וַיִּתֶּן־לוֹ אָכִישׁ בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־צִקְלָג
לָכֵן הָיְתָה צִקְלַג לְמַלְכֵי יְהוּדָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
ז וַיְהִי מִסְפַּר הַיָּמִים אֲשֶׁר־יָשַׁב דָּוִד בִּשְׂדֵה פְלִשְׁתִּים
ח יָמִים וְאַרְבָּעָה חֳדָשִׁים׃ וַיַּעַל דָּוִד וַאֲנָשָׁיו וַיִּפְשְׁטוּ אֶל־
הַגְּשׁוּרִי וְהַגִּרְזִי וְהָעֲמָלֵקִי כִּי הֵנָּה יֹשְׁבוֹת הָאָרֶץ אֲשֶׁר
ט מֵעוֹלָם בּוֹאֲךָ שׁוּרָה וְעַד־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְהִכָּה דָוִד אֶת־
הָאָרֶץ וְלֹא יְחַיֶּה אִישׁ וְאִשָּׁה וְלָקַח צֹאן וּבָקָר וַחֲמֹרִים
י וּגְמַלִּים וּבְגָדִים וַיָּשָׁב וַיָּבֹא אֶל־אָכִישׁ׃ וַיֹּאמֶר אָכִישׁ
אַל־פְּשַׁטְתֶּם הַיּוֹם וַיֹּאמֶר דָּוִד עַל־נֶגֶב יְהוּדָה וְעַל־נֶגֶב
יא הַיְּרַחְמְאֵלִי וְאֶל־נֶגֶב הַקֵּינִי׃ וְאִישׁ וְאִשָּׁה לֹא־יְחַיֶּה דָוִד
לְהָבִיא גַת לֵאמֹר פֶּן־יַגִּדוּ עָלֵינוּ לֵאמֹר כֹּה־עָשָׂה דָוִד
וְכֹה מִשְׁפָּטוֹ כָּל־הַיָּמִים אֲשֶׁר יָשַׁב בִּשְׂדֵה פְלִשְׁתִּים׃
יב וַיַּאֲמֵן אָכִישׁ בְּדָוִד לֵאמֹר הַבְאֵשׁ הִבְאִישׁ בְּעַמּוֹ בְיִשְׂרָאֵל
וְהָיָה לִי לְעֶבֶד עוֹלָם׃

## כח

א וַיְהִי בַּיָּמִים הָהֵם וַיִּקְבְּצוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־מַחֲנֵיהֶם לַצָּבָא
לְהִלָּחֵם בְּיִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אָכִישׁ אֶל־דָּוִד יָדֹעַ תֵּדַע כִּי אִתִּי
ב תֵּצֵא בַמַּחֲנֶה אַתָּה וַאֲנָשֶׁיךָ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אָכִישׁ לָכֵן
אַתָּה תֵדַע אֵת אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה עַבְדֶּךָ וַיֹּאמֶר אָכִישׁ אֶל־דָּוִד
ג לָכֵן שֹׁמֵר לְרֹאשִׁי אֲשִׂימְךָ כָּל־הַיָּמִים׃ וּשְׁמוּאֵל מֵת
וַיִּסְפְּדוּ־לוֹ כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיִּקְבְּרֻהוּ בָרָמָה וּבְעִירוֹ וְשָׁאוּל
ד הֵסִיר הָאֹבוֹת וְאֶת־הַיִּדְּעֹנִים מֵהָאָרֶץ׃ וַיִּקָּבְצוּ פְלִשְׁתִּים
וַיָּבֹאוּ וַיַּחֲנוּ בְשׁוּנֵם וַיִּקְבֹּץ שָׁאוּל אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיַּחֲנוּ
ה בַּגִּלְבֹּעַ׃ וַיַּרְא שָׁאוּל אֶת־מַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים וַיִּרָא וַיֶּחֱרַד
ו לִבּוֹ מְאֹד׃ וַיִּשְׁאַל שָׁאוּל בַּיהוָה וְלֹא עָנָהוּ יְהוָה גַּם
ז בַּחֲלֹמוֹת גַּם בָּאוּרִים גַּם בַּנְּבִיאִם׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לַעֲבָדָיו

כז, ח׳ והגזרי ק׳　כח, ג׳ כא אתדהאבות

געבן אַן אָרט אין איינער פון די פעלדשטעט, און איך
װעל דאָרטן זיצן; און נאָך װאָס זאָל דײַן קנעכט זיצן אין
דער מלוכה־שטאָט בײַ דיר?
6 האָט אים אָכיש געגעבן אין יענעם טאָג ציקלַג.
דעריבער געהערט ציקלַג צו די מלכים פון יהודה ביז
אויף הײַנטיקן טאָג.
7 און די צאָל פון די טעג װאָס דוד איז געזעסן אין
פעלד פון די פּלשתּים, איז געװען אַ יאָר מיט פיר חדשים.
8 און דוד און זײַנע מענטשן פלעגן אַרויפגיין און
אָנפאַלן אויף דעם גשורי, און דעם גזרי, און דעם עמלקי,
װאָרום זיי זײַנען געװען די באַװוינער פון לאַנד װאָס פון
אייביק אָן, װי דו קומסט קיין שור, און ביז לאַנד מצרַים.
9 און דוד פלעגט שלאָגן דאָס לאַנד, און ניט לאָזן לעבן
קיין מאַן און קיין פרוי; און ער פלעגט צונעמען שאָף און
רינדער, און אייזלען, און קעמלען, און בגדים, און זיך
אומקערן און קומען צו אָכישן. 10 און אַז אָכיש האָט גע־
זאָגט: װוּ זײַט איר אָנגעפאַלן הײַנט? האָט דוד געזאָגט:
אויפן דָרום פון יהודה, און אויפן דָרום פון דעם ירַחמאֵלי,
און אויפן דָרום פון דעם קֵיני.
11 און קיין מאַן און קיין פרוי פלעגט דוד ניט לאָזן
לעבן, צו ברענגען קיין גַת, װײַל ער האָט געזאָגט: טאָמער
װעלן זיי דערצײלן אויף אונדז, אַזוי צו זאָגן: אַזוי און
אַזוי האָט דוד געטאָן. און אַזוי איז געװען זײַן שטייגער
אַלע טעג װאָס ער איז געזעסן אין פעלד פון די פּלשתּים.
12 און אָכיש האָט געגלויבט דודן, אַזוי צו זאָגן: פאַרמיאוסן האָט ער זיך פאַרמיאוסט בײַ זײַן פאָלק, בײַ ישׂראל,
און ער װעט מיר זײַן פאַר אַן אייביקן קנעכט.

## כח

1 און עס איז געװען אין יענע טעג, האָבן די פּלשתּים אײַנגעזאַמלט זייערע מחנות אין קריג, צו האַלטן מלחמה
אויף ישׂראל. און אָכיש האָט געזאָגט צו דודן: װיסן זאָלסטו װיסן, אַז דו װעסט אַרויסגיין מיט מיר אין חיל,
דו און דײַנע מענטשן. 2 האָט דוד געזאָגט צו אָכישן: דערפאַר װעסט דו געװאָר װערן, װאָס דײַן קנעכט װעט אויפ־
טאָן. האָט אָכיש געזאָגט צו דודן: דערפאַר װעל איך דיך מאַכן פאַרן שומר פון מײַן קאָפּ אַלע טעג.
3 און שמואל איז געשטאָרבן, און גאַנץ ישׂראל האָבן אים באַקלאָגט, און זיי האָבן אים באַגראָבן אין רָמָה, אין זײַן
שטאָט.
און שָאול האָט געהאַט אָפּגעטאָן פון לאַנד די גייסטערזעער און די טויטנבאַשװערער.
4 און די פּלשתּים האָבן זיך אײַנגעזאַמלט, און זיי זײַנען געקומען און האָבן געלאַגערט אין שונֵם, און שָאול האָט
אײַנגעזאַמלט גאַנץ ישׂראל, און זיי האָבן געלאַגערט אין גִלבוֹעַ. 5 און שָאול האָט געזען דעם לאַגער פון די פּלשתּים,
און ער האָט מורא געקריגן, און זײַן האַרץ האָט זייער געציטערט. 6 און שָאול האָט געפרעגט בײַ גאָט, אָבער גאָט
האָט אים ניט געענטפערט, ניט דורך חלומות, ניט דורך די אורים, ניט דורך נביאים.

בַּקְּשׁוּ־לִי אֵשֶׁת בַּעֲלַת־אוֹב וְאֵלְכָה אֵלֶיהָ וְאֶדְרְשָׁה־בָּהּ
וַיֹּאמְרוּ עֲבָדָיו אֵלָיו הִנֵּה אֵשֶׁת בַּעֲלַת־אוֹב בְּעֵין דּוֹר׃
ח וַיִּתְחַפֵּשׂ שָׁאוּל וַיִּלְבַּשׁ בְּגָדִים אֲחֵרִים וַיֵּלֶךְ הוּא וּשְׁנֵי
אֲנָשִׁים עִמּוֹ וַיָּבֹאוּ אֶל־הָאִשָּׁה לָיְלָה וַיֹּאמֶר קְסוֹמִי־נָא לִי
ט בָּאוֹב וְהַעֲלִי לִי אֵת אֲשֶׁר־אֹמַר אֵלָיִךְ׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה
אֵלָיו הִנֵּה אַתָּה יָדַעְתָּ אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה שָׁאוּל אֲשֶׁר הִכְרִית
אֶת־הָאֹבוֹת וְאֶת־הַיִּדְּעֹנִי מִן־הָאָרֶץ וְלָמָה אַתָּה מִתְנַקֵּשׁ
י בְּנַפְשִׁי לַהֲמִיתֵנִי׃ וַיִּשָּׁבַע לָהּ שָׁאוּל בַּיהוָה לֵאמֹר חַי־
יא יְהוָה אִם־יִקְּרֵךְ עָוֺן בַּדָּבָר הַזֶּה׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶת־מִי
יב אַעֲלֶה־לָּךְ וַיֹּאמֶר אֶת־שְׁמוּאֵל הַעֲלִי־לִי׃ וַתֵּרֶא הָאִשָּׁה
אֶת־שְׁמוּאֵל וַתִּזְעַק בְּקוֹל גָּדוֹל וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶל־שָׁאוּל ׀
יג לֵאמֹר לָמָּה רִמִּיתָנִי וְאַתָּה שָׁאוּל׃ וַיֹּאמֶר לָהּ הַמֶּלֶךְ אַל־
תִּירְאִי כִּי מָה רָאִית וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶל־שָׁאוּל אֱלֹהִים
יד רָאִיתִי עֹלִים מִן־הָאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר לָהּ מַה־תָּאֳרוֹ וַתֹּאמֶר
אִישׁ זָקֵן עֹלֶה וְהוּא עֹטֶה מְעִיל וַיֵּדַע שָׁאוּל כִּי־שְׁמוּאֵל
טו הוּא וַיִּקֹּד אַפַּיִם אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־
שָׁאוּל לָמָּה הִרְגַּזְתַּנִי לְהַעֲלוֹת אֹתִי וַיֹּאמֶר שָׁאוּל צַר־לִי
מְאֹד וּפְלִשְׁתִּים ׀ נִלְחָמִים בִּי וֵאלֹהִים סָר מֵעָלַי וְלֹא־עָנָנִי
עוֹד גַּם בְּיַד־הַנְּבִיאִים גַּם־בַּחֲלֹמוֹת וָאֶקְרָאֶה לְךָ לְהוֹדִיעֵנִי
טז מָה אֶעֱשֶׂה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל וְלָמָּה תִּשְׁאָלֵנִי וַיהוָה סָר
יז מֵעָלֶיךָ וַיְהִי עָרֶךָ׃ וַיַּעַשׂ יְהוָה לוֹ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיָדִי
וַיִּקְרַע יְהוָה אֶת־הַמַּמְלָכָה מִיָּדֶךָ וַיִּתְּנָהּ לְרֵעֲךָ לְדָוִד׃
יח כַּאֲשֶׁר לֹא־שָׁמַעְתָּ בְּקוֹל יְהוָה וְלֹא־עָשִׂיתָ חֲרוֹן־אַפּוֹ
בַּעֲמָלֵק עַל־כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה עָשָׂה־לְךָ יְהוָה הַיּוֹם הַזֶּה׃
יט וְיִתֵּן יְהוָה גַּם אֶת־יִשְׂרָאֵל עִמְּךָ בְּיַד־פְּלִשְׁתִּים וּמָחָר אַתָּה
וּבָנֶיךָ עִמִּי גַּם אֶת־מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל יִתֵּן יְהוָה בְּיַד־פְּלִשְׁתִּים׃
כ וַיְמַהֵר שָׁאוּל וַיִּפֹּל מְלֹא־קוֹמָתוֹ אַרְצָה וַיִּרָא מְאֹד מִדִּבְרֵי

ח׳ יתיר י    י׳ הק׳ דגושה    יב׳ קמץ בטרחא    טז׳ ס״א הנ׳ בפתח

7 האָט שָׁאוּל געזאָגט צו זײַנע קנעכט: זוכט מיר אויף אַ פרוי אַ גײַסטערזעערין, און איך װעל גײן צו איר, און װעל בײַ איר פרעגן. האָבן זײַנע קנעכט צו אים געזאָגט: אָט איז דאָ אַ פרוי אַ גײַסטערזעערין אין עין־דור.

8 האָט שָׁאוּל זיך פאַרשטעלט, און ער האָט אָנגעטאָן אַנדערע בגדים, און ער איז געגאַנגען, און צװײ מענער מיט אים. און זײ זײַנען געקומען צו דער פרוי בײַ נאַכט, און ער האָט געזאָגט: װאָרזאָג מיר, איך בעט דיך, דורך אַ גײַסט, און ברענג מיר אויף דעם װאָס איך װעל דיר זאָגן. 9 האָט די פרוי צו אים געזאָגט: זע, דו װײסט װאָס שָׁאוּל האָט געטאָן, װי ער האָט פאַרשניטן די גײַסטער־זעער און די טױטנבאַשװערער פון לאַנד, און פאַרװאָס לײגסטו אַ שטרויכלונג פאַר מײַן לעבן מיך צו טײטן?

10 האָט שָׁאוּל איר געשװאָרן בײַ גאָט, אַזױ צו זאָגן: אַזױ װי גאָט לעבט, אויב דיר װעט געשען אַ שטראָף װעגן דערדאָזיקער זאַך! 11 האָט די פרוי געזאָגט: װעמען זאָל איך דיר אויפברענגען? האָט ער געזאָגט: שמואלן ברענג מיר אויף.

12 און װי די פרוי האָט דערזען שמואלן, אַזױ האָט זי אויסגעשריען אויף אַ הויכן קָול; און די פרוי האָט געזאָגט צו שָׁאוּלן, אַזױ צו זאָגן: פאַרװאָס האָסטו מיך גענאַרט? דו ביסט דאָך שָׁאוּל. 13 האָט דער מלך צו איר געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן; װאָס זעסטו דען? האָט די פרוי געזאָגט צו שָׁאוּלן: אַ גאָט זע איך אַרויפגײן פון דער ערד. 14 האָט ער צו איר געזאָגט: װאָס איז זײַן געשטאַלט? האָט זי געזאָגט: אַן אַלטער מאַן קומט אַרויף, און ער איז אײַנגעװיקלט אין אַ מאַנטל.

האָט שָׁאוּל געװוּסט אַז דאָס איז שמואל, און ער האָט זיך געבויגט מיטן פנים צו דער ערד, און זיך געבוקט.

15 האָט שמואל געזאָגט צו שָׁאוּלן: פאַרװאָס האָסטו מײַן רו געשטערט, מיך אויפצוברענגען? האָט שָׁאוּל געזאָגט: מיך האָט זײער צוגעדריקט, װאָרום די פלשתים האַלטן מלחמה אויף מיר, און גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר, און ער ענטפערט מיר ניט מער, ניט דורך נביאים, ניט דורך חלומות; האָב איך דיך גערופן, מיך צו לאָזן װיסן, װאָס איך זאָל טאָן.

16 האָט שמואל געזאָגט: און נאָך װאָס פרעגסטו מיך, אַז גאָט האָט זיך אָפּגעטאָן פון דיר, און איז געװאָרן דײַן פײַנט? 17 און גאָט האָט פאַר זיך געטאָן װאָס ער האָט גערעדט דורך מיר, און גאָט האָט אַװעקגעריסן די מלוכה פון דײַן האַנט, און האָט זי געגעבן צו אַן אַנדערן, צו דודן. 18 אַזױ װי דו האָסט ניט צוגעהערט צו דעם קָול פון גאָט, און האָסט ניט אויסגעפירט זײַן גרימצאָרן אויף עמָלֵק, דרום האָט גאָט געטאָן צו דיר דידאָזיקע זאַך הײַנטיקן טאָג. 19 און גאָט װעט אויך געבן ישראל מיט דיר אין דער האַנט פון די פלשתים. און מאָרגן װעסט דו און דײַנע זין זײַן מיט מיר. אויך דעם חיל פון ישראל װעט גאָט געבן אין דער האַנט פון די פלשתים.

20 איז שָׁאוּל באַלד אַנידערגעפאַלן װי הויך ער איז אויף דער ערד, און ער האָט זײער מורא געהאַט פאַר די װערטער

פון שמואלן; אויך האָט ער קיין כּוח ניט געהאַט, ווייל ער האָט ניט געהאַט געגעסן קיין ברויט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט.

[21] איז די פרוי צוגעגאַנגען צו שָאולן, און זי האָט געזען אַז ער איז זייער דערשראָקן, און זי האָט צו אים געזאָגט: זע, דיין דינסט האָט צוגעהערט צו דיין קָול, און איך האָב גענומען מיין לעבן אין מיין האַנט, און האָב געהאָרכט צו דיינע ווערטער וואָס דו האָסט גערעדט צו מיר. [22] און אַצונד, איך בעט דיך, הער דו אויך צו דעם קָול פון דיין דינסט, און לאָמיך לייגן פאַר דיר אַ שטיקל ברויט, און עס, און וועסט האָבן כּוח, אַז דו וועסט גיין אין וועג.

[23] האָט ער ניט געוואָלט, און ער האָט געזאָגט: איך וועל ניט עסן. אָבער זיינע קנעכט און אויך די פרוי זיינען צוגעשטאַנען צו אים, און ער האָט צוגעהערט צו זייער קָול, און ער איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד, און האָט זיך געזעצט אויפן בעט.

[24] און די פרוי האָט געהאַט אַ געשטאָפּט קאַלב אין הויז, האָט זי געאַיילט און האָט עס געשאָכטן, און זי האָט גענומען מעל און פאַרקנעטן, און האָט דערפון אויסגע־באַקט אומגעזייערט ברויט. [25] און זי האָט דערלאַנגט פאַר שָאולן און פאַר זיינע קנעכט, און זיי האָבן געגעסן. און זיי זיינען אויפגעשטאַנען און זיינען אַוועקגעגאַנגען אין דער אייגענער נאַכט.

שְׁמוּאֵל גַּם־כֹּחַ לֹא־הָיָה בוֹ כִּי לֹא אָכַל לֶחֶם כָּל־הַיּוֹם
כא וְכָל־הַלָּיְלָה׃ וַתָּבוֹא הָאִשָּׁה אֶל־שָׁאוּל וַתֵּרֶא כִּי־נִבְהַל
מְאֹד וַתֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּה שָׁמְעָה שִׁפְחָתְךָ בְּקוֹלֶךָ וָאָשִׂים
כב נַפְשִׁי בְּכַפִּי וָאֶשְׁמַע אֶת־דְּבָרֶיךָ אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ אֵלָי׃ וְעַתָּה
שְׁמַע־נָא גַם־אַתָּה בְּקוֹל שִׁפְחָתֶךָ וְאָשִׂמָה לְפָנֶיךָ פַּת־
כג לֶחֶם וֶאֱכוֹל וִיהִי בְךָ כֹּחַ כִּי תֵלֵךְ בַּדָּרֶךְ׃ וַיְמָאֵן וַיֹּאמֶר
לֹא אֹכַל וַיִּפְרְצוּ־בוֹ עֲבָדָיו וְגַם־הָאִשָּׁה וַיִּשְׁמַע לְקֹלָם
כד וַיָּקָם מֵהָאָרֶץ וַיֵּשֶׁב אֶל־הַמִּטָּה׃ * וְלָאִשָּׁה עֵגֶל־מַרְבֵּק
בַּבַּיִת וַתְּמַהֵר וַתִּזְבָּחֵהוּ וַתִּקַּח־קֶמַח וַתָּלָשׁ וַתֹּפֵהוּ מַצּוֹת׃
כה וַתַּגֵּשׁ לִפְנֵי־שָׁאוּל וְלִפְנֵי עֲבָדָיו וַיֹּאכֵלוּ וַיָּקֻמוּ וַיֵּלְכוּ
בַּלַּיְלָה הַהוּא׃

## כט

א וַיִּקְבְּצוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־כָּל־מַחֲנֵיהֶם אֲפֵקָה וְיִשְׂרָאֵל חֹנִים
ב בַּעַיִן אֲשֶׁר בְּיִזְרְעֶאל׃ וְסַרְנֵי פְלִשְׁתִּים עֹבְרִים לְמֵאוֹת
וְלַאֲלָפִים וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו עֹבְרִים בָּאַחֲרֹנָה עִם־אָכִישׁ׃
ג וַיֹּאמְרוּ שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים מָה הָעִבְרִים הָאֵלֶּה וַיֹּאמֶר אָכִישׁ
אֶל־שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים הֲלוֹא־זֶה דָוִד עֶבֶד ׀ שָׁאוּל מֶלֶךְ־
יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הָיָה אִתִּי זֶה יָמִים אוֹ־זֶה שָׁנִים וְלֹא־מָצָאתִי
ד בוֹ מְאוּמָה מִיּוֹם נָפְלוֹ עַד־הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיִּקְצְפוּ עָלָיו
שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים וַיֹּאמְרוּ לוֹ שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים הָשֵׁב אֶת־הָאִישׁ
וְיָשֹׁב אֶל־מְקוֹמוֹ אֲשֶׁר הִפְקַדְתּוֹ שָׁם וְלֹא־יֵרֵד עִמָּנוּ
בַּמִּלְחָמָה וְלֹא־יִהְיֶה־לָּנוּ לְשָׂטָן בַּמִּלְחָמָה וּבַמֶּה יִתְרַצֶּה
ה זֶה אֶל־אֲדֹנָיו הֲלוֹא בְּרָאשֵׁי הָאֲנָשִׁים הָהֵם׃ הֲלוֹא־זֶה
דָוִד אֲשֶׁר יַעֲנוּ־לוֹ בַּמְּחֹלוֹת לֵאמֹר הִכָּה שָׁאוּל בַּאֲלָפָו
ו וְדָוִד בְּרִבְבֹתָו׃ וַיִּקְרָא אָכִישׁ אֶל־דָּוִד וַיֹּאמֶר אֵלָיו
חַי־יְהוָה כִּי־יָשָׁר אַתָּה וְטוֹב בְּעֵינַי צֵאתְךָ וּבֹאֲךָ אִתִּי
בַּמַּחֲנֶה כִּי לֹא־מָצָאתִי בְךָ רָעָה מִיּוֹם בֹּאֲךָ אֵלַי עַד־

כח, כד׳ חצי הספר בפסוקים   כט, ה׳ באלפו ק   ברבבתו ק

## כט

[1] און די פלשתים האָבן אײַנגעזאַמלט זייערע מחנות קיין אַפֵק; און די ישראל האָבן געלאַגערט ביי דעם קוואַל וואָס אין יִזרְעֶאל. [2] און די פירשטן פון די פלשתים זיינען פאַרבייגעגאַנגען אין הונדערטן און אין טויזנטן, און דוד און זיינע מענטשן זיינען פאַרבייגעגאַנגען צולעצט מיט אָכישן.

[3] האָבן די האַרן פון די פלשתים געזאָגט: וואָס טוען דאָ דידאָזיקע עבֿרים? האָט אָכיש געזאָגט צו די האַרן פון די פלשתים: דאָס איז דאָך דוד דער קנעכט פון שָאול דעם מלך פון ישראל, וואָס איז ביי מיר שוין טעג אָדער שוין יאָרן, און איך האָב אין אים קיין שום בייז ניט געפונען פון דעם טאָג וואָס ער איז צוגעפאַלן [צו מיר] ביז היינטיקן טאָג. [4] האָבן די האַרן פון די פלשתים געצערנט אויף אים, און די האַרן פון די פלשתים האָבן צו אים געזאָגט: קער אום דעם מאַן, און זאָל ער זיך אומקערן צו זיין אָרט וואָס דו האָסט אים דאָרטן אַריינגעזעצט, און זאָל ער ניט נידערן מיט אונדז אין דער מלחמה, כּדי ער זאָל אונדז ניט זיין פאַר אַ שטער אין דער מלחמה; וואָרום מיט וואָס וועט דערדאָזיקער זיך איבערבעטן מיט זיין האַר, אויב ניט מיט די קעפּ פון דידאָזיקע מענטשן? [5] איז דאָס ניט דער דוד, וואָס מע האָט פאַר אים געזונגען מיט טענץ, אַזוי צו זאָגן:

שָאול האָט געשלאָגן אין זיינע טויזנטן,
און דוד אין זיינע צענטויזנטן?

[6] האָט אָכיש גערופן דודן, און האָט צו אים געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, אַז דו ביסט רעכטפאַרטיק, און דיין אַרויס־גיין און דיין אַריינגיין מיט מיר אין חיל איז גוט אין מיינע אויגן, וואָרום איך האָב קיין שלעכטס אין דיר ניט געפונען פון דעם

הַיּוֹם הַזֶּה וּבְעֵינֵי הַסְּרָנִים לֹא־טוֹב אָתָּה׃ וְעַתָּה שׁוּב וְלֵךְ ז
בְּשָׁלוֹם וְלֹא־תַעֲשֶׂה רָע בְּעֵינֵי סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים׃ וַיֹּאמֶר ח
דָּוִד אֶל־אָכִישׁ כִּי מֶה עָשִׂיתִי וּמַה־מָּצָאתָ בְעַבְדְּךָ מִיּוֹם
אֲשֶׁר הָיִיתִי לְפָנֶיךָ עַד הַיּוֹם הַזֶּה כִּי לֹא אָבוֹא וְנִלְחַמְתִּי
בְּאֹיְבֵי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיַּעַן אָכִישׁ וַיֹּאמֶר אֶל־דָּוִד יָדַעְתִּי כִּי ט
טוֹב אַתָּה בְּעֵינַי כְּמַלְאַךְ אֱלֹהִים אַךְ שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים
אָמְרוּ לֹא־יַעֲלֶה עִמָּנוּ בַּמִּלְחָמָה׃ וְעַתָּה הַשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר י
וְעַבְדֵי אֲדֹנֶיךָ אֲשֶׁר־בָּאוּ אִתָּךְ וְהִשְׁכַּמְתֶּם בַּבֹּקֶר וְאוֹר לָכֶם
וָלֵכוּ׃ וַיַּשְׁכֵּם דָּוִד הוּא וַאֲנָשָׁיו לָלֶכֶת בַּבֹּקֶר לָשׁוּב אֶל־ יא
אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים וּפְלִשְׁתִּים עָלוּ יִזְרְעֶאל׃

## ל

וַיְהִי בְּבֹא דָוִד וַאֲנָשָׁיו צִקְלַג בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וַעֲמָלֵקִי א
פָשְׁטוּ אֶל־נֶגֶב וְאֶל־צִקְלַג וַיַּכּוּ אֶת־צִקְלַג וַיִּשְׂרְפוּ אֹתָהּ
בָּאֵשׁ׃ וַיִּשְׁבּוּ אֶת־הַנָּשִׁים אֲשֶׁר־בָּהּ מִקָּטֹן וְעַד־גָּדוֹל לֹא ב
הֵמִיתוּ אִישׁ וַיִּנְהֲגוּ וַיֵּלְכוּ לְדַרְכָּם׃ וַיָּבֹא דָוִד וַאֲנָשָׁיו אֶל־ ג
הָעִיר וְהִנֵּה שְׂרוּפָה בָּאֵשׁ וּנְשֵׁיהֶם וּבְנֵיהֶם וּבְנֹתֵיהֶם
נִשְׁבּוּ׃ וַיִּשָּׂא דָוִד וְהָעָם אֲשֶׁר־אִתּוֹ אֶת־קוֹלָם וַיִּבְכּוּ עַד ד
אֲשֶׁר אֵין־בָּהֶם כֹּחַ לִבְכּוֹת׃ וּשְׁתֵּי נְשֵׁי־דָוִד נִשְׁבּוּ אֲחִינֹעַם ה
הַיִּזְרְעֵלִית וַאֲבִיגַיִל אֵשֶׁת נָבָל הַכַּרְמְלִי׃ וַתֵּצֶר לְדָוִד ו
מְאֹד כִּי־אָמְרוּ הָעָם לְסָקְלוֹ כִּי־מָרָה נֶפֶשׁ כָּל־הָעָם אִישׁ
עַל־בָּנָו וְעַל־בְּנֹתָיו וַיִּתְחַזֵּק דָּוִד בַּיהוָה אֱלֹהָיו׃
וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אֶבְיָתָר הַכֹּהֵן בֶּן־אֲחִימֶלֶךְ הַגִּישָׁה־נָּא ז
לִי הָאֵפֹד וַיַּגֵּשׁ אֶבְיָתָר אֶת־הָאֵפֹד אֶל־דָּוִד׃ וַיִּשְׁאַל ח
דָּוִד בַּיהוָה לֵאמֹר אֶרְדֹּף אַחֲרֵי הַגְּדוּד־הַזֶּה הַאַשִּׂגֶנּוּ
וַיֹּאמֶר לוֹ רְדֹף כִּי־הַשֵּׂג תַּשִּׂיג וְהַצֵּל תַּצִּיל׃ וַיֵּלֶךְ דָּוִד ט
הוּא וְשֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיָּבֹאוּ עַד־נַחַל הַבְּשׂוֹר
וְהַנּוֹתָרִים עָמָדוּ׃ וַיִּרְדֹּף דָּוִד הוּא וְאַרְבַּע־מֵאוֹת אִישׁ י

ל, ו׳ בנו ק

טאָג וואָס דו ביסט צו מיר געקומען ביז היינטיקן טאָג. אָבער אין די אויגן פון די פירשטן ביסטו ניט ווילגעפעלן. 7 און אַצונד קער זיך אום, און גיי בשלום, כּדי זאָלסט ניט טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון די פירשטן פון די פּלשתּים.

8 האָט דוד געזאָגט צו אָכישן: אָבער וואָס האָב איך געטאָן, און וואָס האָסטו געפונען אין דיין קנעכט פון דעם טאָג וואָס איך בין בײַ דיר ביז היינטיקן טאָג, אַז איך זאָל ניט קומען און מלחמה האַלטן אַקעגן די פיינט פון מיין האַר דעם מלך?

9 האָט אָכיש געענטפערט און האָט געזאָגט צו דודן: איך ווייס אַז דו ביסט גוט אין מיינע אויגן אַזוי ווי אַ מלאך פון גאָט, אָבער די האַרן פון די פּלשתּים האָבן געזאָגט: ער זאָל ניט אַרויפגיין מיט אונדז אין דער מלחמה. 10 און אַצונד, פעדער זיך אין דער פרי מיט די קנעכט פון דיין האַר וואָס זיינען געקומען מיט דיר, און ווי איר וועט אייך פעדערן אין דער פרי, און אייך ווערט ליכטיק, אַזוי גייט אַוועק.

11 האָט דוד זיך געפעדערט, ער און זיינע מענטשן, אַוועקצוגיין אין דער פרי, זיך אומצוקערן אין לאַנד פון די פּלשתּים. און די פּלשתּים זיינען אַרויפגעגאַנגען קיין יזרעאל.

ל 1 און עס איז געווען, אַז דוד און זיינע מענטשן זיינען געקומען אויפן דריטן טאָג קיין ציקלג, ערשט די עמלקים זיינען אָנגעפאַלן אויפן דרום, און אויף ציקלג, און זיי האָבן געשלאָגן ציקלג, און האָבן זי פאַרברענט אין פייער. 2 און זיי האָבן געפאַנגען די ווייבער [און אַלע] וואָס אין איר, פון קליין ביז גרויס; זיי האָבן קיינעם ניט געטייט, נאָר זיי האָבן זיי אַוועקגעפירט, און זיינען געגאַנגען אויף זייער וועג. 3 און ווי דוד און זיינע מענטשן זיינען געקומען אין שטאָט, ערשט זי איז פאַרברענט אין פייער, און זייערע ווייבער און זייערע זין און זייערע טעכטער זיינען געפאַנגען געוואָרן.

4 האָט דוד און דאָס פאָלק וואָס מיט אים אויפגעהויבן זייער קול און געוויינט, ביז זיי האָבן מער קיין כּוח ניט געהאַט צו וויינען.

5 אויך ביידע ווייבער פון דודן זיינען געפאַנגען געוואָרן, אַחינוֹעם פון יזרעאל, און אַביגיל די ווייב פון נבלן פון כּרמל.

6 און דודן האָט זייער צוגעדריקט, וואָרום דאָס פאָלק האָט גערעדט אים צו פאַרשטיינען, ווייל דאָס געמיט פון גאַנצן פאָלק איז געווען פאַרביטערט, איטלעכער איבער זיינע זין און איבער זיינע טעכטער. אָבער דוד האָט זיך געשטאַרקט מיט יהוה זיין גאָט. 7 און דוד האָט געזאָגט צו אביתר דעם כּהן, אַחימלכס זון: גענען מיר, איך בעט דיך, דעם אפוד. האָט אביתר גענענט דעם אפוד צו דודן. 8 און דוד האָט געפרעגט בײַ גאָט, אַזוי צו זאָגן: זאָל איך נאָכיאָגן די־דאָזיקע מחנה? וועל איך זי אָניאָגן? האָט ער צו אים געזאָגט: יאָג נאָך, וואָרום אָניאָגן וועסטו אָניאָגן, און מציל זיין וועסטו מציל זיין.

9 איז דוד געגאַנגען, ער און די זעקס הונדערט מאַן וואָס מיט אים, און זיי זיינען געקומען צום טייך בשׂור; און די צוריקגעבליבענע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. 10 און דוד האָט נאָכגעיאָגט, ער און פיר הונדערט מאַן; און

צווי הונדערט מאַן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, די וואָס זיינען געווען צו אָפּגעשלאַפּט אַריבערצוגיין דעם טייך בשור.

[11] און זיי האָבן געפונען אין פעלד אַ מאַן אַ מִצרי, און האָבן אים געבראַכט צו דודן; און זיי האָבן אים געגעבן ברויט, און ער האָט געגעסן, און זיי האָבן אים געגעבן טרינקען וואַסער; [12] און זיי האָבן אים געגעבן אַ שטיק געפּרעסטע פייגן, און צוויי בינטלעך ראָזינקעס; און ער האָט געגעסן, און האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, וואָרום ער האָט ניט געהאַט געגעסן קיין ברויט און ניט געטרונקען קיין וואַסער דריי טעג און דריי נעכט.

[13] האָט דוד צו אים געזאָגט: צו וועמען געהערסטו, און פון וואַנען ביסטו? האָט ער געזאָגט: איך בין אַ מִצרישער יונג, אַ קנעכט ביי אַ מאַן פון עַמָלֵק, און מיין האַר האָט מיך איבערגעלאָזן, ווייל איך בין קראַנק געוואָרן מיט דריי טעג צוריק. [14] מיר זיינען אָנגעפאַלן אויף דעם דָרום פון דעם כּרֵתי, און אויף וואָס געהערט צו יהודה, און אויף דעם דָרום פון כָּלֵב; און ציקלַג האָבן מיר פאַרברענט אין פייער. [15] האָט דוד צו אים געזאָגט: וועסטו מיך אַראָפּפירן צו דערדאָזיקער מחנה? האָט ער געזאָגט: שווער מיר ביי גאָט, אויב דו וועסט מיך טייטן, און אויב דו וועסט מיך איבערענטפערן אין דער האַנט פון מיין האַר, און איך וועל דיך אַראָפּפירן צו דערדאָזיקער מחנה.

[16] האָט ער אים אַראָפּגעפירט, ערשט זיי זיינען פאַרשפרייט אויפן געזיכט פון גאַנצן לאַנד, און זיי עסן און טרינקען און הוליען איבער אַלדעם גרויסן רויב וואָס זיי האָבן גענומען פון לאַנד פון די פּלִשתּים, און פון לאַנד יהודה.

[17] האָט דוד זיי געשלאָגן פון פאַרנאַכט און ביז אויף מאָרגן אין אָוונט, און פון זיי איז ניט אַנטרונען געוואָרן אַ מאַן, אַחוץ פיר הונדערט יונגע מענער וואָס זיינען געריטן אויף קעמלען, און זיינען אַנטלאָפן. [18] און דוד האָט מציל געווען אַלץ וואָס עַמָלֵק האָט צוגענומען; אויך זיינע צוויי ווייבער האָט דוד מציל געווען. [19] און ביי זיי איז גאָרנישט געמינערט געוואָרן פון מינדסטן און ביזן גרעסטן, סיי זין און טעכטער, סיי פון רויב, סיי אַלץ וואָס־יענע האָבן צוגענומען פאַר זיך; אַלץ האָט דוד צוריקגעבראַכט. [20] אויך האָט דוד צוגענומען אַלע [זייערע] שאָף און רינדער. האָט מען זיי געפירט פאַרויס פאַר יענעם פי, און מע האָט געזאָגט: דאָס איז דודס רויב.

[21] און דוד איז געקומען צו די צוויי הונדערט מאַן וואָס זיינען געווען צו אָפּגעשלאַפּט צו גיין הינטער דודן, און מע האָט זיי געלאָזט זיצן ביים טייך בשור. און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן דודן און אַנטקעגן דעם פאָלק וואָס מיט אים. און דוד האָט גענענט צו דעם פאָלק, און האָט זיי געפרעגט אויף פריד.

[22] האָבן זיך אָפּגערופן אַלע שלעכטע און נידערטרעכטיקע לייט פון די מענטשן וואָס זיינען געגאַנגען מיט דודן, און זיי האָבן געזאָגט: ווייל זיי זיינען ניט געגאַנגען מיט אונדז, וועלן מיר זיי ניט געבן פון דעם רויב וואָס מיר האָבן מציל געווען, נאָר בלויז איטלעכן זיין ווייב און זיינע קינדער, וואָס זיי מעגן אַוועקפירן און גיין.

[23] האָט דוד געזאָגט: איר זאָלט אַזוי ניט טאָן, מיינע ברידער, מיט דעם וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן,

ויעמדו מאתים איש אשר פגרו מעבר את־נחל הבשור׃
יא וימצאו איש־מצרי בשדה ויקחו אתו אל־דוד ויתנו־לו
יב לחם ויאכל וישקהו מים׃ ויתנו־לו פלח דבלה ושני
צמקים ויאכל ותשב רוחו אליו כי לא־אכל לחם ולא־
יג שתה מים שלשה ימים ושלשה לילות׃ ויאמר
לו דוד למי־אתה ואי מזה אתה ויאמר נער מצרי אנכי
עבד לאיש עמלקי ויעזבני אדני כי חליתי היום שלשה׃
יד אנחנו פשטנו נגב הכרתי ועל־אשר ליהודה ועל־נגב
טו כלב ואת־צקלג שרפנו באש׃ ויאמר אליו דוד התורדני
אל־הגדוד הזה ויאמר השבעה לי באלהים אם־תמיתני
טז ואם־תסגרני ביד־אדני ואורדך אל־הגדוד הזה׃ וירדהו
והנה נטשים על־פני כל־הארץ אכלים ושתים וחגגים
בכל השלל הגדול אשר לקחו מארץ פלשתים ומארץ
יז יהודה׃ ויכם דוד מהנשף ועד־הערב למחרתם ולא־
נמלט מהם איש כי אם־ארבע מאות איש־נער אשר־
יח רכבו על־הגמלים וינסו׃ ויצל דוד את כל־אשר לקחו
יט עמלק ואת־שתי נשיו הציל דוד׃ ולא נעדר־להם מן
הקטן ועד־הגדול ועד־בנים ובנות ומשלל ועד כל־אשר
כ לקחו להם הכל השיב דוד׃ ויקח דוד את־כל־הצאן
והבקר נהגו לפני המקנה ההוא ויאמרו זה שלל דוד׃
כא ויבא דוד אל־מאתים האנשים אשר־פגרו ׀ מלכת ׀ אחרי
דוד וישיבם בנחל הבשור ויצאו לקראת דוד ולקראת
העם אשר אתו ויגש דוד את־העם וישאל להם לשלום׃
כב ויען כל־איש ׀ רע ובליעל מהאנשים אשר הלכו
עם־דוד ויאמרו יען אשר לא־הלכו עמי לא־נתן להם
מהשלל אשר הצלנו כי אם־איש את־אשתו ואת־בניו
כג וינהגו וילכו׃ ויאמר דוד לא־תעשו כן אחי את אשר־

כב׳ כא עמס פתח באתנח

נָתַן יְהוָה לָנוּ וַיִּשְׁמֹר אֹתָנוּ וַיִּתֵּן אֶת־הַגְּדוּד הַבָּא עָלֵינוּ
בְּיָדֵנוּ׃ וּמִי יִשְׁמַע לָכֶם לַדָּבָר הַזֶּה כִּי כְּחֵלֶק ׀ הַיֹּרֵד כד
בַּמִּלְחָמָה וּכְחֵלֶק הַיֹּשֵׁב עַל־הַכֵּלִים יַחְדָּו יַחֲלֹקוּ׃
וַיְהִי מֵהַיּוֹם הַהוּא וָמָעְלָה וַיְשִׂמֶהָ לְחֹק וּלְמִשְׁפָּט לְיִשְׂרָאֵל כה
עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיָּבֹא דָוִד אֶל־צִקְלַג וַיְשַׁלַּח מֵהַשָּׁלָל כו
לְזִקְנֵי יְהוּדָה לְרֵעֵהוּ לֵאמֹר הִנֵּה לָכֶם בְּרָכָה מִשְּׁלַל
אֹיְבֵי יְהוָה׃ לַאֲשֶׁר בְּבֵית־אֵל וְלַאֲשֶׁר בְּרָמוֹת־נֶגֶב וְלַאֲשֶׁר כז
בְּיַתִּר׃ וְלַאֲשֶׁר בַּעֲרֹעֵר וְלַאֲשֶׁר בְּשִׂפְמוֹת וְלַאֲשֶׁר כח
בְּאֶשְׁתְּמֹעַ׃ וְלַאֲשֶׁר בְּרָכָל וְלַאֲשֶׁר בְּעָרֵי הַיְּרַחְמְאֵלִי כט
וְלַאֲשֶׁר בְּעָרֵי הַקֵּינִי׃ וְלַאֲשֶׁר בְּחָרְמָה וְלַאֲשֶׁר בְּבוֹר־ ל
עָשָׁן וְלַאֲשֶׁר בַּעֲתָךְ׃ וְלַאֲשֶׁר בְּחֶבְרוֹן וּלְכָל־הַמְּקֹמוֹת לא
אֲשֶׁר־הִתְהַלֶּךְ־שָׁם דָּוִד הוּא וַאֲנָשָׁיו׃

## לא

וּפְלִשְׁתִּים נִלְחָמִים בְּיִשְׂרָאֵל וַיָּנֻסוּ אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל מִפְּנֵי א
פְלִשְׁתִּים וַיִּפְּלוּ חֲלָלִים בְּהַר הַגִּלְבֹּעַ׃ וַיַּדְבְּקוּ פְלִשְׁתִּים ב
אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־בָּנָיו וַיַּכּוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־יְהוֹנָתָן וְאֶת־אֲבִינָדָב
וְאֶת־מַלְכִּישׁוּעַ בְּנֵי שָׁאוּל׃ וַתִּכְבַּד הַמִּלְחָמָה אֶל־שָׁאוּל ג
וַיִּמְצָאֻהוּ הַמּוֹרִים אֲנָשִׁים בַּקָּשֶׁת וַיָּחֶל מְאֹד מֵהַמּוֹרִים׃
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לְנֹשֵׂא כֵלָיו שְׁלֹף חַרְבְּךָ ׀ וְדָקְרֵנִי בָהּ פֶּן־ ד
יָבוֹאוּ הָעֲרֵלִים הָאֵלֶּה וּדְקָרֻנִי וְהִתְעַלְּלוּ־בִי וְלֹא אָבָה
נֹשֵׂא כֵלָיו כִּי יָרֵא מְאֹד וַיִּקַּח שָׁאוּל אֶת־הַחֶרֶב וַיִּפֹּל
עָלֶיהָ׃ וַיַּרְא נֹשֵׂא־כֵלָיו כִּי מֵת שָׁאוּל וַיִּפֹּל גַּם־הוּא עַל־ ה
חַרְבּוֹ וַיָּמָת עִמּוֹ׃ וַיָּמָת שָׁאוּל וּשְׁלֹשֶׁת בָּנָיו וְנֹשֵׂא כֵלָיו ו
גַּם כָּל־אֲנָשָׁיו בַּיּוֹם הַהוּא יַחְדָּו׃ וַיִּרְאוּ אַנְשֵׁי־יִשְׂרָאֵל ז
אֲשֶׁר־בְּעֵבֶר הָעֵמֶק וַאֲשֶׁר ׀ בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן כִּי־נָסוּ אַנְשֵׁי
יִשְׂרָאֵל וְכִי־מֵתוּ שָׁאוּל וּבָנָיו וַיַּעַזְבוּ אֶת־הֶעָרִים וַיָּנֻסוּ
וַיָּבֹאוּ פְלִשְׁתִּים וַיֵּשְׁבוּ בָּהֶן׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיָּבֹאוּ ח

ל, כד׳ היורד קי׳ ל׳ס״א בבנר

אַז ער האָט אונדז אָפּגעהיט, און האָט געגעבן די מחנה וואָס איז אויף אונדז געקומען, אין אונדזער האַנט. 24 און ווער וועט זיך צוהערן צו אַייך אין דערדאָזיקער זאַך? וואָרום אַזוי ווי דער חלק פון דעם וואָס נידערט אין מלחמה אַזוי איז דער חלק פון דעם וואָס בלייבט ביי די זאַכן; גלייך זאָלן זיי זיך טיילן.

25 און אַזוי איז געווען פון יענעם טאָג אָן און ווייטער; און מע האָט עס געמאַכט פאַר אַ חָק און פאַר אַ געזעץ פאַר ישׂראל ביז אויף היינטיקן טאָג.

26 און דוד איז געקומען קיין ציקלַג, און האָט געשיקט פון דעם רויב צו די עלטסטע פון יהודה, צו זיינע גוטע פריינד, אַזוי צו זאָגן: נאַט אַייך אַ מתנה פון דעם רויב פון גאָטס פיינט; 27 צו די וואָס אין בֵית־אֵל, און צו די וואָס אין רָמות פון דָרום, און צו די וואָס אין יַתִּיר; 28 און צו די וואָס אין עֲרוֹעֵר, און צו די וואָס אין שִׂפמות, און צו די וואָס אין אֶשתמוֹעַ; 29 און צו די וואָס אין רָכָל, און צו די וואָס אין די שטעט פון דעם ירַחמְאֵלי, און צו די וואָס אין די שטעט פון דעם קֵיני; 30 און צו די וואָס אין חָרמָה, און צו די וואָס אין כּור־עָשָן, און צו די וואָס אין עֲתָך; 31 און צו די וואָס אין חֶברון, און צו אַלע ערטער וואָס דוד און זיינע מענטשן זיינען דאָרטן אַרומגעגאַנגען.

# לא

1 און די פּלִשתּים האָבן מלחמה געהאַלטן אויף ישׂראל, און די מענער פון ישׂראל זיינען אַנטלאָפן פאַר די פּלִשתּים, און זיי זיינען געפאַלן דערשלאָגענע אויפן באַרג גִלבוֹעַ. 2 און די פּלִשתּים האָבן אָנגעיאָגט שָאולן און זיינע זין, און די פּלִשתּים האָבן דערשלאָגן יהוֹנָתָן, און אַבינָדָב, און מַלכּישוּעַ, די זין פון שָאולן. 3 און די מלחמה איז געווען שווער אַקעגן שָאולן, און די שיסערס, די לייט מיט די בויגנס, האָבן אים געפונען; און ער האָט זייער געציטערט פאַר די שיסערס. 4 האָט שָאול געזאָגט צו זיין וואָפנטרעגער: ציִ אַרויס דיין שווערד און דערשטעך מיך מיט איר, כּדי די דאָזיקע אומבאַשניטענע זאָלן ניט קומען, און מיך דערשטעכן, און מאַכן געשפּעט איבער מיר. אָבער זיין וואָפנטרעגער האָט ניט געוואָלט, וואָרום ער האָט זייער מורא געהאַט. האָט שָאול גענומען די שווערד, און איז אַרויפגעפאַלן אויף איר. 5 און זיין וואָפנטרעגער האָט געזען אַז שָאול איז געשטאָרבן, איז ער אויך אַרויפגעפאַלן אויף זיין שווערד, און איז געשטאָרבן מיט אים. 6 און שָאול, און זיינע דריי זין, און זיין וואָפנטרעגער, אויך אַלע זיינע מענטשן, זיינען געשטאָרבן אין איינעם אין יענעם טאָג.

7 האָבן געזען די מענער פון ישׂראל וואָס אויף יענער זייט טאָל, און וואָס אויף יענער זייט יַרדן, אַז די מענער פון ישׂראל זיינען אַנטלאָפן, און שָאול און זיינע זין זיינען טויט, און זיי האָבן פאַרלאָזן זייערע שטעט, און זיינען אַנטלאָפן. און די פּלִשתּים זיינען געקומען, און האָבן זיך באַזעצט אין זיי.

8 און עס איז געווען אויף מאָרגן, זיינען די פּלִשתּים געקומען אויסטאָן די דערשלאָגענע, און זיי האָבן

געפֿונען שָאולן און זײַנע דרײַ זין, געפֿאַלן אויפֿן באַרג
גִלבוֹעַ. 9 און זײ האָבן אָפּגעשניטן זײַן קאָפּ, און אויסגע־
טאָן זײַנע וואַפֿן, און געשיקט אין לאַנד פֿון די פּלִשתּים
רונד אַרום, אָנצוזאָגן אין הויז פֿון זײערע געצנבילדער,
און דעם פֿאָלק. 10 און זײ האָבן אַהינגעטאָן זײַנע וואַפֿן
אין הויז פֿון עַשתָּרוֹת, און זײַן טויטן לײַב האָבן זײ אויפֿ־
געשטאָכן אויף דער מויער פֿון בֵּית־שָן.
11 און די באַװוינער פֿון יָבֵיש־גִלעָד האָבן געהערט
װעגן אים—װאָס די פּלִשתּים האָבן געטאָן צו שָאולן.
12 זײַנען אויפֿגעשטאַנען אַלע העלדישע לײַט, און זײ זײַנען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, און האָבן אַראָפּגענומען דעם לײַב
פֿון שָאולן, און די לײַבער פֿון זײַנע זין, פֿון דער מויער פֿון בֵּית־שָן. און זײ זײַנען געקומען קײן יָבֵיש, און האָבן זײ
דאָרטן פֿאַרברענט. 13 און זײ האָבן גענומען זײערע בײנער, און באַגראָבן אונטער דעם טאַמאַריסקנבוים אין יָבֵיש; און
זײ האָבן געפֿאַסט זיבן טעג.

פְּלִשְׁתִּים לְפַשֵּׁט אֶת־הַחֲלָלִים וַיִּמְצְאוּ אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־
ט שְׁלֹשֶׁת בָּנָיו נֹפְלִים בְּהַר הַגִּלְבֹּעַ׃ וַיִּכְרְתוּ אֶת־רֹאשׁוֹ
וַיַּפְשִׁטוּ אֶת־כֵּלָיו וַיְשַׁלְּחוּ בְאֶרֶץ־פְּלִשְׁתִּים סָבִיב לְבַשֵּׂר
י בֵּית עֲצַבֵּיהֶם וְאֶת־הָעָם׃ וַיָּשִׂמוּ אֶת־כֵּלָיו בֵּית עַשְׁתָּרוֹת
יא וְאֶת־גְּוִיָּתוֹ תָּקְעוּ בְּחוֹמַת בֵּית שָׁן׃ וַיִּשְׁמְעוּ אֵלָיו יֹשְׁבֵי
יב יָבֵישׁ גִּלְעָד אֵת אֲשֶׁר־עָשׂוּ פְלִשְׁתִּים לְשָׁאוּל׃ וַיָּקוּמוּ כָּל־
אִישׁ חַיִל וַיֵּלְכוּ כָל־הַלַּיְלָה וַיִּקְחוּ אֶת־גְּוִיַּת שָׁאוּל וְאֵת
גְּוִיֹּת בָּנָיו מֵחוֹמַת בֵּית שָׁן וַיָּבֹאוּ יָבֵשָׁה וַיִּשְׂרְפוּ אֹתָם שָׁם׃
יג וַיִּקְחוּ אֶת־עַצְמֹתֵיהֶם וַיִּקְבְּרוּ תַחַת־הָאֶשֶׁל בְּיָבֵשָׁה וַיָּצֻמוּ
שִׁבְעַת יָמִים׃